UNIVERSITY OF ILLINOIS-URBANA
3 0112 060876742

ראטנבילדונג

פעדאגאָגישער כוידעש־זשורנאל
אָרגאן פון פאָלקאָמבילד או. ס. ר. ר.

№ 4—1931

צענטרפארלאג, אלוקראיִנישע אָפטיילונג
כארקאָוו — 1931 — קיִעוו

אינהאלט

זײַט

ש. גולקאָ — צו דער אלוקראַיִנישער ייִדישער קולטור־קאָנפעו... 1

א. מאַקאגאָן — אין קאמפּ קעגן דעם קלאסן־סוינע 8

ד. מ. סקוראטאָווסקי — דער פּראָעקטן־מעטאָד אין פּס״רר 16

וו. אלטשולער — קאָעפיציענט פון קאָרעליאציע און זיכערקייט פון א טעסט . 27

בּאראטונגען און קאָנפערענצן

בּ. בּאראש — לאָמיר זיך שלאָגלעריש גרייטן 42

ג. — אלפאראַבאנדישע בּאראטונג וועגן אנטירעליגיעזער ארבעט ...., .. 47

א. זארעצקי — ייִדיש אין הויכשול (1-טע אלפאראַבאנדישע שפּראַך-קאָנפערענץ) 50

פּעדאגאָגישע פּראקטיק. טריבּונע

אי. ווייצבּליט — זווענגאָראָדקע און אנדערע שולן 62

מ. כמעלניצקי — אייניקע פראגן פון פּראָדוציר־אונטעריכט 66

ר. מעניכאס — ניט „טעכניזם“, נאָר „פּאָליטעכניזם“. 69

מ. ק. בּראָנשווייג — הינער־ און קראָליקעס־צוכט אין דאָרפישע שולן. .. 71

לעווינע — וועגן דער אויסשטעלונג „די אָנפאנג־שול“ 72

רעזאָליוציעס

פונעם 9־טן אלפאראַבאנדישן קאָמיוג־צוזאמענפאָר וועגן ארבעט צווישן קינדער . 77

באשטימונג פון צ״ק אלק״פּ(בּ.) וועגן די דאָרפהײַזער. 81

בּיבּליאָגראפיע

נ. ל. — סוראָגאט 88

ל. גראדענטשיק — לעניניאנע 91

ק. קרופּיצקאיא — „ערשטע טריט“ — לערנבוך פאר ליקפּונקטן 91

קופּערשמיד — מיט וואָס איז עס אן ארבעטבוך 92

5-טע דרוקערײַ, וואָראָווסקי 42 ב. 405 — 1000

שטאָטליט נום. 1092

296.07
R189
no. 4
ראטנבילדונג

ראטנבילדונג

אפרעל, 1931 — IV יאָרגאנג

№ 4

פעדאגאָגישער כוידעש־זשורנאל
אָרגאנ פונ פאָלקאָמבילד או. ס. ר. ר.

צ ע נ ט ר פ א ר ל א ג
אלוקראַינישע אָפטיילונג

אדרעס פונ רעדאקציע: פאָלקאָמבילד, צענטריַרביורא, כארקאָוו, ארטיאָמ־גאס, № 29, פאר „ראטנבילדונג“. פונ פארלאג: צענטרפארלאג, קיִעוו, רויטארמייער־גאס, 43.

ש. גולקאָ.

צו דער אלוקראַינישער ייִדישער קולטור־קאָנפערענצ.

אינ אפרעל 1930 יאָר, מיט א יאָר צוריק, איז באם פאָלקאָמבילד פונ אוקראַינע אָפגעהאלטנ געוואָרנ א פארברייטערטע ייִדישע מעטאָד־בעראטונג איבער די גרונט־פראגעס פונ דער בילדונג־ארבעט אינ דער ייִדישער סוויוע. איצט ווערט דורכגעפירט די צוגרייט־ארבעט צו דער אלוקראַינישער ייִדישער קולטור־קאָנפערענצ, וואָס דארפ פאָרקומענ דעמ 20־טנ מײַ. עס איז איצט נייטיק אפ א ברייטערנ אויפנ קאָלעקטיוו דורכרעווידירנ די אָפגעטאָנענע ארבעט, דורכקאָנטראָלירנ וואָס — אונ דעריקער ווי־אזוי — איז אויסגעפילט אונ פארווירקלעכט געוואָרנ אינ לעבנ פונ די דעמאָלט אָנגענומענע רעזאָליוציעס.

דאָס פארגאנגענע יאָר איז געווענ זייער רײַכ אינ פּראט פונ שעפערישער ארבעט סײַ לויטנ אינהאלט, סײַ לויט דער פאָרמ. לויטנ פארנעמ אונ מאסשטאב איז דאָס אינדערעמעסנ געווענ אנ אויסערגעוויינלעכ יאָר. מ׳האָט געדארפט אײַנפירנ די אָב־ליגאטאָרישע אלגעמיינע בילדונג, ליקווידירנ ביזנ 1־טנ מײַ די אָניוורעדיקײַט צווישנ די דערוואקסענע, גרינטלעכ איבערבויענ די שול אפ פאָליטעכנישע יעסוידעס, פאר־ענדיקנ די רעאָרגאניזאציע פונ דער גאנצער בילדונג־סיסטעמ.

אָט די אופגאבעס אפנ קולטור־פראָנט זײַנענ פאָרמולירט געוואָרנ דאנ, צוריק מיט א יאָר, אונ זיי זײַנענ געווענ געבויט אפ דער באזע פונ די אלגעמיינע דער־גרייכונגענ אינ דער סאָציאַליסטישער בויונג. די סאָציאַליסטישע בויונג אנטוויקלט זיכ מיט ריזיקע טעמפּנ. דאָס גאנצע ראטנלאנד אונטער דער אָנפירונג פונ דעמ

פראָלעטאריאט און זייַן אוואנגארד — דער קאָמוניסטישער פארטיי — געפינט זיך אינ א צושטאנד פונ פאנאנדערגעוויקלטנ סאָציִאליסטישנ אָנגריפ איבערנ גאנצנ פראָנט. אָנגעשטרענגט, אינ קאמפ קעגנ די וווקס-שוועריקייטנ, ווערט אויסגעפילט דער פלאנ פונעמ דריטנ אנטשיידנדיקנ יאָר פונעמ פינפיאָר. עס ווערט פארענדיקט דאָס אויסבויענ דעמ פונדאמענט פונ דער סאָציִאליסטישער עקאָנאָמיק. מיר זייַנענ ארייַנגעטראָטנ אינ פעריִאָד פונ סאָציִאליזמ. דאָס לעבנ רוקט ארויס נייַע פראָבלעמעס, נייַע אופגאבעס, נייַע פאָרמולירונגענ, וואָס ווערנ גיך אונטערגעכאפט דורכ דיברייטסטע מאסנ ארבעטער און ארבעטנדיקע פונ שטאָט און קאָלעקטיוויזירטנ דאָרפ. מיטנ גרעסטנ אינטערעס איז אונטערגעכאפט געוואָרנ דורכ די ארבעטנדיקע מאסנ צוריק מיט א יאָר די פארטייִשע פאָרמולע וועגנ דעמ, אז די קולטור־ארבעט שטייט אָפ פונ דער עקאָנאָמישער אופלעבונג, אז עס איז נייטיק מיט דער גרעסטער ערנסטקייט צו נעמענ זיך לייזנ די קאדרענ־פראָבלעמ. דידאָזיקע פאָרמולע איז ריכטיק אופגענומענ געוואָרנ, און גלייַכ איז מענ צוגעטראָטנ צו דער מאָביליזאציע פונ די מענטשלעכע, פיזישע און מאטעריִעלע מעגלעכקייטנ, קעדיי צו לייזנ דידאָזיקע פראָבלעמ.

נאָכ דער לעבעדיקער אינהאלטרייַכער דיסקוסיע פאראיאָרנ זומער, וועגנ די פראגנ פונ דער סיסטעמ פונ פאָלקסבילדונג, נאָכ דער באשטימונג פונ דער פארטייבאראטונג איבער בילדונג־פראגנ האָט זיכ אָנגעהויבנ דאָס לערניאָר. מיט גוואלדיקע אָנשטרענגונגענ, אָבער אינ גרונט גענומענ זייַנענ די אופגאבעס געלייזט. די רעאָרגאניזאציע פונ דער סיסטעמ פונ פאָלקסבילדונג איז פארענדיקט. אלגעמיינע בילדונג פאר קינדער אינ עלטער פונ 8—10 יאָר איז איינגעפירט געוואָרנ. אפנ געביט פונ פאָליטעכניזאציע זייַנענ געמאכט געוואָרנ זייער ערנסטע שריט. עס זייַנענ פאראנ געוויסע דורכפאַלנ, נאָכ ניט אלצ איז דערטאָנ ביזנ סאָפ, אָבער אינ גרונט גענומענ זייַנענ די אופגאבעס געלייזט.

די פאראיאָריקע ייִדישע מעטאָד־באראטונג האָט אינ גרונט פונ איר ארבעט אוועקגעלייגט די אויבנגעבראכטע אלגעמיינע האנאָכעס. אפ זיי טאקע זייַנענ געווענ געבויט אירע באשלוסנ אינ די פראגנ פונ ייִדישער קולטור־בויונג. אויכ איצט, אפ דער פאָרשטייענדיקער קולטור-קאָנפערעצ וועט אונדז אויסקומענ זיכ צו פארנעמענ — און נאָכ טיפער און ברייטער ווי פאראיאָרנ,— מיט די פראגנ פונ קאָמוניסטישער דערציִונג אינ דער ייִדישער ארבעטנדיקער סוויווע, מיט דער מאסנ־שול, מיט פראגנ פונ פאָליטעכניזאציע, פאָליטופקלער־ארבעט, קאדרענ, מיט דער פראגע וועגנ אידעאָלאָגישנ צושטאנד און אינהאלט פונ דער ארבעט, ליטעראטור א. אז. וו. אָט די אלע פראגנ וועט מענ דארפנ שטעלנ צומ באהאנדלענ אינ דער שייַנ פונ די אלגעמיינע ערגרייכונגענ אפ אלע געביטנ פונ דער סאָציִאליסטישער בויונג, אינ דער שייַנ פונ די נייַע אופגאבעס, וואָס דאָס לעבנ רוקט ארויס.

אפנ ערשטנ אָרט וועט אפ דער קאָנפערענצ געשטעלט ווערנ די פראגע וועגנ אידעאָלאָגישנ צושטאנד און אינהאלט פונ דער גאנצער קולטור־בויונג אינ ייִדיש, וויִאזוי עס זעט אויס די ארבעט בא הייַנטיקנ טאָג. מיט דער גרעסטער ערנסטקייט

איז נייטיק דורכרעווידירנ אלע ווינקעלעכ פונ אונדזער בילדונג־ארבעט, אלע פּאָזי־טיווע אונ נעגאטיווע דערשײַנונגענ אינ דער אנטוויקלונג פונעם קולטור־פּראָצעס אפ דער ייִדישער שפּראַכ. אסאכ נײַס אינ דעם פּראט איז, פארשטייט זיכ, פאראנ אויכ אינ דער ייִדישער סוויווע. דער דיפערענציר־פּראָצעס צווישנ די ייִדישע קולטור־טוער איז נאָכ ניט פארענדיקט. א גרויסנ טאָעס האָבנ יענע טוער, וועלכע טײַנענ, אז „בא אונדז איז אלצ קעשורע”. „אלע זײַנענ פאר דער ראטנמאכט, מיט לײַב אונ לעבנ איר איבערגעגעבנ, ס׳איז ניטאָ צווישנ אונדז קיינ סאָנים” אונ נאָכ אזוינע רעכט־אָפּאָרטוניסטישע אָנשויונגענ. אזעלכע פאקטנ אונ געשעענישנ, ווי די פּאָליטישע פּראָצעסנ איבער דער „אינדפּארטײַ” אונ די רעשטלעכ פונ די מענשעוויקעס בא אונדז אינ לאנד, וואָס מיר האָבנ געהאט האיאָר, האָבנ מיטגעהאָלפנ צו פארשארפנ די דיפערענציר־עלעמענטנ אויכ צווישנ די ייִדישע קולטור־טוער אונ אנטפלעקנ דעם פּאָנעם פונ יענעם, עמעס, ניט באטײַטנדיקנ טייל, וואָס ארבעט די גאנצע צײַט אינ אונדזערע אנשטאלטנ אונ איז נאָכ ביז איצט ניט פרײַ פונ בורזשואזע אונ קליינ־בירגערלעכע ווירקונגענ. שוינ נאָכנ פּראָצעס איבער די רעשטלעכ פונ די מענשעוויקעס וואָס האָבנ זיכ ארויסגעוויזנ פאר דער גאנצער וועלט מיט זייער אָדעם־נאקעטקייט, האָט דאָכ די ווירקלעכקײַט רעגיסטרירט דעם פאקט, ווענ א קולטור־טוער טרעט אָפּנ ארויס אפ א פארזאמלונג אונ דערקלערט זיכ ניט אינ „נייטראלקײַט” צו דער מאכט. ניינ, דער דאָזיקער קולטור־טוער איז זיכ מודע: „Я не могу кривить душою” ער לויבט אינ טאָג ארײַנ דעם דזשוינט, אונ ווענ דער ראטנ־מאכט פארגעסט ער (מײַסע שליאכטער אינ קיִעוו). איצט קענ ניט זײַנ קיינ רייד מעקויעכ „נייטראליטעט” פונ דער לערערשאפט. איצט גייט די רייד וועגנ נײַע פאָרמולעס: וועגנ אָנטייל פונ דער שול, לערער אונ קולטור־טוער אינ דער סאָצפארמעסטונג, אינ דער שלאָגלערײַ, אינ קאמפ פאר דער פּאָליטעכניזאציע, פארנ אויספילנ די אינדפינפלענער א. אז. וו.

עמעס, דער פאקט מיט שליאכטער איז אנ אויסערגעוויינלעכער, דאָס איז אָנ סאָפעק אנ אויסנאם־פאל. דערפאר אָבער ברענגט אונדז די טעגלעכע פּרעסע זייער פיל פאקטנ פונ אנ אנדער מינ: פּאסיווקײַט פונ דער לערערשאפט אינעם פּאָליטיש־געזעלשאפטלעכנ לעבנ, ניט קיינ גענוגנדיקע קריגערישקײַט אינ דער אנטירעליגיִעזער ארבעט, דאָס יאָגנ זיכ נאָכ גרויסע אונ גאָר גרויסע פארדינסטנ, וואָס זײַנענ האיאָר מעגלעכ געוואָרנ אדאנק דער פאנאנדערגעוויקלטער בילדונג־אונ קולטור־ארבעט אונ דעם דעפיציט אינ קוואליפיצירטע קולטור־קויכעס. די פראגע וועגנ באהערשנ די מארקסיסטישע מעטאָדאָלאָגיע אינ דער פּעדאגאָגיק, וואָס האָט אינ דער אלגעמיינ עדאגאָגישער סוויווע אָנגענומענ א ברייטנ פארנעם, די פּעדאגאָגישע דיסקוסיע, די פולע ליטעראטור ארום אָט דער פראגע — דאָס אלצ האָט ניט פארכאפּט דעם ייִדישנ מאסנ־לערער אונ ער איז אינ דער געהעריקער מאָס ניט ארײַנגעצויגנ געוואָרנ אינעם באהאנדלענ אונ דורכשטודירנ די אלע פראגעס.

דער קלאסנקאמפ בא אונדז אינ לאנד דויערט נאָכ אונ וועט דויערנ אזוי לאנג, ביז עס וועלנ ניט אויסגעקאָרטשעט ווערנ די לעצטע וואָרצלענ פונ די קאפּיטאליסטישע

עלעמענטנ. זיי, אָט די קאפיטאליסטישע עלעמענטנ, זייַנענ פאראנ אויכ אינ דער ייִדישער סוויווע. זייער אידעאָלאָגיע ווירקט נאָכ איבער באשטימטע שיכטנ פונ דער ארבעטנדיקער באפעלקערונג אונ אָרעמקייַט פונ שטעטל. די אידעאָלאָגיע רייַסט זיכ דורכ אינ דער שול, פרוווט זיכ באווירקנ דאָס קינד אונ זייַנ לערער. קעגנ אָט די אלע דערשייַנונגענ איז פאָרגעקומענ אונ וועט ווייַטער פאָרקומענ דער קאמפ. דערצו איז נייטיק די געהעריקע אידעאָלאָגישע מארקסיסטיש־לענינישע באוואָפענונג. דערפאר איז נייטיק צו פירנ אנ אומבארעכמאָנעסדיקנ קאמפ קעגנ אלע אָפנויגנ.

אויכ די ייִדישע ארבעטשול איז אינ פארלויפ פונ יאָר רעאָרגאניזירט געוואָרנ. עס זייַנענ שוינ פארעגיסטרירט ערנסטע אָנהייבנ אפנ געביט פונ פאָליטעכניזאציע. א היפשע צאָל שולנ זייַנענ צוגעפעסטיקט געוואָרנ צו זאוואָדנ אונ פאבריקנ, ווו די שול־קינדער באקומענ די געהעריקע פראָדוציר־לערע, ווו עס ווערט געפירט א געזעלשאפטלעכ־נוצלעכע ארבעט, ווו די לערערשאפט איז ענג פארבונדנ מיט דער ארבעטערשאפט אונ אינזשענער־טעכנישנ פערסאָנאל. עס זייַנענ שוינ אויכ געמאכט געוואָרנ ערנסטע פרוּוונ פונ פאָליטעכניזירנ די שול אינ ייִדישנ שטעטל אונ דאָרפ. די קאָנפערענצ וועט זיכ פארנעמענ מיט די אלע פראגעס. עס וועלנ דיסקאָנטירט ווערנ די דערגרייכונגענ, וואָס זייַנענ אָנ ספק פאראנ, אונ אויכ די דורכרייַסנ אפ דעמ געביט. עס איז קלאָר, אז די ייִדישע ארבעטשול האָט דורכשניטלעכ געוווּנענ פונ דער רעאָרגאניזאציע. אונ דאָס איז נאטירלעכ. אינ דערזעלבער צייַט אָבער זייַנענ פאראנ פאקטנ, וואָס ריידנ וועגנ אסאכ נאָכ ניט קיינ בייגעקומענע שוועריקייַטנ אינ דער ייִדישער שול. עס איז דאָ א גרונט צו באהויפטנ, אז אינ א גרויסער צאָל פונקטנ, ווו די ייִדישע ארבעטשול איז פריִער מיט א פאָר יאָר געווענ גאנצ פעסט אוועקגעשטעלט, האָט זיכ איצט די לאגע דאפקע פארערגערט. אינ דער רעכטבערעגיקער אוקראיִנע, אינ די געוועזענע קיִעווער, בערדיטשעווער, בעלאָצערקאָווער, אומאנער, טשערקאסער אונ אנדערע קרייַזנ איז די ייִדישע שול אינ אייכעס שטארק געפאלנ. עס פעלט אויס דער לערער, וואָס זאָל די שול שטעלנ אפ די פיס. דער מער קוואליפיצירטער לערער איז איבערגעגאנגענ אינ א פראָפשול, אינ א ייִדישנ טעכניקומ, אינ א פאבזאוושול, אונ דער אומבייַט איז א פיל שוואכערער סיי אינ הינזיכט פונ פעדאגאָגישער צוגעגרייטקייַט, סיי אינ הינזיכט פונ געזעלשאפטלעכער אקטיווקייַט. אָנמערקנ מיטלענ אפ ניט דערלאָזנ דאָס ווייַטערדיקע פאלנ פונ דער ייִדישער שול אינ אזעלכע פונקטנ, נאָר פארקערט, אופהייבנ זי נאָכ אפ א העכערנ שטאפל,— וועט זייַנ די אופגאבע פונ דער קאָנפערענצ.

עס וועט אונדז אויסקומענ זיכ אָפשטעלנ אפנ צושטאנד פונ דער ייִדישער שול אינ דער לינקבערעגיקער אוקראיִנע. אינ אייניקע פונקטנ פונ דער געוועזענער פאָלטאווער, טשערניגאָווער אונ ענלעכע קרייַזנ זייַנענ נאָכ צוריק מיט עטלעכע יאָר אָרגאניזירט געוואָרנ ייִדישע שולנ. די שולנ זייַנענ געבליבנ 4־יאָריקע, זייער שלעכט קאָמפלעקטירטע, מיט קינדער פונ פארשיידענעמ עלטער, מיט אסאכ איבערדערוואקסענע, אָנ די עלעמענטארע פאָרהאנאָכעס פאר א נאָרמאלער שול. די סוויווע איז

אין דידאָזיקע פּונקטן דורכויס א קליינבירגערלעכע, אָן א פּראָלעטארישער באַזע. די פּאָליטופּקלער־ארבעט איז אין די פּונקטן א נישטיקע. דאָס אלץ האָט געבראַכט דערצו, אַז אין א ריי פּונקטן אַפּ פּאָלטאַווששינע און טשערניגאָווששינע זײַנען די יִידישע שולן אין א שווערן צושטאַנד. דאָס איז דערפאַר, וואָס די יִידישע שול איז אין אַזעלכע פּונקטן שטאַרק אַטאַקירט געוואָרן מיצאַד דעם יִידישן קלעריקאַליזם און קליינבירגער ביכלאַל. איצט דערגייען צו אונדז פּאָדערונגען וועגן פאַרמאַכן דידאָזיקע שולן. מע מאָטיווירט עס דערמיט, וואָס די קינדער אין דידאָזיקע שולן ריידן דורכויס אַפּ אוקראַיִניש, רײַסן זיך אין דער אוקראַיִנישער שול. דערבײַ ווערט אָבער ניט דיסקוטירט דער מאָמענט, וואָס אין א מירגאָראָד, כאָראָל, פּיריאַטין, לובען און נאָך און נאָך פּונקטן איז די יִידישע,— זאָל אַפילע די זײַן 4־יאָריקע שול מיט אירע גאָר יונגע 3—2 לערער, א וויכטיקער שטיצפּונקט פאַר דער ראַטנמאַכט קעגן דער שעדלעכער קאָנטר־רעוואָליוציאָנערער ווירקונג פון יִידישן קלעריקאַל. ווען מיר אײַנגיין אַפּ אַזעלכע טעאָריעס און פּאָדערונגען און זיך אָפּזאָגן פון אָנצונעמען מיטלען די שול צו פאַרפעסטיקן,— הייסט עס, מיר זאָגן זיך אָפּ פון אונדזערע פּאָזיציעס אין קאַמפּ קעגן קלאַסן־סוינע אין דער יִידישער סוויווע אין געגעבענעם ראַיאָן. דאָרט, ווו עס איז ניטאָ קיין קלוב, קיין רויטער ווינקל, קיין קוסטאַרן־קלוב, ווו עס זאָל ווען עס איז געפירט ווערן א פּאָליטופּקלער־ארבעט,— זאָל כאָטש בלײַבן די סאָוועטישע שול. מיט אָט דער פראַגע וועט מען זיך מוזן פאַרנעמען און אויסזוכן די מיטלען, וויאַזוי אַרום בויען דידאָזיקע שולן אין אַזעלכע פּונקטן אַפּ ווײַטער.

פאַראיאָרן איז אַפּ דער מעטאָדבאַראַטונג אָנגענומען געוואָרן א באַשלוס — אוועקשטעלן אַפּ דער געהעריקער הייך די יִידישע שולן און די קולטור־ארבעט ביכלאַל אין די אינדוסטריִעלע צענטרען, ווי כאַרקאָוו, דנעפּראָפּעטראָווסק, דאָנבאַס ווו עס קומט פאָר דער וווּקס פון אינדוסטריִעלן יִידישן פּראָלעטאַריאַט. מע דאַרף מודע זײַן, אַז, ליידער, איז אין דעם פּראַט קיין סאַך ניט אופּגעטאָן געוואָרן. אין אָט די פּונקטן זײַנען אויסגעוואַקסן די פאַבזאַוושולן און אינדוסטריִעלע טעכניקומס, וואָס איז אָן ספּק א גרויסע דערגרייכונג, אָבער די מאַסן־שול און די פּאָליטאופּקלער־ארבעט צווישן די דערוואַקסענע איז געבליבן אינעם זעלבן צושטאַנד, וואָס פריִער. צו דער פראַגע וועט מען מוזן זיך נאָכאַמאָל אומקערן און אַפּסנײַ באַהאַנדלען זי. צו דער צײַט פון דער קאָנפערענץ וועט שוין זײַן פאַרענדיקט דער אַלוקראַיִנישער דורכקוק פון די נאַצמינדישע, דערין אויך יִידישע, פּאָליטופּקלער־אַנשטאַלטן— קלובן, ביבליאָטעקן, רויטע ווינקלען א. אַז. וו. עס וועלן זײַן מאַטעריאַלן פון די ערטער, וואָס מע וועט דאַרפן באַאַרבעטן און זיי אונטערטראָגן דער קאָנפערענץ. פאַרלויפּיק קאָן מען שוין זאָגן, אַז דער צושטאַנד פון די פּאָליטופּקלער־אַנשטאַלטן איז ניט קיין באַפרידנדיקער. די פּאָליטופּקלער־אַנשטאַלטן זײַנען ניט גענוגנד אין דער צאָל. עס זײַנען ניטאָ קיין קאַדרען פון פּאָליטופּקלער־טוער, און די אַנשטאַלטן, וואָס זײַנען שוין יאָ פאַראַן, ארבעטן שוואַך, ניט אַזוי ווי מע דאַרף. זיי האָבן זיך

ניט איבערגעבויט מיטנ פאָנעם צו דער פראָדוקציע, צו די וויכטיקסטע פאָליטיש־געזעלשאפטלעכע אוןווירטשאפטלעכע קאמפאניעס, וואָס זײַנענ פארבונדנ מיטנ דריטנ אנטשיידנדיקנ יאָר פונעם פונפיאָר.

אפ דער קאָנפערענצ וועט נייטיק זײַנ צו פאראלגעמיינערנ די צונויפגעזאמלטע מאטעריאלנ אונ מאכנ אפ ווײַטער די נייטיקע אויספירנ.

אלס א באזונדער פראגע ווערט אויכ געשטעלט די אינדוסטריעלע פראָפטעכנישע בילדונג אפ דער יידישער שפראכ. אפ דער קאָנפערענצ וועלנ אויסגעהערט אונ באהאנדלט ווערנ באריכטנ פונ העכסטנ ראט פאר פאָלקסווירטשאפט — וועגנ צושטאנד אונ פערספעקטיוו פונ די יידישע אינדוסטריעלע טעכניקומס, פונ די יידישע גרופּעס בא די פאבזאוושולנ אונ אויכ פונ פאָלקאָמערד וועגנ די יידישע לאנדווירטשאפטלעכע טעכניקומס אונ לאנדווירטשאפטלעכנ אינסטיטוט. אפ אָט דעם געביט איז אינ פארלויפ פונ יאָר פיל אופגעטאָנ געוואָרנ. עס איז באטײַטנדיק אויסגעוואקסנ די נעצ טעכניקומס, זיי לײַדנ אָבער פונ מאנגל אינ קוואליפיצירטע קויכעס, אינ לערנביכער, אינ א דורכגעארבעטער פראָגראם אונ נאָכ אונ נאָכ. דאָס אלצ וועט מענ דארפנ אפ א געהעריקנ קאָלעקטיוו אויפנ דורכארבעטנ. אינ דערזעלבער צײַט וועט מענ מוזנ שענקענ אופמערקזאמקײַט דעם טייל — א גאנצ היפשנ אינ צאָל — יידישע פראָפשולנ, וואָס איז ניט רעאָרגאניזירט געוואָרנ אינ טעכניקומס אונ וואָס איז געבליבנ אפ דער באזע פונ א 4־יאָריקער שול. דידאָזיקע שולנ זײַנענ אויכ ארויסגענומענ געוואָרנ פונ רעשוס פונ פאָלקאָמבילד אונ זײַנענ מערסטנטייל אריבערגעגאנגענ אינ רעשוס פונ קוסטגעווערב־קאָאָפעראציע. די קוסטגעווערב־קאָאָפעראציע האָט דידאָזיקע שולנ איבערגענומענ אָנ גרויס כיישעק אונ דעריבער — אָנ א ציל־אײַנשטעלונג אונ אָנ א סיסטעם. דערפונ לײַדנ די שולנ, די קינדער, די קאדרענ־פראגע. אינ א געהעריקער סעקציע, אפ דער קאָנפערענצ וועט אויכ דידאָזיקע פראגע דארפנ אלזײַטיק באהאנדלט ווערנ.

נאָכ דער ליקווידאציע פונ די קרײַזנ איז די גרעסטע מערהײַט יידישע שטעטלדיקע שולנ פאקטיש געבליבנ אָנ א שטענדיקער ספעציעלער אָרגאניזאציאָנעלער אונ מעטאָדישער אָנפירונג אינ יידיש. אינ די אלגעמיינע מעטאָדישע ראיאָנישע מעטאָדבאזעס איז נאָכ ניט געפונענ געוואָרנ די פאָרם, וויאזוי מעטאָדיש צו באדינענ די יידישע שולנ אפנ אָרט. אפ דער קאָנפערענצ שטייט טאקע די פראגע וועגנ אָרגאניזירנ די מעטאָדישע ארבעט אפ די ערטער. אויכ אינ דעם פראט וועט די קאָנפערענצ זאָגנ איר וואָרט.

די קאדרענ־פראגע פאר דער יידישער בילדונג־ארבעט שטייט ניט אזוי שארפ, ווי אינ דעם אלגעמיינעם קולטור־וועזנ. דער לערער־מאנגל אינ דער יידישער שול לאָזט זיכ פילנ, אָבער ניט אינ אזא מאָס, ווי אינ דער אוקראינישער שול. אָבער דאָכ איז אינ לערער פאראנ א מאנגל. צום נײַעם לערנ־יאָר וועלנ די ארויסלאָזנ פונ די יידישע פעדאגאגישע מיטל־אונ הויכשולנ ניט באפרידיקנ אונדזערע באדערפענישנ. וויאזוי אמבעסטנ אויסנוצנ די ארויסלאָזנ, ווהינ זיי פארטיילנ אינ

דער ערשטער ריי, וויִאַזוי אוועקשטעלן די ארבעט אין די הויכשולן און זיי צופאסן צו די נויטן פון דער שול, — דאָס אלץ וועט מען אף דער קאָנפערענץ דארפן ערנסט באטראכטן. מיר דענקען, אז מע וועט דארפן אף דער קאָנפערעץ אָרגאניזירן א ספּעציִעלע סעקציע פון פּעדקאדרען, ווו אלע ייִדישע פּעדאגאָגישע מיטל־און הויכשולן וועלן די אלע פראגן דורכטראכטן און דורכארבעטן און זיי ארויסטראָגן אף דער קאָנפערענץ צום באהאנדלען.

די פראגע וועגן איבערגרייטן די לערערשאפט איז אין אלגעמיין געלייזט. עס איז אויסגעארבעט געוואָרן אן איינהייַטלעכע סיסטעם פון הינטערויגיקער איבערגרייטונג דורכן אלוקראַיִנישן אינסטיטוט פאר הינטערויגיקער בילדונג, וואָס וועט ארומכאפּן אויך די ייִדישע לערערשאפט. די איבערגרייטונג וועט אזוי ארום דויערן א גאנצן יאָר און באשטיין פון שריפטלעכע לעקציעס, פּעריִאָדישע קורסן, קאָנפערענצן און סעמינארן אין די ראיאָנען. דער פּלאן פון הינטערויגיקער בילדונג איז אויסגעארבעט געוואָרן מיט אזא כעשבן, אז ער זאָל ארומכאפּן אלע לערער, וואָס נייטיקן זיך אין איבערגרייטונג. בענויגייע צו דער ייִדישער לערערשאפט וועט מען זיך אָבער ניט קאָנען באנוגענען מיט אָט דער הינטערויגיקער בילדונג. מיר וועלן דארפן פּראקטיקירן, ווי ביז איצט, צענטראלע איבערגרייטונג־קורסן אף זומער פאר א באשטימטער צאָל שטאָטישע און דאָרפישע ייִדישע לערער מיט א ספּעציִעל דורכגעארבעטער פּראָגראם. אזעלכע צענטראלע איבערגרייטונג־קורסן פאר די שטאָטישע לערער אין קיִעוו און דאָרפישע — אין אָדעס, ווערן שוין איצטער צוגעגרייט. וויִאַזוי אמבעסטן דידאָקטיש קורסן אוועקשטעלן — וועט מען אויך דארפן איצט באהאנדלען.

אף דער קאָנפערענץ שטייט אויך א באריכט פון אינסטיטוט פאר ייִדישער קולטור. דער אינסטיטוט פאר ייִדישער קולטור האָט שוין דורכגעמאכט זייער א וויכטיקן עטאפּ אין זיין אנטוויקלונג־וועג און ער הייבט אָן צו ווערן אויך אן אָרגאניזירנדיקער פאקטער אין דער עקאָנאָמישער און קולטורעלער ארבעט אין דער ייִדישער סוויווע. די עקספּעדיציעס, וואָס דער אינסטיטוט האָט דורכגעפירט ביז איצט, זיין אָנטייל אין דער לעבעדיקער פּראקטישער ארבעט אויך אפן בילדונג־פראָנט דורך די אנטשפּרעכנדיקע סעקציעס און זיינע הילף־אנשטאלטן — די ביבליאָטעק, קאבינעטן און סעמינארן, די וויסנשאפטלעך־פאָרשערישע פּראָדוקציע — דאָס אלץ האָט א גרויסן אינטערעס פאר דער ברייטער מאסע קולטור־טוער. די קאָנפערענץ וועט אויך באשטימט ברענגען קאָנקרעטע נוצן דעם אינסטיטוט גופא מיט איר געזונטער פּראָלעטארישער קריטיק.

עס איז אויך אָנגעמערקט אויסצוהערן א פּאָרטראָג וועגן דעם צושטאנד און די אופגאבעס פון דער פּראָלעטארישער ייִדישער ליטעראטור. די ייִדישע פּראָלעטארישע ליטעראטור אנטוויקלט זיך אין דער טיף און אין דער ברייט. עס קומען צו נייַע קויכעס, נייַע ווערק. אין דער ליטעראטור האָט זיך ארייַנגעגאָסן א היפּשע צאָל שלאָגלערישע פּראָלעטארישע יוגנט.

די פּראָלעטארישע ליטעראטור האָט אָפּגעהאלטנ ניט איינ ניצאָכנ אינ קאמפּ אפנ אידעאָלאָגישנ פראָנט, פאר אנ אויסגעהאלטענער פּארטייִשער ליניע אינ אירע שעפּערישע ארבעט־מעטאָדנ, אינ איר פּראַקטישנ אָנטייל אונ הילפ דער סאָציִאליס־טישער בויונג. מיט אָט די דערגרייכונגענ אונ טיילווייַזע בלויזנ — וועט די פּראָלע־טארישע ליטעראטור קומענ זיך טיילנ אפ דער קולטור־קאָנפערענצ אונ אויך אויסהערנ די מיינונג פונעמ אָרגאניזירטנ ארבעטער אונ קולטור־אקטיוו.

מע וועט זיך אויך דארפנ נאָכאמאָל אומקערנ צו דער פראגע וועגנ דעמ פּראָ־לעטאריש־געזעלשאפטלעכנ אקטיוו ארומ דער ייִדישער קולטור־אונ בילדונג־ארבעט. אפ אָט דעמ געביט איז נאָכ אויך וויינִיק אופגעטאָנ אונ נאָכ וויינִיקער דערגרייכט געוואָרנ.

אלע אויסגערעכנטע פראגעס וועט מענ דארפנ באהאנדלענ בא דער נייטיקער זעלבסטקריטיק. ס׳איז נייטיק אָנטאפּנ די שוואכע ערטער, ארויסטראָגנ די דורכפאַלנ פאר דער עפנטלעכקייַט, קעדיי צו דערשלאָגנ זיך גרעסערע רעזולטאטנ אינ היִנזיכט פונ בויענ די קאָמוניסטישע אינטערנאציִאָנאלע קולטור.

די קולטור־ארבעט אינ דער ייִדישער שפּראכ האָט דערגרייכט א הויכע שטופּע אונ האָט אָנגענומענ א מאסנ־כאראקטער. די קולטור־ארבעט אינ ייִדיש איז דאָכ אויך אינ א צושטאנד פונ וווּקס, ווי אלצ אינ אונדזער לאנד פונ סאָציִאליסטישער בויונג. מיר וועלנ זיך ניט שרעקנ ארויסצוטראָגנ פאר דער עפנטלעכקייַט אלע „שמאָלע״ ערטער, ווי גרויס זיי זאָלנ ניט זייַנ. דאָס וועט אָבער געטאָנ ווערנ צוליבנ ווייַטער־דיקנ וווּקס, צוליב דער ווייַטערדיקער אנטוויקלונג צומ דינסט פאר די ברייטסטע ארבעטנדיקע מאסנ, וואָס באהערשנ אלע שוועריקייטנ אפ זייער וועג אונ בויענ מיטנ גרעסטנ ענטוזיִאזמ דעמ סאָציִאליזמ.

א. מאקאגאָנ.

אינ קאמפּ קעגנ דעמ קלאסנ-סוינע.

אונדזער פארשטארקטע סאָציִאליסטישע בויונג, דאָס אריַינטרעטנ פונ פ.ס.ר.ר. אינ פּעריִאָד פונ סאָציִאליזמ, די גרויסע אינדוסטריִאליזיר־טעמפּנ, די דורכויסיקע קאָלעקטיוויזאציע אונ די ליקווידאציע פונ באלעגופּנטומ, אלס קלאס, אפ דערדאָזי־קער באזע, האָבנ ארויסגערופנ א שטארקנ ווידערשטאנד מיצאד דעמ קלאסנ־סוינע. די פּראָצעסנ פונ „אינדפּארטיי״, דער פּראָצעס פונ די שעדיקער־מענשעוויקעס פונ צווייטנ־אינטערנאציִאָנאל (פּראָצעס פונ דער אזויגערופענער „פּארבאנדישער ביוראָ״), די שעדיקונג־ארבעט פונ קאָנדראטיעוו־טשאיאנאָווס״ גרופּע, די פארשיידענע באלע־גופּישע אופּטועכצנ קעגנ דער אינדוסטריִאליזאציע אונ קאָלעקטיוויזאציע זייַנענ

באזונדערע רינגען פון איין קייט פון פארשטארקטן קלאסנקאמפ, וואָס קומט פאָר אין לאנד. דידאָזיקע אלע פרוווּן מיצאד דעם אינערלעכן קלאסן-סוינע זײַנען ענג פאר־בונדן מיט דער גאנצער אינטערווענץ־פּאָליטיק, וואָס עס פירן דורך די אויסלענ־דישע קאפּיטאליסטן, באזונדערס דאָס בורזשואזע פראנקרײַך. דער קרייץ־צוג, וואָס עס האָט פירגענומען דער רוימישער פויפּסט, די „דעמפּינג“ קאמפּאניע קעגן פסר״ר, די קאמפּאניע וועגן קלוימערשטער צוואנג־ארבעט אין פסר״ר זײַנען נאָר באזונ־דערע איליוסטראציעס צו דער אלגעמיינער אינטערווענץ-פּאָליטיק, וואָס עס פירט דורך דער אויסלענדישער אימפּעריאַליזם בענוגייע דעם ראטנפארבאנד.

דאָס האָט ניט געקענט ניט אָפּרופן זיך אפ דער קולטור־ארבעט, וואָס איז א באש־טאנד־טייל פונעם גאנצן סאָציאַליסטישן בויונג־פּראָצעס. אויך דאָ באמיט זיך דער קלאסן־סוינע צו שעדיקן פונקט ווי אין אלע אנדערע געביטן פון אונדזער סאָציאַליסטישער בויונג. דער פּראָצעס פון ס. וו. או., די שעדיקונג־ארבעט, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן דורך א גרופּע אקטיווע קאָנטררעוואָליוציאָנערן אין ווײַסרוסלאנד, האָבן אין א גרויסער מאָס געהאט אויך א שײַכעס צו דער קולטור־ארבעט. אויך אין דעם גע־ביט האָבן זיי דורכגעפירט א גרויסע־שעדיקונג־ארבעט סײַ אין דער טעאָריע, סײַ אין דער פּראקטיק. די גרעסטע מערהײַט שעדיקער פון דער אינדפּארטיי, פון דער מענשעוויסטישער „פּארבאנד ביוראָ“ זײַנען באשטאנען פון וויסנשאפטלעכע טוער, פון בורזשואזע אינטעליגענטן. אזוי, אז עס איז קלאָר, אז מיר קאָנען ניט באטראכטן די מאסע קולטור־טוער אלס איין גאנצעס, ווי אייניקע פּרוווּן עס צומאָל טאָן. אונדזער קולטור־מאסע איז דיפערענצירט. די גרעסטע איבערוועגנדיקע מערהײַט אירע איז מיט לײַב און לעבן איבערגעגעבן אונדזער סאָציאַליסטישער בויונג, נעמט אין איר אן אקטיוון אָנטייל, איז איינמאָל פאר אלע מאָל אריבערגעגאנגען אפ דער זײַט פונעם פּראָלעטאריאט. צווישן דער קולטור־מאסע איז אָבער אויך פאראן א טייל בורזשואזע אינטעליגענץ, וואָס קאָן ניט פארלײַדן אונדזער ווּוקס, וואָס קאָן ניט שאָלעם מאכן מיט דעם, וואָס מיר ליקווידירן דעם לעצטן קאפּיטאליסטישן קלאס. דערדאָזיקער קלאסן־סוינע ווערט אנטפּלעקט סײַ אפן טעאָרעטישן געביט, סײַ אין זײַן פּראקטישער ארבעט אין קולטור־געביט.

דידאָזיקע אלגעמיינע דערשײַנונגען געפינען זייער אָפּשפּיגלונג אויך אין דער ייִדישער קולטור־ארבעט אין דערזעלבער מאָס און איבער דיזעלבע סיבעס, ווי אין דער גאנצער קולטור־ארבעט. פּארקערט, איבער א ריי סיבעס איז בענוגייע דער ייִדישער קולטור־ארבעט שטארקער געווען די דירעקטע ווירקונג מיצאד דעם אויס־לענדישן קאפּיטאל. דער, וואָס שטעלט זיך פאָר, אז די ווירקונג מיצאד דעם בור־זשואזן „דזשוינט“, וואָס האָט געהאט אין א געוויסער מאָס א שײַכעס אויך צו דער קולטור־ארבעט, מיצאד א ריי אנדערע בורזשואזע, האלב־מענשעוויסטישע אָרגאני־זאציעס (יעקאָ“, אויסלענדישער „אָרט“ און אנד.), מיצאד דער בורזשואזער ייִדי־שיסטישער ליטעראטור, וואָס פלעג ארײַנגעפירט ווערן אין ראטנפארבאנד, האָט ניט נעגאטיוו געווירקט אפ דעם אידעאָלאָגישן צושטאנד פון די ייִדישע קולטור־

אנשטאַלטן — דער האָט פאַרלוירן דעם קלאַסן־כוש, דער קאָן ניט אָדער וויל ניט זען דעם קלאַסן־פּאָנעם פון דער בורזשואַזיִע און קליינבירגערטום.

צווישן די ייִדישע קולטור־טוער גופא איז פאַראַן אַ געוויסער טייל, וואָס שטאַמט פון דער בורזשואַזיִע און קליינבירגערטום, וואָס האָט געהערט צו די ציִאָניסטישע, בונדיסטישע און אַנדערע נאַציִאָנאַליסטיש קליינבירגערלעכע פּאַרטייען. ניט אַלע האָבן זיך איבערגעקאָכט אין דעם באָלשעוויסטישן פּראָלעטאַרישן קעסל, ניט אַלע האָבן אויסגעלעבט זייערע אָנשויונגען. און איצט, ווען עס איז פאַרשאַרפט געוואָרן דער קלאַסנקאַמף אין לאַנד, האָט געמוזט אַנטפּלעקט ווערן אויך זייער קלאַסן־פּאָנעם. פאַרשטייט זיך, אַז דערדאָזיקער טייל איז אַ גאַנץ קליינער אין דער מאַסע קולטור־טוער. די איבערוועגנדיקע מערהייט פון די ייִדישע קולטור־טוער נעמט באַגלייך מיט דער גאַנצער מאַסע קולטור־טוער אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער גאַנצער סאָציִאַליסטישער בויונג. אָבער דער, וואָס פאַרגעסט אין דערדאָזיקער מינדערהייט, אין דעם פאַרבאַהאַלטענעם קלאַסן־סוינע — דער קאָן ניט באָלשעוויסטיש קעמפן פאַר דער סאָציִאַליסטישער קולטור, פאַר דעם סאָציִאַליזם בכלל.

די פאַרשיידענע אַנטפּלעקונגען פונעם קלאַסן־סוינע אין די ייִדישע קולטור־אַנשטאַלטן שטאַמען פון דעמזעלבן אַלגעמיינעם קלאַסן־וואָרצל, פון וועלכן עס שטאַמען די קלאַסנפייַנטלעכע אַרויסטרעטונגען פון אונדזער סוינע בכלל. אין דער ייִדישער קולטור־אַרבעט האָבן זיי צומאָל נאָר זייער ספּעציפישן אויסדרוק, וואָס שיידט זיך אין טאָך אַרייַן מיט גאָרנישט ניט אָפּ פון די אַלגעמיינע קלאַסן־פייַנטלעכע אַרויסטרעטונגען, וואָס מיר האָבן געהאַט פאַר דער לעצטער צייַט אין ראַטן־אוקראַיִנע מיצד אַ רײ ייִדישע קולטור־טוער, זיי זייַנען רינגען פון איין קייט. די פאַראיִאָריקע אַרויסטרעטונג פון דעם לערער פינעס קעגן דער פּאַרטייִשער אָנפירונג מיט דער ייִדישער קולטור־אַרבעט איז, אָביעקטיוו גענומען, געווען אַן אַרויסטרעטונג קעגן דער קאָמוניסטישער אָנפירונג בכלל, קעגן דער קאָמוניסטישער קלאַסן־דערציִונג אין שול, קעגן דער פּראָלעטאַרישער גיזעלשאַפטלעכקייַט. דאָס, וואָס דער לערער פינעס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זייַן שטאַנדפּונקט, דאָס, וואָס ער האָט געטייַנעט, אַז ער האָט סוביעקטיוו אַזוי ניט געמיינט, דאָס ענדערט ניט די אָביעקטיווע אָפּשאַצונג פון זייַן אַרויסטרעטונג.

צי נעמט, אַשטייגער, די מייַסע מיט דעם פּראָפ. פון מאַטעמאַטיק אין ייִדסעקטער פון כאַרקאָווער אינסטיטוט פאַר פּראָפבילדונג — כ. גאָראָכאָוו, וועלכער האָט פאַקטיש אַרויסגעזאָגט אַ רײ נאַציִאָנאַליסטישע געדאַנקען וועגן דער קולטור־אַרבעט, וועלכער האָט אָפּ אַ שאָוויניסטישן אויפן פאַרגלייַכט דעם צושטאַנד פון דער ייִדישער און אוקראַיִנישער קולטור־אַרבעט, וועלכער האָט געטרויערט וועגן דעם, וואָס בא די „גוֹיִם“, לויט זייַן שאָוויניסטישן אויסדרוק, איז בעסער, ווי בא די ייִדן. אויך דאָ איז ניט וויכטיק די פאַרשיידענע אָפּלייקענישן, וואָס קומען שטענדיק אָן נאָך אַזעלכע אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען, אַז „ניט דאָס האָב איך געמיינט“, „אַז איך בין שטענדיק קעגן אַזעלכע נאַציִאָנאַליסטישע פאָרמולירונגען א. ד. גל.“ וויכטיק איז דאָס, וואָס

אָביעקטיוו האָבן מיר דאָ א באשטימטן אויסדרוק פון קלאסן־פײַנטלעכע אידעאָלאָ־גיעס, פון נאציאָנאליסטיש־שאָוויניסטישע שטימונגען, וואָס רײַסן זיך ארײַן דורך פארשידענע טירן, דורך פארשידענע מײַלער אין אונדזער קולטור־וועזן.

באזונדערס בולעט איז די מײַסע מיט דער פארוואלטערן פון דער פאבזאוו־שול פון לעדער־פאך אין קיִעוו, פון דער מענשעוויטשקע־בונדאָוקע-שליאכטער, וועלכע האָט אין מעשעך פון עטלעכע יאָר געהאט די האָזע צו קעמפן קעגן די קאָמיוגיסטן אין שול, וועלכע האָט שטענדיק זיך געסטארעט אײַנצוטײַנען מיטן אוילעם, אז ווען ניט דער „דזשווינט״, וואָלט די שול ניט געקאָנט עקזיסטירן א. אז. וו. און דאָס קומט פאָר דאן, ווען די מערהײַט אסיגנירונגען אף אויסצוהאלטן די שול און די שילער איז אין מעשעך פון יאָרן באשטאנען פון דער מעלוכע־קאסע, און די פילאנטראָפישע אָרגאניזאציע „דזשווינט״ האָט ארײַנגעוואָרפן צומאָל א ביינדל פאר דער שול. אָט די מענשעוויטשקע־בונדאָוקע האָט געהאָט די האָזע צו ווארפן אזא לאָזונג: „אלע מענטשן ווילן עסן, איז צו וואָס דארף מען אײַנפירן אף ברויט קאטע־גאָריעס א, ב, וו, און אז. וו.? אלע דארפן זײַן גלײַך״.

די מײַסע־שליאכטער, באווײַזט באשײַמפערלעך דעם בורזשואזן טאָך פון די מענשעוויקעס־בונדאָווצעס, וועלכע, האגאמ מיט דער מאסקע פון אלגעמיינע מענטשלעכע לאָזונגען, אנטפלעקן קלאָר זייער בורזשואזן פארצעפ.

צי נעמט, אשטייגער, דעם פאקט, וואָס קיין איינער פון די ייִדישע קולטור־טוער אין קיִעוו האָט ניט געוואָלט פאָרן אין דאָרף ארײַן אף ארבעט אין די ייִדישע שולן, זיי האָבן געפונען אלערליי טערוצים, קעדיי אויסצודרייען זיך פון דער פראָפארייננישער מאָביליזאציע.

מיר האָבן אין אָט די אלע פאקטן סײַ אנטפלעקונגען פון נאציאָנאל־דעמאָק־ראטיזם, סײַ אָפענע ארויסטרעטונגען קעגן דער גאנצער סאָציאַליסטישער בויונג פון דער ראטנמאכט ביכלאל, סײַ אנטפלעקונגען פון פאָשעטער דעזערטירערײַ, קליינבירגערטום א. ד. גל.

נו, און ווי האלט עס מיט דער געזעלשאפטלעכער ארבעט פון דער לערערשאפט? צי אלע לערער, איבערהויפט די שטאָטישע, נעמען אן אָנטייל אין דער פראקטישער סאָציאַליסטישער בויונג אויסער דער שול? אין צוזאמענהאנג מיט דער פאָליטעכ־ניזאציע פון דער שול, ווען די שול האָט זיך נאָענט באהעפט מיט דער ארבעט פון פאבריק און זאוואָד, האָט דער לערער, ווילנדיק ניט ווילנדיק, געמוזט זיך ענגער שטעלן אויך צו דעם. געזעלשאפטלעכן לעבן אפן זאוואָד. דאָס וועט באשטימט פאָזיטיוו ווירקן ניט בלויז אף דעם גאנצן דערציִונג־פּראָצעס אין שול, נאָר אויך אפן אידע־אָלאָגישן צושטאנד פון דער לערערשאפט. דאָך בלײַבט אָבער א געוויסער טייל לערער הינטערשטעליק בענוגייע דער געזעלשאפטלעכער ארבעט, בלײַבט אויסער די ברענענ־דיקע טאָג־פראגעס, וואָס שווימען אוף אין אונדזער ברויזנדיקן סאָציאַליסטישן הײַנט.

די פארשיידענע פאקטן, וואָס עס ברענגט אונדז די לעצטע צײַט די טעגלעכע פרעסע, ריידן וועגן דער אלץ שוואכער ארבעט אין געביט פון אנטירעליגיִעזער

אונ אינטערנאַציאָנאַלער דערציִונג פונ די קינדער. אַפ די לימודים פונ געזעקנטעניש אָדער פונ ייִדישער ליטעראַטור קאָנט איר צומאָל הערנ אינ שול לויב־געזאַנגענ בענויִגייע דעמ „בונד“ אונ אַנדערע נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פּאַרטייענ, וועגנ זייער קלוימערשטער רעוואָלוציאָנערישקייַט אינ דער פאַרגאַנגענהייַט א. ד. גל. דידאָזיקע אַלע פאַקטנ ווערנ צומאָל ניט באַקעמפט דורכ דער סאָוועטישער לערערשאַפט, ווייַל זי איז אָפט ניט גענוג מאַרקסיסטיש צוגעגרייט אַפ אַזוי פיל, אַז זי זאָל קאָנענ אַפ א ריכטיקנ אויפנ דערקלערנ די אָביעקטיווע קאָנטררעוואָליוציאָנערישקייַט פונ דידאָזיקע אָרגאַניזאַציעס בעשאַס דעמ צאַריזמ, ניט רײדנדיק שוינ וועגנ זייער אַקטיוונ קאָנטררעוואָלוציאָנערנ אָנטייל אינ קאַמפּ קעגנ דער ראַטנמאַכט.

די געבראַכטע פאַקטנ זייַנענ, פאַרשטייט זיכ, איינצלנע. די איבערוויגנדיקע מערהייַט פונ אונדזערע אַלע קולטור־טוער איז, ווי מיר האָבנ שוינ געזאָגט, סאָוועטיש. אָבער מיר קאָנענ ניט אונ טאָרנ ניט פאַרשווייַגנ דידאָזיקע פאַקטנ. פאַרקערט, מיר דאַרפנ מאָביליזירנ די אויפמערקזאַמקייַט פונ דער גאַנצער מאַסע לערערשאַפט אַרומ דידאָזיקע קלאַסנפייַנטלעכע אַרויסטרעטונגענ, קעדיי אַפ אַזאַ אויפנ דערציִענ די לערערשאַפט. דידאָזיקע אַלע פאַקטנ רײדנ וועגנ דעמ, אַז מיר האָבנ ביז איצט זייער ווייניק געאַרבעט צווישנ דער לערערשאַפט, האָבנ זי ניט גענוג באַוואָפנט מיטנ מאַרקסיסטישנ קלייזייַענ אַפ צו קעמפנ קעגנ די בורזשואַזע, נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישע אידעאָלאָגיעס. מיר האָבנ זייער ווייניק געטאָנ, קעדיי צו קעמפנ קעגנ די רעשטלעכ פונ בונדיזמ, פונ ייִדישיזמ, וואָס איז נאָכ פאַראַנ צווישנ א טייל פונ דער ייִדישער קולטור־מאַסע. אונדז איז קימאַט ניט באַוווּסט קיינ פונקט, ווו עס זאָלנ אַרבעטנ מאַרקסיסטיש־לענינישע קרייַזלעכ צווישנ דער לערערשאַפט, ווו די לערערשאַפט זאָל אַפ א געהעריקנ אויפנ מאָביליזירט ווערנ אַרומ די ברענענדיקע פראַגנ, וואָס שטייענ איצט פאַר דער מאַרקסיסטישער פּעדאַגאָגיק אונ ד״גל. די פּרעסע, וואָס איז א וויכטיקער ווערקצייַג אינ אונדזערע הענט, שפּילט א גאַנצ היפּשע ראָל אינ היִנזיכט פונ דערציִענ אונדזער מאַסע ביכלאַל אונ די קולטור־טוער ביפּראַט. עס איז אָבער נייטיק דערצו א טאָגטעגלעכע געזעשאַפטלעכ־פּאָליטישע מאַסנ־אַרבעט צווישנ דער לערערשאַפט. זי ווערט דורכ דעמ פאַריינ פונ בילדונג־טוער געפירט, אָבער ניט אינ קיינ גענוגנדיקער מאָס, באַזונדערס צווישנ דער ייִדישער לערערשאַפט, אינ היִנזיכט פונ אויסוואָרצלענ די שאָוויניסטישע נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישע רעשטלעכ.

די קאָנפערענצ פונ נאַצמינדישע בילדונג־טוער דאַרפ אינ דעמ זינ שפּילנ א באַזונדער וויכטיקע ראָל. זי דאַרפ ווערנ א קערפּונקט אינ דער גאַנצער אידעאָלאָגישער אַרבעט צווישנ דער לערערשאַפט. די קריטיק אונ זעלבסטקריטיק איז ביז איצט זייער ווייניק אַנטוויקלט צווישנ דער לערערשאַפט. מיר ווייסנ קימאַט ניט פונ קיינ פאַקטנ, ווענ איינ לערער זאָל זיכ דערלויבנ אָנצושרייַבנ אינ צייַטונג וועגנ די אָדער יענע אידעאָלאָגישע פעלערנ, וואָס עס האָט געמאַכט זייַנ צווייטער כאַווער. אָט אַזאַ מינ באַלעבאַטישע קליינבורזשואַזע „סאָלידאַריטעט“ איז א גאַנצ אָפטע דערשייַנונג

אין אונדזערע פעדקאָלעקטיוון. זיי ווייסן ניט, אז דאפקע דורך דער זעלבסטקריטיק קענען מיר דערהייבן די בילדונג-ארבעט און דעם אידעאָלאָגישן צושטאנד פון אונדזער לערערשאפט צו א העכערער מאדרייגע, דערפירן זי צו מארקסיזם-לעניניזם.

.2

דער קלאסן־סוינע האָט זיך שטענדיק באמיט צו ווירקן אף אונדזער אונטערוואקסנ־דיקן דאָר. ער ווייסט זייער גוט, אז דער אונטערוואקסנדיקער דאָר, פונקט ווי דער דערוואקסענער ארבעטער און קאָלווירטלער. נעמט אן אקטיוון אָנטייל אין דער סאָציִאליסטישער בויונג. ער ווייסט גאנץ גוט. אז דער אונטערוואקסנדיקער דאָר ווערט דערצויגן אין קאָמוניסטישן גײַסט און אז ער איז און וועט זײַן א געזונטער קאָמוניסטישער פארבײַט די דערוואקסענע. דאָס, וואָס זיי געלונגט ניט דורכצו־פירן צווישן די דערוואָקסענע ארבעטער און קאָלווירטלער, סטארען זיי זיך דורכ־שמוגלען צווישן די קינדער. יעדן איז באוווסט די ווירקונג, וועלכע דער קלעריקא־ליזם סטארעט זיך צו האָבן אף די קינדער דורך די פארשיידענע מעלאמדים, דורך די פריוואטע לערער און ד״גל. אף אָט דעם פראָנט געלונגט זיי אָבער ניט. סטארען זיי זיך צומאָל אײַנצופלאנצן בא די קינדער נאציִאָנאליסטישע געפילן, אז זיי זאָלן ניט כאווערן זיך מיט די אוקראיִנישע און רוסישע קינדער, סטארען זיי זיך אָפט אויס־צוטײַטשן די עקזיסטענץ פון א נאציִאָנאלער לויט דער פאָרם און סאָציִאליסטישער לויטן אינהאלט שול אלס אן אנשטאלט, דורך וועלכן מ׳קען דורכשמוגלען נאציִאָנא־ליסטישן סאם.

מיר האָבן פאר דער לעצטער צײַט א ריי פאקטן, וואָס ריידן וועגן דעם, אז דער באלעגופ און נעפּמאן סטארען זיך פארשטארקן זייער ווירקונג אף דער סאָוועטישער ארבעטשול. זיי נוצן אָפט אויס די צײַטווײַליקע שווריקײַטן אונדזערע, קעדיי צו אגיטירן צווישן די קינדער. אויך צווישן די לערער קען מען צומאָל טרעפן אזעלכע, וועלכע צעטיילן אומיסטן די שוכווארג און אָנטאָן אזוי, אז דעם אָרימערן קינד זאָל דאפקע ניט אָנקומען קיין מאלבושים, קעדיי זיי זאָלן ניט קענען באזוכן די שול. יעדן זײַנען באוווסט די פאלן, ווען אייניקע לערער אָרגאניזירן די רינגען אין שול אזוי, אז גראָד די קינדער, וואָס ווינען אין פארשיידענע עקן דאָרף אָדער שטאָט, זאָלן מוזן איבערן ביכער־מאנגל גיין איינער צום צווייטן גאנץ גרויסע שטרעקעס און אזוי ארום ארויסרופן אן אומצופרידנקײַט בא די קינדער.

אויך אין דער יִדישער שול האָבן מיר אנטפּלעקונגען פון דעם קלאסן־סוינע. אין איינער פון די בערדיטשעווער שולן איז אין דער 4־טער גרופּע, נאָך א פּאָרטראָג פון אן ארבעטער וועגן דער סאָציִאליסטישער בויונג, געווען א פּאָר ארויסטרעטונ־גען, וועלכע מע קען אנדערש ניט כאראקטעריזירן, ווי אנטיסאָוועטישע. אין קאלי־נינדאָרפער ראיאָן האָט איינער א באלעגופ אָנגערעדט עטלעכע קינדער, אז זיי זאָלן שלאָגן א פּיאָנער־אקטיוויסט, וועלכער האָט אָנטייל גענומען אין דער קאָלעקטיוויזאציע פונעם דאָרף.

די פאַרטיילונג פונ ביכער און מאַלבושים אינ די ייִדישע שולנ קומט אויכ אָפּט פּאָר ניט לויטנ קלאַסנ־פּרינציפּ. שאָוויניסטישע ארויסטרעטונגענ פונ די ייִדישע קינדער קעגנ די אוקראַיִנישע און רוסישע קינדער דורכ פאַרשיידענע קלוימערשט שטייגערישע און אינ טאָכ אויסגעשפּראָכנ נאַציאָנאַליסטישע, צונעמענישנ, ווי „גוי", „כאַזערפּיסל" און ד"גל. טרעפנ זיכ אויכ איצט, עמעס זעלטנ, אינ דער ייִדישער שול. און דאָס איז פאַרשטענדלעכ פאַרוואָס: דער קלאַסנ־סוינע האָט אינ שול זײַנע אגענטנ — דאָס איז צומאָל דער פאַרבליבענער נאָכ לערער—געוועזענער ציִאָניסט, געוועזענער בונדאָוועצ, דאָס איז דאָס קינד פונ קרעמער, ספּעקוליאַנט און באַלעגופּ, וואָס איז אנטבאַלעגופּעט געוואָרנ. זיי טראָגנ עס טאַקע אַרײַנ די נאַציִאָנאַליסטישע און באַלעגופּישע שטימונגענ אינ שול אַרײַנ.

אינ דער אויבנדערמאָנטער בערדיטשעווער שול זײַנען די פּאָר קינדער, וועלכע האָבנ זיכ ארויסגעזאָגט קעגנ די מאָסמיטלענ פונ דער ראַטנמאַכט, געווענ קינדער פונ ייִדישע גרויסע קרעמער. די שול האָט נאָכ ניט געטונ אַלצ, קעדיי צו איבערדערציִענ דידאָזיקע קינדער, קעדיי צו ווירקנ אפּ זיי, אז זיי זאָלנ איבערדערצויגנ ווערנ אינ סאָוועטישנ גײַסט.

דידאָזיקע פאַקטנ זײַנענ באַשטימט איינצלנע. קימאַט 90% פונ די קינדער אינ די ייִדישע שולנ זײַנענ פּיִאָנערנ. אויכ די איבעריקע קינדער זײַנענ אינ זייער איבערוועגנדיקער מערהײַט אַקטיווע אָנטיילנעמער אינ דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט פונ דער שול, אינ דער סאָציִאַליסטישער בויונג ביכלאַל. די פּיִאָנערנ פונ די ייִדישע שולנ נעמענ אנ אַקטיווונ אָנטייל אינ דעם קאַמפּ פאַרנ אויספּילנ דעם אינדפּינפּלאַנ, פאַר קאָלעקטיוויזאַציע, אינ די איבערוואַלנ פונ די ראַטנ, אינ אויספּילנ אַנדערע געזעלשאַפטלעכ־נוצלעכע אַרבעטנ. די פּאָליטעכניזאַציע פונ דער שול וועט נאָכ מער פאַרשטאַרקנ די פּראָלעטאַרישע ווירקונג אפּ דער שול. אַרבעטנדיק באַם ווערקשטול צוזאַמענ מיטנ אוקראַיִנישנ און רוסישנ אַרבעטער, אַרבעטנדיק אינ דער סאָציִאַליסטישער פאַבריק און זאַוואָד, ווערט דאָס קינד פּראָלעטאַריש, אינטערנאַציִאָנאַל. די געמיינזאַמע קאַמפּאַניעס, וואָס עס פירנ דורכ די פאַרשיידנשפּראַכיקע פּיִאָנער־אָטריאַדנ, העלפנ אויכ שטאַרק מיט דער אינטערנאַציִאָנאַליזירונג פונ די קינדער. אָבער די אויבנדערמאָנטע פאַקטנ, ווי אויכ א ריי אַנדערע, זײַנענ א וואָרעניש פאַר אונדז, אז דער קלאַסנ־סוינע איז וואַכ, אז דער קלאַסנ־סוינע איז נאָכ פאַראַנ, אז ער באַמיט זיכ צו ווירקנ אפּ אונדזערע קינדער. און דעריבער איז די פראַגע וועגנ דער פאַרשטאַרקטער אידעאָלאָגישער אופּווירקונג אפּ די קינדער, די פראַגע וועגנ אַרײַנציִענ זיי אינ דער פּראַקטישער סאָציִאַליסטישער בוי־אַרבעט איינע פונ די וויכטיקסטע. אַלס פּרווו־שטיינ פאַר יעדער איינציקער שול דאַרפ איצט זײַנ: וויִאַזוי די שול איז פּאָליטעכניזירט געוואָרנ, צי זי נעמט אנ אַקטיווונ אָנטייל אינ דער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט פונ דער פאַבריק, אָדער קאָלווירט, צו וועלכער זי איז צוגעפּעסטיקט, צי זי נעמט אנ אַקטיווונ אָנטייל אינ פאַרשיידענע קאַמפּאַניעס, וואָס עס פירט דורכ די פּאַרטיי און ראַטנ־מעלוכע, צי די פּיִאָנער־אָרגאַניזאַציע פירט אָנ

מיט דער גאנצער קינדער־מאסע, צי דער לערער איז דער ווירקלעכער קאָמוניסטישער דערציִער און אגיטאטער.

דער פארשארפטער קלאסנקאמף שטעלט איצט פאר דער לערערשאפט די פראגע, צי איז ער אן אקטיווער אָנטיילנעמער אין דער סאָציִאליסטישער בויונג, צי איז ער אפ דער צווייטער זײַט באריקאדע. קיין מיט־וועג, קיין „נייטראליזם" איז ניט פאראן. די מערהײַט לערערשאפט, וואָס האָט זיך געשטעלט פעסט און אנטשלאָסן אפן וועג פון אקטיוון אָנטייל אין דער סאָציִאליסטישער בויונג, דארף אקטיוו מיטהעלפן צו אנטפלעקן דעם פארבאהאלטענעם קלאסנ־סוינע, צו אויסוואָרצלען און אויסראָטן די רעשטלעך פון קליינבירגערטום און קלאסנ־פײַנטלעכע אידעאָלאָגיעס צווישן דער לערערשאפט.

די קאָנפערענץ פון נאצמינדישע בילדונג־טוער דארף און וועט זײַן איינער פון די סטימולן צו פארשטארקן די אידעאָלאָגישע וואכזאמקײַט אין דער יִדישער קולטור־ארבעט.

מיר האָבן זיך אָפגעשטעלט דאָ בלויז אפ איניקע מאָמענטן פון קאמף קעגן קלאסנ־סוינע אין קולטור־געביט און דאָס אויך נאָר בעקיצער. מיר האָבן ניט גערעדט דאָ וועגן דער ווירקונג פון דעם קלאסנ־סוינע אפ אונדזערע פאָליטופקלער־אנשטאלטן, וואָס איז, פארשטייט זיך, אסאך ווייניקער ווי אפ דער שול, אפ וויפל דער פראָלע־טארישער און קאָלווירטישער קערן און זייער ווירקונג איז דאָ אסאך א שטארקערע, ווי אין דער שול. מיר האָבן דאָ ניט גערעדט וועגן די אנטפלעקונגען פונעם קלאסנ־סוינע, וואָס קומען פאָר דורך פארשידענע אידעאָלאָגיש ניט אויסגעהאלטענע ביכער, דורך פארשיידענע שונד־טרופעס און ד"גל. מיר האָבן אויך זיך ניט אָפגעשטעלט אפ די ווירקונגען מיצאד דעם קלאסנ־סוינע, וואָס זײַנען פאראן אין דער גאנץ קליינער אין צאָל פעדאגאָגישער ליטעראטור אין יִדיש, וואָס האָט אָבער א גאנץ היפשע דאָזע אנטימארקסיסטישע מעכאניסטישע קאָנצעפציעס. דאָס איז אן אופגאבע פאר א ספעציִעלער ארבעט, צו וועלכער מיר וועלן זיך נאָך אומקערן.

וויכטיק איז דאָ נאָר איינס: די אלגעמיינע פראָצעסן פון פארשטארקטער סאָציִא־ליסטישער בויונג, וואָס קומען פאָר אין גאנצן לאנד, רופן ארויס א ווידערשטאנד מיצאד דעם קלאסנ-סוינע — סײַ דעם אוקראַיִנישן, סײַ דעם יִדישן. און דערפאר איז דאָס ארויספירן אפ דער ליכטיקער שײַן יעדע איינצ'קע אנטפלעקונג פון דעם קלאסנ-סוינע נאָך א טויט-קלאפ פאר דעם לעצטן קאפיטאליסטישן קלאס און זײַנע אונטערלעקער. די קאָנפערענץ פון נאצמינדישע בילדונג־טוער, וואָס וועט דורכגיין אונטער'ן צייכן פון קאמף פאר פארשטארקטער קאָמוניסטישער דערציִונג פון די ארבעטנדיקע מאסן , אין קאמף פאר דער מארקסיסטיש־לענינישער אויסגעהאלטנקײַט פון דער גאנצער קולטור־ארבעט, וועט זײַן איינער פון די שטארקסטע קלעפ פאר דעם נאָך ניט דערשלאָגענעם קלאסנ־סוינע.

ד. מ. סקוראטאָווסקי

דער פּראָעקטנ-„מעטאָד“ אינ פּ. ס. ר. ר. אונ דער סאָצגעוועט*)

קיינ פּראָעקטנ־מעטאָד איז אינ די שולנ פונ פסר״ר קימאט נאָכ ניטאָ. דאָס זוכנ די וועגנ, וויִאזוי אָפּצוגיינ פונ דער ווערבאלער שול, אנ אָפּגאנג, וואָס האָט באדארפט דערנעענטערנ צום דערלייזנ באשטימטע אקטועל-פּראקטישע אופגאבעס — האָט גראָד א וואָרפ געטונ א סאכ שולנ, באזונדערס די שולנ פונ דער קאָלווירט־יוגנט, אינ די אָרעמס פונ אלערליי אמעריקאנער אוומערס פונ דעמ „פּראָעקטנ־מעטאָד“.

די גרויסע דערפארונג פונ די שולנ פאר קאָלווירט־יוגנט באווײַזט א גאנצע ריי דערגרייכונגענ, וואָס זײַנענ אנ אייגנשאפט נאָר פונ דער ראטנשול, ווו דער אָנטייל אינ דער סאָציִאליסטישער בויונג אונ די געזעלשאפטלעכ־פּאָליטישע ארבעט ווערנ דער יעסאָד, אפ וועלכנ עס אנטוויקלט זיכ דער פּראָצעס פונ קאָמוניסטישער דערציִונג. מע דארפ דאָכ וויסנ, אז ניט דיואי, ניט קילפּאטריק, ניט דזש. בעררי, ניט קאָללינגס גייענ ניט ארויס פונעמ דאָזיקנ יעסאָד. אָט דער גרונט, אָט דאָס, וואָס די סאָציִאליסטישע בויונג האָט לויטנ אינהאלט אירנ א פּאָדער געטונ אונ פּאָדערט נאָכ הײַנט נײַע ארבעט־מעטאָדנ אונ ארבעט־פאָרמענ, — האָט אויכ ארויסגערוקט די פּראָבלעמ וועגנ אקטיווע פאָרמענ אונ מעטאָדנ פונ ארבעט אינ שול. אָט דאָס טאקע האָט פאר אונדז אוועקגעשטעלט די אופגאבע — ארײַנפירנ אינ לעבנ דעמ פּאָליטעכניזמ, ווײַל ער איז, אלס אונדזער ראטנ־באזונדערקײַט, דער גרונט פונ אלע גרונטנ פאר א גאנצער איבערקערעניש אינ דער פּעדאגאָגיק.

די ספּעציפישקײַט פונ אונדזער (סאָוועטישנ) דערציִונג־פּראָצעס איז אזוי באשײַמפּעלעכ קלאָר, אז עס בלײַבט זיכ נאָר וווּנדערנ, וויִאזוי די „אורא־מעטאָדיסטנ“ הערנ ניט אופ צו אָנכאפּנ זיכ פארנ „פּראָעקטנ־האטשעק“, וואָס דארפ קלוימערשט ראטעווענ די שול, געבנ איר אנ אויסוועג פונ איר שווערער לאגע.

אפ דער צווייטער פּארטיי־באראטונג וועגנ בילדונג האָט כ׳ סקריפּניק געזאָגט אינ זײַנ פּאָרטראָג, אז „דער ארבעט־כאראקטער פונ אונדזער זיבניאָריקער שול באשטייט ניט אינ דעמ, וואָס מע ארבעט דאָרט, וואָס דאָרט איז אײַנגעפירט האנטארבעט, פּראָפעסיִאָנאליזמ. דאָס איז א פאלשער באגריפ וועגנ ארבעט־בילדונג. דער ארבעט־כאראקטער באשטייט גאָר אינ אנ אנדער זאכ,—אינעמ גויוועד זײַנ די אלטע לײַבקנעכטישע פּעדאָגאלע שול, אינעמ גויוועד זײַנ איר אוטאָריטארישנ כאראקטער.

*) דער ארטיקל ווערט געדרוקט אינ סיידער פונ באהאנדלונג. זע ראטנבילדונג נומ. 1.

רעדאקציע.

דער ארבעט־כאראקטער פון דער שול באשטייט אין דעם, וואָס זי דערציט א שילער, וואָס האָט איניציאַטיוו, וואָס איז זעלבסטעטיק, וואָס האָט געוויינשאפטן צו קאָלעקטיווער ארבעט. דידאָזיקע געוויינשאפטן ווײַזט ער ארויס בעייסן לערנען זיך באַהערשן דעם פּעדאגאָגישן מאטעריאל“.

דידאָזיקע אלגעמיינע דעפיניציע איז אסאך בעסער, אסאך באגרינדעטער בא היינטיקער צײַט פאר דער ראטנשול, איידער אלץ צושרײַבן דעם ראטן־מעטאָד, אָדער דער טעכניק, און דערבײַ נאָך בא אזא לאגע, ווען פאקטיש האָט נאָך קיינער ניט געגעבן קיין עמעסן סאָוועטישן פּראָעקטן־מעטאָד, און יעדערער טײַטשט אויס אפ זײַן שטייגער דעם אמעריקאנער פּראָעקטן־מעטאָד, יעדערער פארגלײַכט אים מיט זײַן דערפארונג, אויסמעסטנדיק, אפ וויפל זײַנע באזונדערע סימאָנים האָבן אן אָרט אין זײַן ארבעט, יעדערער דערקלערט זיי פאר סאָוועטישע מעטאָדן און שטעלט זיך אין א פּאָזע פון א מענטשן, וואָס האָט געפונען דעם שליסל צו לייזן אלע פראגעס פון מעטאָדיק.

און אינדערעמעסן איז דער בעסטער אויסוועג — פּאָליטעכניזם אפן יעסאָד פון סאָציאַליסטישער בויונג, ווײַל פּאָליטעכניזם האָט די אייגנשאפט, וואָס קיין סיסטעם פארמאָגט זי ניט. מארקס האָט דאָס פּאָרויסגעזען: „ווי נישטיק, זאָגט ער, עס זאָלן ניט זײַן די טאקאָנעס פונעם פאבריק־אקט וועגן דערציִונג, האָבן זיי פּאָרט דערקלערט אָנפאנג־בילדונג פאר אן אָבליגאטאָרישן באדינג פון ארבעט. זייער דערפאָלג האָט צום ערשטן מאָל באוויזן, אז מע קען פאראייניקן דאָס לערנען און גימנאסטיק מיט האנט־ארבעט; דאָס הייסט, אויך האנט־ארבעט מיט לערנען און גימנאסטיק. די פאבריק־אינספעקטערס האָבן, אויסהערנדיק די געוויִעס־איידעס פון די לערער, אינגיכן געמאכט די אנטדעקונג, אז פאבריק־קינדער, כאָטש מע לערנט זיי צוויי מאָל ווייניקער פון געוויינטלעכע שילער, לערנען זיך אויס פונקט אזויפיל, וויפל יענע און אָפט אפילע מער פון יענע. ס'איז א פּאָשעטע זאך. די, וואָס פארברענגען אין שול נאָר א האלבן טאָג, האָבן אלע מאָל א פרישן קאָפּ, און זיי זײַנען קימאט שטענדיק פעיִק און גערן זיך לערנען. די סיסטעם פון פאראייניקן ארבעט מיט דער שול מאכט איין ארבעט פאר אן אָפרו און דערפרישונג פון דער אנדערערער און דעריבער איז זי פארן קינד ראציאָנעלער, איידער עס זאָל זײַן די גאנצע צײַט פארנומען אין שול אָדער בא דער ארבעט.“ (מארקס. קאפּיטאל XIII, ז. 285).

פונעם דאָזיקן אנאליז פון ק. מארקסן דארף מען מאכן דעם אויספיר, אז פּאָליטעכניזאציע איז דאָס גרינטלעכע אינעם פּעדפּראָצעס. די פּאָליטעכניזאציע, זײַענדיק אָרגאניזירט דערצו אפ וויסנשאפטלעכע יעסוידעס, וועט אליין געבן די בעסטע עפעקטיווקײַט און וועט געפינען איר מעטאָד, וואָס וועט באשטיין ניט בלויז אין לאָקאלע אופגאבן, נאָר וועט דערציִען קאָמוניסטן מיט א פּערספּעקטיוו, מיט ברייטע קענטענישן, וועט דערציִען אלזײַטיק אנטוויקלטע מיטגלידער פון דער געזעלשאפט, וואָס זײַנען פעיִק צו בויען דעם סאָציאַליזם.

ס'וואָלט געווען ניט ריכטיק פארשטיין די זאך אזוי, אז מיר קענען קלוימערשט ניט אויסנוצן גאָרנישט פון דער אמעריקאנישער דערפארונג, פון דער פּראקטיק פון

די פראָעקטנ־מעטאָדנ. פארקערט, דער איינציקער ריכטיקער וועג — דאָס איז מאקסימאל אויסנוצנ אלצ דאָס, וואָס קענ דינענ דער סאָצבויונג, אומבאדינגט, פארשטייט זיכ, איבערארבעטנדיק דעמדאָזיקנ מאטעריאל, דורכלאָזנדיק אימ דורכ קריטיק, דורכ א וויסנשאפטלעכנ אנאליז. מע דארפ ניט פארגעסנ וועגנ די באמערקונגענ, וואָס לעניִנ האָט געמאכט דעמ פארבאנד פונ דער קאָמוניסטישער יוגנט אינעמ 1920־טנ יאָר: „מיר קענענ בויענ דעמ קאָמוניזמ נאָר פונ דעמ סכומ קענטענישנ, אָרגאניזאציעס אונ אנשטאלטנ, באַ דעמ רעזערוו פונ מענטשנ־קרעפטנ אינ מיטלענ, וואָס זיַינענ געבליבנ אונדז פונ דער אלטער געזעלשאפט. נאָר אומענדערנדיק גרינטלעכ דעמ לימעד, די אָרגאניזאציע אונ די דערציִונג פונ דער יוגנט, וועלנ מיר קענענ דערגרייכנ, אז אלס רעזולטאט פונ די אָנשטרענגונגענ פונעמ יונגנ דאָר זאָל באשאפנ ווערנ א געזעלשאפט, וואָס איז ניט ענלעכ צו דער אלטער, דאָס הייסט, די קאָמוניסטישע געזעלשאפט.״

מיר ווילנ נאָר איינס: א באוווסטזיניקע באציִונג מיצאד דעמ לערער צו אלע נייַסנ, וואָס מע לייגט זיי פאָר אלס עכט סאָוועטישע.

צי געננג קריטיש, צי געננג וויסנשאפטלעכ האָבנ אונדזערע פעדאגאָגנ איבערגעארבעט דעמ פראָעקטנ־מעטאָד? לאָמיר זיכ ווענדנ צו פאקטנ. אזוי, לעמאָשל, ב. וו. איגנאטיעוו, אנאליזירנדיק (געבנדיק דעמ גענעזיס, ווי ער זאָגט אליינ) דעמ פראָעקטנ־מעטאָד, רופט ער אימ אָנ אויכ אויספאָרשונג-מעטאָד, זאָגנדיק, אז „יעדער וויַיטערדיקע סיסטעמ ווערט קאָמפליצירטער״, נאָר דערפאר אויכ רייַכער מיט בילדונג־מעגלעכקייַטנ פאר דער פריִערדיקער. יעדע וויַיטערדיקע סיסטעמ פאָדערט גראָד איבער איר גרעסערער קאָמפליצירטקייט אויכ א גרעסערע פעדאגאָגישע געשיקטקייַט פונעמ לערער אונ א גרעסערע פעדאגאָגישע צוגרייטונג.

אונ וויַיטער: „די פראגע וועגנ דעמ גרונט־מעטאָד פונ שול־ארבעט איז א סאָציִאָלאָגישע פראָבלעמ, וואָס מע קענ לייזנ אינ צוזאמענהאנג מיט די קאָנקרעטע באדינגונגענ פונ א באשטימטער פאזע פונ דער געזעלשאפטלעכער אנטוויקלונג.״

אינ דידאָזיקע אויסדרוקנ זעענ מיר שוינ א פלאָנטער: „סיסטעמ״ אונ „מעטאָד״ ווערנ, אויב ניט אידענטיפיצירט אינגאנצנ, איז צונויפגעמישט איינס מיטנ אנדערנ אזוי, אז ס׳איז שווער צו פארשטיינ, 1) צי איז דאָס א פראָעקטנ־סיסטעמ, אָדער א פראָעקטנ־מעטאָד, 2) צי איז דערדאָזיקער מעטאָד אויסגעארבעט געוואָרנ אלס סאָציִאָלאָגישע פראָבלעמ אינ אמעריקע, אָדער מיר ווילנ זי לייזנ אלס אונדזער פראָבלעמ, 3) צי די קונסט פונעמ לערער לייזט די פראגע, צי די עמעסע קוואליטעט פונ דער פאזע פונ געזעלשאפטלעכער אנטוויקלונג (קאָנקרעט — דער אינהאלט פונ אונדזער סאָציִאליסטישער בויונג אונ דער אָנטייל פונ די קינדער אינ איר, 4) וואָס רופט זיכ דאָ אָנ סיסטעמ פונ עלעמענטארע מעטאָדנ, וואָס ווערט אָנגעפירט פונ א אידיי, אונ וואָס איז דאָ דער גענעראלער מעטאָד אָדער דער גרונט־מעטאָד.

מיר גיבנ אזא באשטימונג:

1) די קאָמפלעקס־ (סאָוועטישע) סיסטעם, אלס פרינציפ פונ אָרגאניזירנ דעם פעדפראָצעס, אלס סיסטעם, וואָס אנטשפרעכט דער טקופע פונ סאָציאַליסטישער רעקאָנסטרוקציע, איז קאָמפליצירטער דערפאר, וואָס זי שפיגלט אָפ דעם גאנצנ סכום בוי־פראָצעסנ אונ דעם קאמפ פארנ סאָציאַליזמ, זי שליסט אייַנ אינ זיכ די פראָבלעמענ פונעם פינפיאָר, פונ דער אינטערנאציאָנאלער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג, זי אנטהאלט אינ זיכ די גרונט־אידיי פונ דער פראָלעטארישער דיקטאטור, אונ אינעם פעדפראָצעס דריקט זי אויס די גענעראַלע אידיי, וואָס גיט דעם גאנצנ דערציִונג־פראָצעס א קלאסנ־ריכטונג.

2) דער גרונט־מעטאָד פונ דער ראטנ־שול—דאָס איז דער סאָצגעוועט פונ קאָלעקטיוונ, פונ שלעגלערישע גרופעס, וואָס אָרגאניזירנ זיכ אפ צו דערלייזנ קאָנקרעטע טאָגטעגלעכע אופגאבעס. פארנ גרונט־מעטאָד דארפ מענ רעכענענ דעם סאָצגעוועט, וואָס שליסט אינ זיכ אייַנ די „פראָעקט״־אופגאבע אלס א טעכנישנ מיטל אפ אויסצופילנ די טנאָימ פונעם סאָגעוועט. דעמאָלט וועלנ שאפונג, זעלבסטעטיקייַט, קאָלעקטיוויזמ, דאָס פארייניקנ פיזישע אונ אינטעלעקטועלע ארבעט אונ דאָס פאנאנדערוויקלענ די שול־טעטיקייַט אפנ יעסאָד פונ פראקטישנ אָנטייל אינ דער סאָצבויונג, דאָס פאנאנדערוויקלענ די שול־טעטיקייַט אפנ גרונט פונ געזעלשאפטלעכנוצלעכער ארבעט פונ די שולנ—דעמאָלט זייַנענ דידאָזיקע אלע סימאָנימ לויט זייער אייכעס נאָר ראטנ־סימאָנימ, וואָס קענענ ניט האָבנ, לויט אונדזער מיינונג, קיינ אָרט אינ קיינשומ בורזשואזער דעפיניציע.

ניט אינ אָנשרייַבנ א גאנצ ביכל, אָנעמענדיק פאר א גרונט דוש. בעררים דעפיניציע, באשטייט די זאכ, ניט אינ ענדערנ דעם נאָמענ אונ אויסשרייַענ: „איכ בעט ניט צונויפמישנ״, ווייַל דאָס, פארשטייט איר מיכ, איז דער סאָוועטישער פראָעקטנ־מעטאָד. איגנאטיעוו לייגט אינעם גרונט פונ זייַנ דעפינירנ דעם „סאָוועטישנ פראָעקטנ־מעטאָד״ א ציטאטע, וואָס שטרייַכט אונטער די נייטיקייַט פונ די קינדערס אָנטייל אינ דער ארבעט פונ אלע אָרגאניזאציעס א. אז. וו. דאָס איז א ציטאטע פונ נ. ק. קרופסקעס רעדע, ווו זי זאָגט: „אָנעמ באהערשנ די וויסנשאפטלעכע קענטענישנ אונ דעם וויסנשאפטלעכנ ארבעט־מעטאָד איז אומעגלעכ צו לייזנ די אופגאבעס, וואָס עס שטעלט די סאָציאַליסטישע בויונג.״ „ארויסגייענדיק פונ דער לעצטער״, זאָגט איגנאטיעוו, „אָרגאניזירט די שול איר בילדונג־ארבעט, וואָס גיט א מעגלעכקייַט צו נעמענ א פרוכטבארנ אָנטייל אינ די אויבנאָנגעוויזענע מאָסמיטלענ פונ געזעלשאפטלעכ־נוצלעכנ כאראקטער לויט דעם פראָדוציר־פרינציפ.

„דעמדאָזיקנ ארט שול־ארבעט—אזא אָרגאניזאציע פונעם פעדאגאָגישנ פראָצעס, וואָס שליסט אינ זיכ אייַנ דעם ארבעט־טייל, דעם געזעלשאפטלעכ־נוצלעכנ טייל ארבעט, אָרגאניש אונ ניט אלס ווילדפלייש, אלס א צוגאָב — רופנ מיר אָנ סאָוועטישער פראָעקטנ־מעטאָד.

„פארשטייט זיכ, דאָס איז ניט דער אמעריקאנער פראָעקטנ־מעטאָד, נאָר אינ אסאכ שטריכנ געפינענ מיר פאָרט אנ ענלעכקייַט צווישנ זיי, אונ דעריבער איז

פאראַן א געוויסער גרונט פאַר דעם, אַז מיר זאָלן דעמדאָזיקן נאָמען איבערלאָזן. (דאָס בוך „אַפ די וועגן צום פּראָעקטן־מעטאָד", ז. 23).

ווײַזט אויס, אַז דער מעכאַבער אַליין פילט, אַז לויטן אינהאַלט בלײַבט קימאַט גאָרניט, וואָס זאָל זײַן ענלעך צום אַמעריקאַנער פּראָעקטן־מעטאָד, נאָר ער בעט זיך איבערלאָזן דעמדאָזיקן טערמין. נאָר וואָס טוט מען דעמאָלט מיט דער ווינסשאַפט? אין דער ווירקלעכקײַט האָבן דידאָזיקע באַשטימונגען א ראַטן־ספּעציפישקײַט און דערבײַ אַזאַ, וואָס איז פּרינציפּיעל קעגנזעצלעך דער אַמעריקאַנער (בורזשואַזער). וויאַזוי־זשע קען מען איבערלאָזן דעם טערמין נאָר דערפאַר, וואָס אייניקע סימאָנים זײַנען ענלעך?

אין אונדזערע פּאַרטיי־דאָקומענטן לייענען מיר, אַז „יעדע סאָציאַלע אָרדענונג (קנעכטשאַפט, לײַבייגנטום, קאַפּיטאַליזם) האָט געהאַט אירע מעטאָדן און מיטלען פון צוואַנג־אַרבעט און אַרבעט־דערציִונג אין די אינטערעסן פון די העכערע עקס־פּלואַטאַטאָרישע שיכטן."

פאַר דער ראַטן־אָרדענונג שטייט אין איר גאַנצן פאַרנעם די אויפגאַבע צו אַנט־וויקלען אירע אייגענע מעטאָדן פון ווירקן, קעדיי דערהעכערן די אינטענסיווקײַט און די ראַציאָנאַליזאַציע פון אַרבעט אַפן יעסאָד פון פאַרגעזעלשאַפטלעכטער ווירטשאַפט, אין די אינטערעסן פונעם גאַנצן פאָלק.

דער סאָציאַליסטישער געוועט — דאָס איז א פאַקטער פון א גיכער איבערבויונג פון דער גאַנצער שול־אַרבעט אין העסקעם מיט די פאָדערונגען פונעם פינפיאָר. דער מעכאַבער פון דער באַשטימונג פונעם סאָוועטישן פּראָעקטן־מעטאָד פּרוווט זיך צו ווײַזן די גרונט־סימאָנים פונעם דאָזיקן מעטאָד. מיר גיבן דאָס וואָרט דעם מעכאַבער: „פאַרן ערשטן גרונט־סימען פון אַרבעט לויטן פּראָעקטן־מעטאָד רעכענען מיר דאָס אײַנשליסן די „טאַטן" אינעם נאָרמאַלן אַרבעט־פּלאַן פון דער שול מיט א באַשטימ־טער ציל־און געזעלשאַפטלעך־נוצלעכער אײַנשטעלונג פון דידאָזיקע טאַטן." און מיר וועלן פון אונדזער זײַט זאָגן דעם מעכאַבער, אַז קעגן פּאַסיווע אָנשויונג־קענטעניש האָט זיך אַרויסגעזאָגט מאַרקס, און גראָד אים געהערט דער טערמין „ווירקנדיקע טאַט־קענטענישן". צו וואָס־זשע דאַרף מען צושרײַבן דעם אַמעריקאַנער מעטאָד די בעסטע אייגנשאַפטן, וואָס שטאַמען גראָד פון מאַרקסיזם־לעניניזם?

נאָר די ראַטן־ווירקלעכקײַט, נאָר די סאָציאַליסטישע בויונג איז בעקויעך צו רע־אַליזירן דידאָזיקע „טאַט־אַקטיווקײַט".

„אונדזערע זאַוואָדן וועלן ריזיקע קאָמוניסטישע אַקומוליאַטערס, וואָס ווירקן אין קאָמוניסטישן גײַסט אַפ דער גאַנצער סוויווע, וואָס טיילן פאַנאַנדער דעם לעבנ־שטראָם אין אַלע ווינקעלעך פונעם געזעלשאַפטלעכן און פּראָדוציר־לעבן פונעם לאַנד. עס וועלן געשאַפן נײַע געזעלשאַפטלעכע פאַרבינדונגען צווישן די זאַוואָדן, צווישן די זאַוואָדן און דאָרף, צווישן די זאַוואָדן און דעם מעלוכע־אַפּאַראַט, צווישן די זאַוואָדן און דער שול" („פּראַוודאַ" דעם 3־טן דעקאַבער 1929).

אָט וואָס ס׳ארבעט איבער די שול, אָט וואָס ס׳פּאָדערט אפּ א נייַעמ שטייגער אוועקצושטעלנ דעמ גאנצנ פּראָצעס פונ קאָמוניסטישער דערציִונג.

דער מעכאבער ווייַזט אָנ ווייַטער אלס א סימנ פונעמ פּראָעקטנ־מעטאָד אַז אויספּאָרשערישער ארבעט אונ קאָלעקטיווע אקטיוויקייַט פונ די שילער. ווער עס פארשטייט ניט, אז קאָלעקטיווע אקטיוויקייַט ווייַזט זיכ ארויס אינעמ געוועט־פּראָצעס, אינעמ פּראָצעס פונ בויענ, אינ פּראָצעס פונ קלאסנקאמפּ, דער פארשטייט גאָרניט אינ ראטנ־פּעדאגאָגיק. בלויז ווירקלעכער אָנטייל, ווירקלעכע טעטיקייַט זייַנענ א באַווייַז פונ אקטיוויקייַט. „כ׳האָב גערעדט וועגנ קאָמוניסטישנ געוועט פונעמ שטאנדפּונקט פונ דער אנטוויקלונג פונ ווירטשאפט־פאָרמענ אונ פאָרמענ פונ סאָציִאלער אָרדענונג. דאָס איז ניט קיינ געוועט. דאָס איז א פאראקשנטער, פארביטערטער קאמפּ, — אויב ניט דער לעצטער, איז דער נאָענטסטער צו אימ, — א קאמפּ אפּ לעבנ אונ טויט צווישנ דעמ קאפּיטאליזמ אונ דעמ קאָמוניזמ. דאָס איז נאָכ איינ פאָרמ פונ קאמפּ צווישנ דער בורזשואזיִע אונ פּראָלעטאריִאט״... (לענינ, ב. XVIII, ט. 2, ז. 39—40), אָט ווו עס פילט זיכ דער עמעסער אווטער פונ „טאט־אקטיוויקייַט״ אונ „קאָלעקטיווער אקטיוויקייַט״.

„נאָר אכוץ דער נייַער קראפט, וואָס באקומט זיכ פונ צוזאמענגיסנ אסאכ קרעפטנ אינ איינ אלגעמיינער קראפט, באקומט זיכ אויכ מער פּראָדוציר־ארבעט. שוינ דער געמיינזאמער קאָנטאקט גופע רופט ארויס א געוועט אונ א אלזייַטיקנ שטייַגנ פונ לעבנ־ענערגיע (animal spiritu), אונ עס העכערט די אינדיווידועלע טאט־פעיִקייַט פונ באזונדערע פערזאָנענ״ (מארקס, קאפּיטאל, ו, ז. 243).

דעפינירנדיק דעמ סאָציִאליסטישנ געוועט, אלס דעמ גרונט־מעטאָד פונ ארבעט אינ דער ראטנ־שול, זאָגנ מיר זיכ ארויס פאר דער „פּראָעקטנ״־פאָרמ, דאָס הייסט, פאר באשטימטע אופגאבעס, וואָס מע פּלאנירט זיי מערסטנטייל אפּ לאָקאלנ מאטעריאל אונ וואָס שטעלנ פאָר דעמ מאטעריאל אינ די פּראָגראמעס, וואָס בייַטנ זיכ. מיר שטרייַכנ אונטער די ווערט פונ דער שול־דערפארונג אינ דער ארבעט לויט דער פּראָעקטנ־פאָרמ.

מיר וועלנ ברענגענ נאָכ א סכעמע פונ ארבעט-שטופנ (ז. 22) לויט דער פאָרמ לויטנ מעטאָד) פונ פּראָעקטנ, וואָס עס האָט געגעבנ איגנאטיעוו.

באזונדערס דארפ מענ וואָרענענ פונ וועלנ אונ פּרווונ ארייַנשטופּנ דאָס לעבנ, דעמ ברויזנדיקנ אנטוויקלונג־פּראָצעס אינ סכעמעס. דער גרונט־פעלער פונ אזא טעאָרעטיקער באשטייט אינ דעמ, וואָס ער בלייַבט א קנעכט פונ טראדיציִאָנעלע סכעמעס אונ פלייַסט זיכ נאָר צו קעמפּנ פאר א בעסערער סכעמע. אָט דאָס טאקע זעענ מיר בא די צונויפשטעלערס אונ אווטערס פונעמ זאמלבוכ „אפּ די וועגנ צומ פּראָעקטנ־מעטאָד״. זיי האָבנ דערלאנגט עמפּירישנ מאטעריאל, א גאנצע רייי סכעמעס, זיי האָבנ אָבער ניט געטונ דאָס וויכטיקסטע—זיי האָבנ ניט באשטימט דאָס אָרט פונ פּראָעקטנ אינ דער ראטנ־שול. דאָ איז גאָר ניט גענומענ אינ אכט דער סאָציִאליסטישער געוועט, זעלבסטקריטיק, פּאָליטעכניזאציִע פונ דער שול, וואָס מוז אלס אנ אקטועלע אופגאבע

די אַרבעט־שטופן (עטאַפּן) לויטן פּראָעקטן־מעטאָד:

דזש. בעררי	רודניעוו	סמירענאָמורדענסקי	איגנאַטיעוו
1) צוגרייטונג (דאָס מאָטיווירן דעם פּראָעקט און דאָס אַרויסרופן דעם אינטערעס און די אויפמערקזאַמקייט צו אים). 2) דאָס אָנקלייבן קענטענישן. 3) דאָס פאַרפעסטיקן די קענטענישן (דאָס אויספּרוּוון די קענטענישן אינעם פּראָצעס פון פּראָעקטירן). 4) דאָס פּראַקטישע אָנווענדן (דאָס אויספּרוּוון די קענטענישן אין דער פּראַקטיק).	1) דאָס שטעלן די אויפגאַבע (דאָס אַנטפּלעקן דעם אַלגעמיינעם ציל אָדער די אַרבעט־טעמע, דאָס צונויפשטעלן א פּלאַן). 2) אַנאַליז פון דער עקזיסטירנדיקער לאַגע, לאַנדקענטעניש־אַרבעט. 3) וואָס זאָגט די וויסנשאַפט וועגן דער געגעבענער פראַגע. 4) קלאָר מאַכן די נייטיקע מאָסמיטלען. 5) דאָס צונויפרעדן זיך. 6) אויסרעכענונגען. 7) דאָס באַשטעטיקן דעם פּלאַן פון דער גרופּע־קאָנפערענץ. 8) די צוגרייט־אַרבעט צום פּראָעקט. 9) דאָס דורכפירן די מאָסמיטלען. 10) דיסקאָנט.	דער ערשטער עטאַפּ—צוגרייטונג: א) דאָס אויסקלייבן די אויפגאַבע; ב) די פאָרלויפיקע באַהאַנדלונג; ג) דאָס פּלאַנירן. דער 2־טער עטאַפּ—פולשטענדיק: א) זעלבשטענדיקע אַרבעט; ב) סיסטעמאַטישע אָנפירונג; ג) פאַרזאַמלונגען, קאָנפערענצן דער דריטער עטאַפּ—דיסקאָנט: א) פונעם שילער גופא; ב) פונעם קאָלעקטיוו. ג) אפ אַן אויסשטעלונג אינעם טאָג פון גערעטעניש.	1) דאָס צוגרייטן, וואָס באַשטייט אין שטעלן די אויפגאַבע און צונויפשטעלן אַן אַלגעמיינעם אַרבעט־פּלאַן. 2) דאָס אָריענטירן זיך אין די אָרטיקע באַדינגונגען. 3) צונויפשטעלן באַזונדערע אַרבעט־פּלענער און איינשטעלן פּאַסיקע דיסקאָנט־פאָרמען. 4. וואָס זאָגט די וויסנשאַפט וועגן דער געגעבענער פראַגע. 5) די טרענירונג אין די נייטיקע לערן־ און פּראָדוציר־געוויינשאַפטן. 6) דאָס צונויפשטעלן א פּלאַן פון די נייטיקע פּראַקטישע מאָסמיטלען מיטן דיסקוס פון די רעאַלע מעגלעכקייטן. 7) פאַרווירקלעכן די פאַרטראַכטע פּראַקטישע מאָסמיטלען. די אַרבעט פון די שילער אין די צענטראַלע שטאַפּלען קומט פאָר בעהאַדראָגעריק.

רעאַליזירט ווערן אין דער פ. ז. ז. ש און אין די שולן פאַר קאָלווירט־יוגנט; זיי האָבן גאָר פאַרגעסן אין די באַזונדערקייטן פון דידאַקטיק גרונט־טיפּן פון דער אַרבעטשול, וואָס פירן צו דער איינהייטלעכער פּאָליטעכנישער שול.

דער זאַמלבוך ווייזט אויך ניט אָן דערויף, אז די פּראָגראַמעס מוזן ענדגילטיק ריכטן דעם גאַנצן פּעדפּראָצעס לויט די נייע פאָדערונגען, דאָס הייסט, אפ פּאָלי־טעכניזאַציע, ווייל ס'איז א פאַקט, אז די קעסיידערדיקע אַרבעט־וואָך און די נייע לערן־פּלענער, וואָס בינדן צוזאַמען רעאַל די בילדונג מיט פּראָדוציר־פּראַקטיק אין די ווערקשטאַטן, אין דער פּראָדוקציע, די סעמעסטער־סיסטעם — דאָס אַלץ פּאָדערט א פולשטענדיקע איבערבויונג, מע קען זאָגן, א סאָצרעקאָנסטרוקציע פון דער גאַנ־צער שול, פונעם גאַנצן פּעדאַגאָגישן פּראָצעס.

ס'איז פולשטענדיק קלאָר, אז ווען מע מיידט אויס דידאַקטיק נייע פּראָבלעמעס, אָדער מע פאַרגעסט בעקיוון אין דער קאָמפּלעקס־סיסטעם פון אָרגאַניזירן דעם פּעד־פּראָצעס, אָדער ווען מע ווייסט גאָרניט, און מע פאַרשטייט ניט די פּרינציפּיעלע וויסנ־שאַפטלעכע באַטייטונג פון דערדאַקטיקער סיסטעם, אלס א מאַרקסיסטישער ראַטנ־סיסטעם פון דער בויונג, דעמאָלט בלייבט אין טאָך אריין *) צוציען פאַר די האָר אַלץ, קעדיי צו מאַכן דעם „פּראָעקטן־מעטאָד" פאַר א מאַרקסיסטישן, צו אָנהענגען דעמדאָזיקן מעטאָד אַלע אייגנשאַפטן פון דער ראַטן־ווירקלעכקייט, צו זען אַן אויס־וועג נאָר אין אים.

אז דאָס איז אזוי, קען מען זיך לייכט איבערצייגן, ווען מע הייבט נאָר אָן צו אַנאַליזירן די סכעמע, וואָס עס האָט געגעבן כ' איגנאַטיעוו. מיר מאַכן בעקיוון אזא פּרווו, קעדיי וואָס באַשיימפּערלעכער צו באַווייזן, וויאזוי מע טאָר ניט פאַנאַנדער־קלייבן און טראַקטירן אופגאַבעס־פּראָעקטן. מיר נייטיקן זיך אין לעבעדיקע אַרבעט־פּראָעקטן, ווייל נאָר אזוינע פּראָעקטן קענען אַנטשפּרעכן די באַזונדערקייטן פון דער פּאָליטעכנישער ראַטן־שול. פּעלערן טרעפן זיך דאָ ניט בלויז איבערן ניט פאַרשטיין פּראָעקטן, נאָר אויך דערפאַר, וואָס די מעכאַברים דוכט זיך, אז דער פּראָעקטן־מעטאָד איז דער איינציקער מעטאָד, וואָס וועט געבן קלוימערשט דער שול די מעג־לעכקייט אַרויסצוגיין פון איר ווערבאַלן צושטאַנד. עס הייבט זיך אָן מיט א גוטן ווונטש אַרויסצוקריכן פונעם ווערבאַליזם־זומפּ אפּן וועג פון „שעפערישער טעטיקייט פון די שילער", נאָר די מעכאַברים, וואָס זיינען שקלאַפן פון די סכעמעס, וויקלען ניט ווילנדיק איין דעם לעבעדיקן פּראָעקט אין אזא מענגע סכאָלאַסטישע צוגרייטונ־גען, „פּרווון" און „וויסנשאַפטלעכע שטאַנדפּונקטן", אז ס'ווערט שווער אפילע צו געפינען דאָס קערנדל פונעם פּראָעקט.

דעריבער איז נייטיק בא אַלע באַדינגונגען צו אַנאַליזירן די עקזיסטירנדיקע לאַגע, וואָס זאָגט די וויסנשאַפט וועגן דעם א. אז. וו.

---

*) זע די דעפיניציע פון אונדזער קאָמפּלעקס-סיסטעם אין אונדזער אַרטיקל „די קאָמפּלעקס-סיסטעם אין דער טקופע פון סאָציאַליסטישער רעקאָנסטרוקציע" (אוקראַיניש).

כ׳ רודניעוו האָט געגעבנ ניט קיינ פרינציפּיעל אנדערע אָנשטעלונג אינ פארגלייַכ מיט דזש. בעררים. ער האָט נאָר צוגעגעבנ דעמ § 6. זיי ביידע רעכענענ דערבייַ גאנצ פּאָשעט, אז דער פראָעקט דארפ ארומנעמענ אלצ, אונ דעריבער מוז מענ, לערנענדיק געאָגראפיע, מאטעמאטיק, נאטורוויסנשאפט, אומבאדינגט צוציִענ זיי אפילע פאר די האָר צומ פראָעקט. פונ דער צווייטער זייַט דארפ מענ, פארשטייט איר, צוטראכטנ אזעלכע פראָעקטנ, אז זיי זאָלנ אומבאדינגט ארומכאפּנ דעמ מינימומ פונ פאָרמעלע קענטענישנ פאר א באשטימטנ לערנ־יאָר, לערנ־סעמעסטער.

דאָ האָבנ מיר שוינ א פעלער אפילע בענגייע דער אמעריקאנישער דערפארונג, ווייַל דאָרט ווערט אָפט פאָרויסגעזעענ, אז סע קענ פאָרקומענ א צעטיילונג פונ די קינדער אויסער די עקזיסטירנדיקע גרופּעס. עס קענענ געשאפנ ווערנ אזעלכע פראָעקטנ, וואָס זייַנענ צוגענגלעכ צו אסאכ גרופּעס, וואָס נעמענ זיכ איינעמ אויסצופילנ זיי קאָלעקטיוו. מיר וויסנ אסאכ אזעלכע שטייגער־פראָעקטנ, ווי, לעמאָשל, „קאמפ קעגנ מאשכיסימ“ א. אז. וו., נאָר מע דארפ אנטשיידנ קעמפנ קעגנ אזעלכע טענדעגצנ, קעגנ אזא פארשטיינ פראָעקטנ, וואָס טוענ „אלצ“. מע דארפ קעמפנ קעגנ אויסגעטראכטע פראָעקטנ, ווייַל זיי קענענ נאָר דיסקרעדיטירנ דעמ פראָעקטנ־מעטאָד. מע דארפ, אז א פראָעקט זאָל געבוירנ ווערנ, אלס אנ אקטועלע לעבנ־באדערפעניש אפנ יעסאָד פונ סאָצבויונג אונ פראקטישנ קלאסנקאמפ אינ זאוואָד, אינעמ קאָלווירט. ניט אלע פראָעקטנ זייַנענ אלציינע, אונ ניט אלע דארפ מענ דערפאר אריינלייגנ אינ א שאבלאָנ־סכעמע. לענינ האָט געזאָגט: „דער יונגער דאָר קענ לערנענ דעמ קאָמרניזמ, נאָר צוזאמענבינדנדיק יעדנ טריט פונ זייַנ לערנענ, זייַנ דערציִונג אונ זייַנ בילדונג מיטנ שטענדיקנ אומופהערלעכנ קאמפ פונ די פראָלעטאריער אונ די ארבעטנדיקע קעגנ דער אלטער עקספּלואטאטערישער געזעלשאפט.“

אָט דאָס איז דאָס גרינטלעכע פאר דער טעאָריע אונ פראקטיק, פאר אייַנפירנ אזוינע פאָרמענ, ארבעט־מעטאָדנ אינ שול, אז זיי זאָלנ געבנ די מעגלעכקייַט אויסצופילנ לענינס דירעקטיוו. מע דארפ פארשטיינ דעמ גרויסנ טעאָרעטיש־פּעדאגאָגישנ ווערט פונ דערדאָזיקער פאָרמול „לערנענדיק זיכ, אָרגאניזירנדיק זיכ, פארייניקנדיק זיכ, קעמפנדיק“, ווו עס ווערט פאָרגעשטעלט דער קאָמפּלעקס פּראָצעסנ, וואָס זייַנענ צוזאמענגעבונדנ צווישנ זיכ. אָט דאָ דארפ מענ זענ די ספּעציפישע אייגנשאפט פונ דער ראטנ־דערציִונג, מע דארפ קענענ איבערשליסנ דאָס אפ מעטאָדיק, אונ די מעטאָדיק אונטערווארפנ אָט דידאָזיקע פרינציפּנ. די פרווו צוצושרייַבנ די פראָגראמ פונ קאָמוניסטישער דערציִונג דעמ „פראָעקטנ־מעטאָד“ — דאָס איז נאָר הוילע סכעמאטיק. דער פראָעקטנ־מעטאָד קענ בא א געהעריקער אָרגאניזאציע פונעמ פּעדפראָצעס לויט דער קאָמוניסטישער פראָגראמ, ווערנ א פּעדאָטעכנישער מיטל אפ צו רעאליזירנ א טייל פונ דער פראָגראמ פונ קאָמוניסטישער דערציִונג. איבער דעמ טאָרנ מיר זיכ ניט לאָזנ פארפירנ דורכ אבסטראקטע טעאָריעס אונ דיסקוסיעס וועגנ סכעמעס, נאָר מיר דארפנ קענענ ארויסגיינ פונ דער רעאלער סוויווע, פונ די רעאלע באדינגונגענ פונ דער הייַנטיקער סאָציִאליסטישער בויונג אינ שטאָט אונ אינ דאָרפ אונ

אנטשפרעכנדיק צופאסנ אונדזערע פראָגראמעס, אונדזערע מעטאָדנ אונ ארבעט־פאָרמענ. כ׳ סקריפניק שטרייַכט אונטער אינ זייַנ ארויסטרעטונג אפ דער צווייטער פארטיי־באראטונג, אז „אונדזער פראָגראמ רעדט וועגנ פאָליטעכניזמ, ווי וועגנ א באקאנטשאפט מיט אלע גרונט־געביטנ פונ פראָדוקציע, אינ דער טעאָריע אונ אינ פראקטיק. איכ שטרייַכ אונטער—אינ דער טעאָריע אונ אינ דער פראקטיק. ניט נאָר אינ דער טעאָריע נאָר אויכ אינ דער פראקטיק; ניט נאָר אינ דער פראקטיק, נאָר אויכ אינ דער טעאָריע. ווענ עס זייַנענ פאראנ אזעלכע אָנהענגערס פונ פאָליטעכניזמ, וואָס רוקנ ארויס א הונדערטווערסטיק־פאנאנדערגעוויקלטע פראָגראמ פונ פאָליטעכניזמ, קעדיי מיט איר, מיט דערדאָזיקער פראָגראמ, זיכ אָפצוימענ פונ דער לעבעדיקער באדערפעניש פונעמ לעבנ, זאָג איכ, אז דאָס זייַנענ טויטע מענטשנ, מענטשנ אָנ ציינ, וואָס פארבייַטנ די פאָדערונגענ פונ לעבנ אפ ווערטער. מיר דארפנ דורכפירנ פאָליטעכניזמ אינ דער שול אזוי, ווי מיר קענענ איצט, אונ אפ דער באזע, וואָס איז איצט פאראנ. וואָס איז דאָ וואָס צו רעדנ וועגנ דעמ, וואָס עס וועט זייַנ איבער 10 טויזנט יאָר, וואָס ס׳וועט זייַנ אינ דער שול פונעמ אנטוויקלטנ קאָמוניזמ, אז ס׳איז נאָכ פאראנ א צעטיילונג אפ קלאסנ א. אז. וו. מיר דארפנ ארבעטנ אפ דער־דאָזיקער באזע. טעאָרעטיש פארשטיינ דעמ פעדאגאָגישנ פראָצעס, פאנאנדערארבעטנ דעמ דיאלעקטישנ מאטעריאליזמ, טעאָריע פונ פעדאגאָגיק—דאָס אלצ איז אומבאדינגט נייטיק, נאָר דערלויבט אייַכ זאָגנ, אז אונדז איז נייטיק איצט דורכצופירנ דעמ פאָליטעכניזמ אינ דער שול, וואָס עקזיסטירט אפ דער באזע, וואָס מיר האָבנ איצט, דורכפירנ, אפ וויפל ס׳איז מעגלעכ, פאָליטעכנישע קענטענישנ אונ געוויינשאפטנ."

ווייַטער ברענגט כ׳ סקריפניק לענינס פאָרמול: „מע מוז פארווירקלעכנ א ריי שריט, וואָס זייַנענ שוינ איצט מעגלעכ, צו פאָליטעכנישער בילדונג, נעמלעכ: באזוכנ עלעקטרישע סטאנציעס אונ לעקציעס מיט עקספערימענטנ, א ריי פראקישע ארבעטנ, וואָס מע קענ אויספילנ מיט עלעקטריע (פאנאנדערארבעטנ א דעטאלע פראָגראמ). דאָס איז אויסערגעוויינלעכ וויכטיק"—,זאָגט לענינ.

מיר ברענגענ בעקיוונ גאנצ לאנגע ציטאטעס, קעדיי באזונדערס אונטערצושטרייַכנ דאָס אקטועלע, וואָס מוז ווערנ אלס א דירעקטיוו, וואָס מע דארפ אויספילנ אינ דער פראָגראמ־מעטאָדישער פראקטיק. מע מוז פאָרויסזענ א ריי מעטאָדנ, וואָס מיר וועלנ אויסנוצנ, קעדיי פראקטיש צו פארווירקלעכנ די פאָליטעכנישע בילדונג. צווישנ דידאָזיקע מעטאָדנ וועט דער „פראָעקטנ־מעטאָד" פארנעמענ א בעקאָוועדיק אָרט, נאָר די גרונט־מעטאָדנ פונ אונדזער ארבעט אינ שול, די אָנפירנדיקע מעטאָדנ, וואָס שאפנ דאָס ספעציפישע פונ קאָמוניסטישער דערציִונג, — דאָס איז דער סאָציאַליסטישער געזעצ אונ זעלבסטקריטיק. דער פראָעקטנ־מעטאָד איז א פעדאָטעכנישער מיטל צו ארבעטנ לויט דידאָזיקע גרונט־מעטאָדנ, וואָס אנטשפרעכנ פולשטענדיק דער מארקס־לענינישער מעטאָדאָלאָגיע פונ בויענ דעמ גאנצנ פעדפראָצעס.

די קאָמפלעקס סיסטעמ, ווי דאָס האָט באוויזנ די דערפארונג אונ ס׳האָט באגרינדעט די וויסנשאפט, — דאָס איז דיאלעקטישע מארקס־לענינישע מעטאָדאָלאָגיע

פון בויען דעם פעדפראָצעס. אָט פאַרוואָס מע קען ניט רעדן נאָר וועגן דעם פראָעקטן־מעטאָד. מע דאַרף שאַפן א קלאָרע סטרוקטור פאַר דעם גאַנצן פעד־פראָצעס, וואָס שליסט איַין אין זיך אויך פראָעקטן, אויפגאַבן אַלס איינעם פון די פאַקטערס צו פּאָליטעכניזירן די שול אין פ. ס. ר. ר.

„זייַט מויכל", וועלן זאָגן די מעכאַבּרים „איר האָט פאַרגעסן נאָך וועגן צוויי סימאָנים פונעם פּראָעקטן־מעטאָד, — וועגן פּלאַנירן און קאָלעקטיוויזם". יאָ, דאָס זייַנען ווירקלעך צוויי גרונט־סימאָנים, אויב ניט די הויפּט־סימאָנים, וואָס זייַנען די אייגנשאַפט בלויז פון דער נאַטור פון דער עכטער ראַטן־פּעדאַגאָגיק, אַלס אַן אָפּ־שפּיגלונג פון פּלאַנירן און באַווייַז פון דער נאָך ניט געהערטער שעפערישקייַט פונעם קאָלעקטיוו פון די אַרבעטנדיקע מאַסן אין דער סאָציאַליסטישער בויונג. נאָר דידאַזיקע צוויי הויפּטזעכלעכע גרונט־סימאָנים האָבן געפונען זייער אייגענעם מעטאָד, דעם ספּעציפישן ראַטן־מעטאָד, — דעם סאָציאַליסטישן געוועט. דאָס דאַרף מען ניט פאַרשמירן, פאַרבייַטן אַף אַנדערע צונעמענישן. א. אז. וו.

לאָמיר אויסהערן אונדזערע אָנפירערס פון פּלאַנירן די בויונג פונעם סאָציאַליזם. „פאַרגעסט ניט, אַז מיר ווילן באַשאַפן ניט סטאַם א פּלאַן פון פאַנאַנדערוויקלען די פאָלקסווירטשאַפט, נאָר א וויסנשאַפטלעכער פאַנאַנדערוויקלונג־פּלאַן, א וויסנשאַפטלעכן פּלאַן פון דער פאָלקסווירטשאַפט, א פּלאַן, וואָס זאָל זייַן אונטערגעקאָוועט דורכן דעם דיאַלעקטיש־מאַטעריאַליסטישן שטאַנדפּונקט...". (קרזשיזשאַנאָווסקי—„פון דער שלוס־רעדע אַפן v־טן צוזאַמענפאָר פון מעלוכע־פּלאַן"). די פראַגן וועגן פּלאַנמעסיק אָרגאַניזירן די פאָלקסווירטשאַפט זייַנען פולשטענדיק פאַרבונדן מיט דער דערציִונג־פראַגע. ניט קיין פּלאַנירן בלויז אַלס א פּעדאַגאָגישע צוועקמעסיקייַט און אַלס א מיטל אַף אויסצוזוכן פאַרענפערנישן פאַר פּלאַנירן, וואָס זייַנען שוין איבעריק (די געשיכטע פון איבערויספּילן דעם פּינפּיאָר האָט גלענצנדיק דערוויזן, אַף וויפיל ס'איז העכער דאָס סאָציאַליסטישע פּלאַנירן פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם), נאָר דאָס פּלאַנירן אין שול, אַלס אַן אייגנשאַפט, אַלס אַן אומטייַלבאַרער עלעמענט פונעם אַלגעמייַנעם פּראָצעס פון דער סאָציאַליסטישער בויונג.

אָט וואָס ס'האָט וועגן דעם געזאָגט לענין: „פאַר אונדז טרעט אַרויס די באַ־טייַטונג פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור אין א נייַער באַלויכטונג! דער פּראָלע־טאַריאַט דאַרף אַרויסטרעטן באַ איצטיקן מאָמענט אין דער ראָל פון אַן אָרגאַניזאַטער. מיר דאַרפן אָרגאַניזירן די ווירטשאַפט אַף נייַע יעסוידעס, אויסנוצנדיק די פּרוכטן און קולטור פונעם קאַפּיטאַליזם.

דאָס איז ניט נאָר אַן אָרגאַניזאַציאָנעלע אויפגאַבע, נאָר אויך א דערציִונג־אויפגאַבע, און גראָד דערפאַר איז דידאָזיקע אויפגאַבע אַסאַך שווערער פון א מיליטערישער אויפגאַבע" (ב. XVII) די פולקאָמסטע פּלאַנירנדיק־דיסקאָנטירנדיקע פאָרם פון פּעדאַ־גאָגישער טעטיקייַט אין דער שול איז באַ די הייַנטיקע באַדינגונגען דער סאָצגעוועט. וועגן דעם האָט גאַנץ קלאָר געזאָגט לענין: „דיסקאָנט און קאָנטראָל, וואָס זייַנען נייטיק פאַרן אַריבערגאַנג צום סאָציאַליזם, קענען זייַן נאָר מאַסעווע.

נאָר פרײַוויליקע אונ יוישערדיקע צוזאמענארבעטנ, וואָס ווערט געפירט מיט רעוואָ־ליוציאָנערנ ענטוזיאזמ פונ ארבעטער אונ פויערימ, באמ דיסקאָנטירנ אונ קאָנטראָלירנ די רמכע, ושוליקעס, אומזיסטפרעסערס אונ כוליגאנעס, קענ גיוועער זײַנ דידאָזיקע איבערלעבענישנ פונ דער פארשאָלטענער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט, דידאָזיקע אויסוואורפנ פונ דער מענטשהײַט, דידאָזיקע האָפנונגלאָז־פוילע אָפגעשטאָרבענע אייוורימ, דידאָזיקע מאגייפע, דערדאָזיקער איפעש, דידאָזיקע ווונד, וואָס דער קאַ־פיטאליזמ האָט אלס א יערושע איבערגעלאָזט דעמ סאָציאליזמ". („וויאזוי אָרגאניזירנ דעמ געוועט“ גיז. ז. 9).

מע דארפ גוט דורכקאָנטראָלירנ, צי אונדזערע אופגאבנ זײַנענ קאָנקרעט. מע קענ ניט אינגאנצנ ארויסווארפנ דעמ טערמינ „פּראָעקטנ“. אויב עס בלײַבט „פּראָעקטנ“ איז בלויז אינ דעמ הינזיכט, אז דער הויפּט־מעטאָד אינ שול איז דער סאָצגעוועט אונ זעלבסטקריטיק.

וו. אלטשולער.

קאָעפיציענט פונ קאָרעליאציע אונ זיכערקײַט פונ א טעסט.

די פארבינדונג אָדער דער לינעאלער צוזאמענהאנג צווישנ אוואָסערע ניט איז צוויי סימאָנימ רופט זיכ אָנ קאָרעליאציע. דער גראד פונ דערדאָזיקער פאר־בינדונג אָדער פונעמ דאָזיקנ צוזאמענהאנג ווערט אויסגעדרוקט אינ א קאָעפיציענט פונ קאָרעליאציע (קאָרעליאציע־קאָעפיציענט). דער צוזאמענהאנג קאָנ זײַנ: א) א דירעקטער, אויב מיטנ שטײַגנ אָדער פארקלענערנ פונ איינ סימענ — שטײַגט אָדער ווערט קלענער אויכ דער צווייטער סימענ, אונ ב) א פארקערטער — אויב מיטנ שטײַגנ פונ איינ סימענ ווערט קלענער דער צווייטער אונ פארקערט. אינ צוזאמענהאנג מיטנ כאראקטער פונ דער פארבינדונג קאָנ די קאָרעליאציע זײַנ א פּאָזיטיווע (דירעקטע פארבינדונג) אונ א נעגאטיווע (פארקערטע פארבינדונג). דער אבסאָליוטער באטײַט (די צאָל־גרייס) פונ א קאָרעליאציע־קאָעפיציענט איז גלײַכ צו 1 (א איינס), אויב ס׳איז פאראנ א פולשטענדיקע פארבינדונג. אזוי ארומ וועט בא א פולשטענדיקער דירעקטער פארבינדונג דער קאָעפיציענט פונ דער קאָרעליאציע זיכ אויסדריקנ אינ דער צאָל 1+, בא א פולשטענדיקער פאר־קערטער פארבינדונג — אינ דער צאָל 1—. אויב ס׳איז ניט פאראנ קיינשומ פארבינדונג צווישנ די סימאָנימ, וועט דער קאָעפיציענט פונ דער קאָרעליאציע זײַנ גלײַכ צו 0. אזוי ארומ קאָנ מענ אינ דער פּראקטיק באקומענ באנײַטנ פארנ קאָעפי־ציענט פונ קאָרעליאציע אינ די גרענעצנ פונ 1— ביז 1+.

ווען מיר זאָלן דורכפֿירן אַן אויסמעסטונג פֿון אַ גרופּע טאַלמידים דורך אינטע־לעקט־טעסטן און דערפֿאָלג־טעסטן, און דערנאָך וואָלטן מיר געוואָלט פֿעסטשטעלן, צי געפֿינט זיך אין אוואָסערע ניט איז פֿאַרבינדונג די הייך פֿון די געווינשאַפֿטן פֿון די טאַלמידים מיט דער הייך פֿונעם אינטעלעקטועלן ניוואָ, וואָלטן מיר דעמדאָ־זיקן צוזאַמענהאַנג, דידאָזיקע פֿאַרבינדונג געקאָנט פֿעסטשטעלן, אויסרעכענענדיק די קאָרעליאַציע צווישן דידאָזיקע צוויי סימאָנים.

לאָמיר זיך פֿאָרשטעלן, אַז מיר האָבן פֿאַר אַ גרופּע טאַלמידים פֿון 70 נעפּאַשעס צײַגערס פֿון צוויי אַזעלכע אויספּרוּוונ: פֿון אוועלכן עס איז אינטעלעקט־טעסט (לעמאָשל, דעם פֿאָרמוליאַר פֿון וו י ט נ) און אַ דערפֿאָלג־טעסט (לאָמיר זאָגן געזעל־שאַפֿטקענטעניש).. פֿאַר יעדן טאַלמיד וועלן מיר אַזוי אַרום האָבן צוויי צײַגערס: איינעם — פֿון אַן אינטעלעקט־טעסט און דעם צווייטן — פֿון אַ געזעלשאַפֿטקענטעניש־טעסט. זאָל יעדער טאַלמיד באַקומען פֿון דידאָזיקע צוויי אויספּרוּוונ צײַגערס, וואָס מיר זען אין דער טאַבעלע № 1.

טאַבעלע I.

№ פֿון טאַלמידים	אינטעלעקט	געזעלשאַפֿט־קענטעניש	№ פֿון טאַלמידים	אינטעלעקט	געזעלשאַפֿט־קענטעניש	№ פֿון טאַלמידים	אינטעלעקט	געזעלשאַפֿט־קענטעניש	№ פֿון טאַלמידים	אינטעלעקט	געזעלשאַפֿט־קענטעניש
1	63	4	19	61	5	37	58	7	55	59	8
2	64	6	20	63	1	38	56	5	56	57	6
3	62	4	21	58	5	39	63	12	57	53	4
4	60	3	22	60	4	40	58	8	58	63	14
5	63	7	23	55	5	41	65	12	59	56	9
6	62	6	24	61	7	42	60	9	60	58	11
7	60	4	25	59	5	43	60	10	61	62	11
8	52	1	26	65	10	44	65	14	62	61	11
9	57	4	27	54	1	45	56	6	63	60	13
10	61	5	28	64	10	46	61	10	64	55	9
11	60	6	29	62	8	47	59	8	65	58	12
12	55	4	30	58	7	48	61	10	66	57	7
13	63	1	31	60	7	49	54	3	67	66	15
14	53	2	32	61	6	50	58	9	68	60	9
15	64	9	33	59	7	51	59	10	69	62	13
16	58	3	34	61	8	52	60	12	70	64	13
17	60	6	35	55	7	53	58	9			
18	56	3	36	64	11	54	62	9			

קעדיי פעסטצושטעלנ דעמ גראד פונעמ צוזאמענהאנג צווישנ דידאָזיקע צוויי קאָמפּאָנענטנ, דארפ מענ אויסרעכענענ דעמ קאָעפיציִענט פונ דער קאָרעלֿיאציע.

אפ אויסצורעכענענ באנוצט מענ פּירסאָנס (Peorson) פאָרמול, וואָס האָט אזא אויסזען.

$$r = \frac{\Sigma\ x_i\ y_i}{\sqrt{\Sigma x_i^2}\ \sqrt{\Sigma y_i^2}} \quad \ldots\ldots\ldots\ldots \quad (2),$$

וווּ r איז דער קאָעפיציִענט פונ דער קאָרעלֿיאציע, x_i אונ y_i — די אָפּנויגנ פונ די צײַגערס פונ יעדער ריי פונעמ אריפמעטישנ דורכשניטלֿעכנ.

דידאָזיקע פאָרמול טויג אָבער ניט פאר פּראקטישע אויסרעכענונגענ, ווײַלֿ נעמענדיק די אָפּנויגנ פונעמ אריפמעטישנ דורכשניטלֿעכנ, וועלֿנ מיר זײַנ גענויט צו אָפּערירנ מיט ברוכצאָלֿנ, אונ דאָס מאכט אפ אסאך קאָמפּליצירטער די אויסרעכענונגענ. דעריבער איז דאָס באקוועמסטע — אָנווענדנ דיזעלֿביקע פאָרמול, נאָר אינ אזא אויסזען:

$$r = \frac{\Sigma x_i y_i - N.M^1 x_i.M^1 y_i}{N\sqrt{\frac{\Sigma x_i^2}{N} - M^1 x_i^2}\ \sqrt{\frac{\Sigma y_i^2}{N} - M^1 y_i^2}} \quad \ldots\ldots\ldots \quad (3)$$

וווּ r איז דער קאָעפיציִענט פונ קאָרעלֿיאציע, Σ — דער צייכנ פונ סומירנ, M^1x_i אונ M^1y_i — דאָס אריפמעטישע דורכשניטלֿעכע, x^1_i אונ y^1_i — צײַגערס, פארקלֿענערטע אפ א פרײַגענומענער גאנצער צאָלֿ, אונ N — די צאָלֿ טאלֿמידימ.

קעדיי צו באקומענ אלֿע נייטיקע באטײַטנ פאר דערדאָזיקער פאָרמול אונ אויסער דעמ, קעדיי באשײַמפּערלֿעכ פאָרצושטעלנ דעמ צוזאמענהאנג צווישנ די סימאָנימ x אונ y, מאכט מענ א דיספּערסאגראמ, ווי מע רופט דאָס אָנ, אָדער א קאָרעלֿיאטיווע רעשימע (זע דעמ מוסטער ז. 30). אינעמ אויבערשטנ האָריזאָנטאלֿנ שפּאלט x זײַנענ אָפּגעלֿייגט די צײַגערס פונעמ אינטעלֿעקט־טעסט, אינעמ ווערטיקאלֿנ שפּאלט y — די קאָמפּאָנענטנ פונעמ געזעלֿשאפטקענטעניש־טעסט.

אינ דער רעשטע גופע זײַנענ צעשטעלֿט די טאלֿמידימ אינ די קעסטעלֿעכ, וואָס געפינענ זיכ אפנ איבערהאק פונ די אנטשפּרעכנדיקע קאָמפּאָנענטנ. אזוי, אז אינעמ קעסטעלֿע, וואָס לֿיגט אפנ איבערהאק 51 (לֿויט x) אונ 1 (לֿויט y), געפינט זיכ איינ טאלֿמיד. דאָס הייסט, אז פונ דער גאנצער גרופּע האָט איינ טאלֿמיד דעמ קאָמפּאָנענט פונעמ טעסט x—51, אונ פונעמ טעסט y דעמ קאָמפּאָנענט — 1. אפנ איבערהאק 58 אונ 7, לֿעמאָשלֿ, געפינענ זיכ צוויי טאלֿמידימ, דאָס הייסט, צוויי טאלֿמידימ האָבנ פונעמ טעסט x דעמ קאָמפּאָנענט 58 אונ פונעמ טעסט y — דעמ קאָמפּאָנענט 7 א. אז. וו. אפ אזא אויפנ טיילֿנ מיר פונאנדער אלֿע טאלֿמידימ פונ אונדזער גרופּע. קעדיי עס זאָלֿ זײַנ באקוועמער אויסצורעכענענ, פירט מענ נאָכ ארײַנ הילֿפ־קאָמפּאָנענטנ, פארקלֿענערנדיק די פריִערדיקע קאָמפּאָנענטנ אפ א פרײַ גענומענער צאָלֿ. די קאָמפּאָנענטנ פונ x זײַנענ אינ אונדזער פאלֿ פארקלֿענערט

טאבעלע II

פאר אויסרעכענען דעם קאָעפיציענט פון קאָרעליאציע

X

	$\Sigma y_i'^2$			$\Sigma x_i'^2$ $fx_i'^2$	49	72	50	64	27	16	9		11	32	54	96	125	108	49	762	
				fx_i'	-7	-12	-10	-16	-9	-8	-9		11	16	18	24	25	18	7	-71 +119	+48
				f	1	2	2	4	3	4	9	5	11	8	6	6	5	3	1	70	
				X_i	52	53	54	55	56	57	58	59	60	61	62	63	64	65	66	$x_i'y_i'$	
$fy_i'^2$	fy_i'	f	y_i	y_i' \ x_i'	-7	-6	-5	-4	-3	-2	-1	0	1	2	3	4	5	6	7	A,	B,
98	-14	2	1	-7	/		/													84	
36	-6	1	2	-6		/		A												36	
100	-20	4	3	-5			/		/		/		/			B				45	-5
112	-28	7	4	-4		/		/		/			//		/	/				48	-36
54	-18	6	5	-3				/	/		/	/		//						24	-12
28	-14	7	6	-2						//		/	//		/		/			8	-20
8	-8	8	7	-1				/		/	//		/	//		/				8	-9
		5	8	0							/	//		/	/					C,	D,
10	10	10	9	1				/	/		//		//		/	//	/			-9	18
24	12	6	10	2								/	/	//		D	/	/			32
36	12	4	11	3				C			/			/	/		/			-3	39
64	16	4	12	4							/		/			/		/		-4	44
75	15	3	13	5									/		/		/				45
72	12	2	14	6												/		/			60
49	7	1	15	7															/		49
766	-108 +84 / -24	70	$x_i'y_i'$	A,	49	60	50	32	24	18	10	B,	-18	-16	-18	-20	-10			A_2 253	B^2 -82
			$x_i'y_i'$	C,				-4	-3		-9	D,	13	14	27	48	55	72	49	C_2 -16	D^2 278

Y

באטייטן: x—די קאָמפּאָנענטן (ציפֿערס) פֿונעם אינטעלעקט-טעסט.

y—די קאָמפּאָנענטן (ציפֿערס) פֿונעם דערפֿאָלג-טעסט — געזעלשאַפֿט-קענטעניש,

אפּ 59, און די הילף קאָמפּאָנענטן זײַנען אויסגעשריבן אינעם האָריזאָנטאַלן שפּאַלט x^1_i. די קאָמפּאָנענטן פֿון y זײַנען פֿאַרקלענערט אפּ 8, און די נײַע קאָמפּאָנענטן זײַנען אויסגעשריבן זײַט בײַ זײַט אינעם שפּאַלט y^1_i. נאָכן פֿאַרקלענערן די קאָמפּאָנענטן האָבן זיך באַקומען בײַ אונדז אויך נעגאַטיווע קאָמפּאָנענטן. אריבערטראָגנדיק די קאָאָרדינאַט־אַקסן אפּ דער מיט (אינעם פּונקט 0), וועלן מיר צעטיילן אונדזער רעשעטע אפּ פֿיר טיילן: A, B, C, D, די ווײַטערדיקע אָפּעראַציעס און רעכענונגען מאַכט מען אפּ די נײַע פֿאַרקלענערטע קאָמפּאָנענטן. נאָכדעם ווי אַלע טאַלמידים זײַנען אָנגעמערקט אפּ דער רעשעטע, רעכנט מען אונטער די צאָל טאַלמידים פֿאַר

יעדער קאָמפּאָנענט פון x און y, דאָס הייסט מע שטעלט צונויף פאנאנדערטייל־טאבעלעס פאר x און y. דידאָזיקע פאנאנדערטייל־טאבעלעס שטעלט מען אַרײַן לינקס פון די קאָמפּאָנענטן פון y אינעם שפאלט f און אויבן איבער די קאָמפּאָנענטן פון x אינעם שפאלט f. די סומען, וואָס טרעפן זיך אָפט אין דידאָזיקע צוויי שפאלטן f דארפן צוזאמענפאלן, און יעדערע פון זיי שטעלט פאָר די צאָל טאלמידים.

דער ווײַטערדיקער עטאפ — דאָס איז אָפזוכן די סומעס פון די קייפל־פּראָדוקטן פון די x-קאָמפּאָנענטן אף די y-קאָמפּאָנענטן, דאָס הייסט $\Sigma x'_i y'_i$. דעם x-קאָמפּאָ־נענט 7 — און דעם y־קאָמפּאָנענט 7 — האָט איין טאלמיד, דעם y-קאָמפּאָנענט 7 — און דעם x־קאָמפּאָנענט 5 — האָט אויך איין טאלמיד. מיר קייפלען איבער און סומירן: $(-7).(-5)+(-7).(-7)=49+35=84$.

דידאָזיקע פריוואט־סומע פון די קייפל־פּראָדוקטן שרײַבן מיר אַרײַן אינעם שפאלט A_1 פונעם זײַלעכל $x^1_i y^1_i$ אף רעכטס פון דער רעשעטע. אף וויפל מיר האָבן צעטיילט די רעשעטע אף פיר טיילן A, B, C, D, שרײַבן מיר אַרײַן די קייפל־פּראָדוקטן אנטשפּרעכנדיק אין יעדן טייל רעכטס אין די שפאלטן A, B, C, D. דעם פּראָדוקט 84 האָבן מיר באקומען פאר די טאלמידים, וואָס זײַנען פארשריבן אינעם A־טייל פון דער רעשעטע, דעריבער פארשרײַבן מיר אים אנטשפּרעכנדיק אינעם שפאלט A^1. ווײַטער האָט דעם y־קאָמפּאָנענט 6— און דעם x־קאָמפּאָנענט 6— איין טאלמיד; מיר קייפלען איבער $(-6).(-6)=36$ און שרײַבן אַרײַן דעם קייפל־פּראָדוקט אינעם שפאלט A^1. דעם y־קאָמפּאָנענט 1— און דעם x־קאָמפּאָנענט 4— האָט איין טאלמיד, דעם y־קאָמפּאָנענט 1— און דעם x-קאָמפּאָנענט 2— האָט איין טאלמיד. דעם y־קאָמפּאָנענט 1— און דעם x-קאָמפּאָנענט 1— צוויי טאלמידים. מיר סומירן די קייפל־פּראָדוקטן: $(-1).(-4)+(-1).(-2)+(-1).(-1).2=8$ אף דעם־זעלביקן אופן סומירן מיר די קייפל־פּראָדוקטן פון די איבעריקע טיילן פון דער רעשעטע B, C, D. בעייסן קייפלען איז נייטיק אָפהיטן דעם צייכן־קלאל. אין די שפאלטן A, B, C, D וועלן מיר באקומען „פריוואטע“ סומעס פון קייפל־פּראָדוקטן פאר יעדער האָריזאָנטאלער שורע אין יעדן רעשעטע־טייל. מיר סומירן אלע צאָלן פונעם שפאלט A_1 און פארשרײַבן אינעם שפאלט A_2, פונקט אזוי סומירן מיר אויך B, C, D און שרײַבן אַרײַן אנטשפּרעכנדיק אין B_2 C_2 D_2. דורכסומירנדיק דערנאָך A_2 B_2 C_2 און D_2, באקומען מיר די סומע $\Sigma x^1_i y_i$, אין אונדזער פאל וועט זי זײַן:

$$253+(-82)+(-16)+278=433$$

קעדיי דורכקאָנטראָלירן די ריכטיקײַט פונעם כעשבן, מאכן מיר דורך פונקט אזא סומירן פון די קייפל־פּראָדוקטן לויט די ווערטיקאלן און שרײַבן אַרײַן די רעזולטאטן אנטשפּרעכנדיק אין די שפאלטן A, B, C, D פונונטן. ווען מיר וועלן דורכסומירן לויט דער ריי אלע צאָלן אין יעדערן פון דידאָזיקע שפאלטן, וועלן מיר באקומען פונקט דיזעלביקע סומעס, וואָס מיר האָבן אנטשפּרעכנדיק אין די קעסטעלעך A_2, B_2, C_2, D_2. דאָס צוזאמענפאלן באווײַזט די ריכטיקייט פון דער דורכגעמאכטער רעכענונג.

דאָס אונטערעכענע פון $\sum x^1{}_i{}^2$ און $\sum y^1{}_i{}^2$ — דאָס איז דאָסזעלביקע אונטערעכענע, וואָס מיר האָבן דורכגעמאכט באַם אויסרעכענען דעם דורכשניטלעכן קוואדראטישן אָפּנויג (זע פריִערדיקע ארטיקלען). פון די געגעבענע אינעם שפּאַלט $\sum x^1{}_i{}^2$ (לינקס) און $\sum y^1{}_i{}^2$ (אויבן) באקומען מיר אלע געגעבענע אפ צו אויסרעכענען M^1x און M^1y, σx און σy. ווי דער לייענער ווייסט שוין, זיינען די קוואדראט־וואָרצלען אינעם נענער פון דער פאָרמול (3) ניט מער און ניט ווייניקער, ווי פאָרמולעס אפ אויסצו־רעכענען דעם דורכשניטלעכן קוואדראט־אָפּנויג (פארגלייך עס מיט די פאָרמולעס אין די פריִערדיקע ארטיקלען).

אלע געגעבענע, וואָס זיינען אויסגעשריבן אין דער טאבעלע № 2 שטעלן מיר אונטער אין דער פאָרמול (3) און רעכענען אויס דעם קאָעפיציִענט פון דער קאָרעליאציע:

$$r=\frac{433-70.(+0{,}69).(-0{,}34}{70\sqrt{\frac{762}{70}-(0{,}69)^2}\sqrt{\frac{766}{70}-(-0{,}34)^2}}=\frac{433+16{,}422}{70\sqrt{10{,}4096}\sqrt{10{,}8273}}=$$

$$=\frac{449{,}422}{70.3{,}23.3{,}29}=\frac{449{,}422}{743{,}869}=0{,}604.$$

אזוי ארום באקומט זיך, אז דער פארבינדונג־גראַד צווישן די קאָמפּאָנענטן פונעם אינטעלעקט־טעסט און די קאָמפּאָנענטן פון געזעלשאפטקענטעניש־טעסט האָט איר אויסדרוק אינעם קאָרעליאציע־קאָעפיציִענט $+0{,}604$. און אין דער פראקטיק, באַם פעסטשטעלן די פארבינדונג צווישן אינטעלעקט־טעסטן און דערפאָלג־טעסטן באקומען זיך געוויינטלעכע קאָעפיציִענטן פון קאָרעליאציע, וואָס זיינען נאָענט צו די, וואָס מיר האָבן באקומען.

יעדע אויסמעסטונג האָט איר טאָעס. פונקט אזוי קען אויך זיין א טאָעס אין די קאָעפיציִענטן פון קאָרעליאציע. דעמדאָזיקן טאָעס, וואָס מע רופט אָן סטאנדארט־טאָעס, רעכנס מען אויס לויט דער פאָרמול:

$$\sigma_r=\frac{1-r^2}{\sqrt{N}} \quad \dots\dots\dots\dots \quad (4)$$

ווו σr באַטייט דעם סטאנדארט־טאָעס פונעם קאָעפיציִענט פון קאָרעליאציע, r— דעם קאָעפיציִענט פון קאָרעליאציע און N— די צאָל טאלמידים.

פאר אונדזער פאַל וועט דער סטאנדארט־טאָעס פארן קאָעפיציִענט פון דער קאָרעליאציע זיין:

$$\sigma_r=\frac{1-(0{,}604)^2}{\sqrt{70}}=\frac{0{,}6344}{8{,}369}=0{,}075$$

דעמדאָזיקן טאָעס קאָן מען אויסטייַטשן אזוי: ווען מיר זאָלן דורכמאכן א גרויסע צאָל אויסרעכענונגען פאר קאָעפיציִענטן פון קאָרעליאציעס, קעדיי צו באַשטימען דעם

פארבינדונג־גראד צווישנ אינטעלעקט־טעסטנ און טעסטנ פונ געזעלשאפקענטעניש, ד״ה, ווענ מיר זאָלנ אויסרעכענענ די קאָרעליאַציעס ניט פאר איינ גרופע נאָר פאר אסאכ, וואָלטנ מיר באקומענ א גאנצע ריי קאָעפיציִענטנ פונ קאָרעליאַציעס, וואָס פאר זיי וואָלטנ מיר סאָפקאָלסאָפ געקענט אופבויענ א פאנאנדערטייל־קרומע. דער דורכשניט־לעכער קוואדראטישער אָפּנויג וועט פאר דעמדאָזיקנ פאנאנדערטייל זײַנ σ_r. נאָר אזויווי פראקטיש איז אומעגלעכ אזוי ארום אויסרעכענענ σ_r, האָט פירסאָנ פאָרגעלייגט די אָנגעוויזענע פאָרמול (4) פאר אויסרעכענענ דעמ σ_r. באזירנדיק זיכ אפנ קלאל וועגנ דרײַ סיגמעס, קאָנענ מיר זאָגנ, אז אינ 997 פאלנ פונ 1000 וועלנ מיר באקומענ קאָעפיציִענטנ פונ קאָרעליאַציעס, וואָס וועלנ ליגנ אינ די גרענעצנ פונ 0,064±3.0,075 דאָס הייסט, אינ די די גרענעצנ פונ 0,604±0,225.

ראַנג־קאָרעליאַציע

Spearman האָט פאָרגעלייגט א פאָרמול אפ אויסצורעכענענ דעמ קאָעפיציִענט פונ דער קאָרעליאַציע צווישנ צוויי רייענ גרייסנ, ארויסגייענדיק ניט פונעמ באטײַט פונ דידאָזיקע גרייסנ, נאָר פונ די ראנגענ, וואָס דידאָזיקע גרייסנ פארנעמענ אינעמ פאנאנדערטייל. ווענ מיר האָבנ א גרופע טאלמידימ, וואָס האָבנ צוויי קאָמפאָנענטנ פונ וועלכע ניט איז טעסטנ, דארפ מענ בעייסנ אויסרעכענענ די ראנג־קאָרעליאַציע ארויסגיינ ניט פונ די קאָמפאָנענטנ דירעקט, ווי אינ פירסאָנס פאָרמול, נאָר פונעמ פארגלײַכ פונ די ערטער, וואָס די טאלמידימ פארנעמענ אינ יעדנ פאנאנדערטייל, אָדער פונעמ פארגלײַכ פונ זייערע ראנגענ.

קעדיי צו באשטימענ דעמ ראנג פונ א טאלמיד, צעשטעלט מענ אלע טאלמידימ פונ דער געגעבענער גרופע לויט דער ריי פונ נידערשטײַגנדיקע קאָמפאָנענטנ אינ דעמ טעסט. לאָמיר זיכ פאָרשטעלנ, אז מיר האָבנ א גרופע טאלמידימ, וואָס מ׳האָט זיי געגעבנ אנ אינטעלעקט־טעסט. פונעמ דאָזיקנ טעסט האָט יעדערער פונ די טאלמידימ באקומענ קאָמפאָנענטנ, וואָס מיר ברענגענ אינ דער טאבעלע 3. מיר צעשטעלנ די טאלמידימ אינ דער ריי לויט די נידערשטײַגנדיקע קאָמאָפנענטנ, דאָס הייסט, אפנ ערשטנ אָרט וועט זײַנ דער טאלמיד, וואָס האָט דעמ גרעסטנ קאָמפאָנענט, אפנ צווייטנ — דער פאָלגנדיקער לויט דער גרייס פונעמ קאָמפאָנענט א. אז. וו. (זע טאבעלע 3 שפעלטל 3).

אינ דעמ פאל, ווענ די קאָמפאָנענטנ פאר עטלעכע טאלמידימ זײַנענ אלציינע — וואָלט געווענ ניט ריכטיק צו געבנ זיי פארשיידענע ראנגענ. דעריבער, אויב עס זײַנענ בא עטלעכע טאלמידימ אלציינע קאָמפאָנענטנ, סומירט מענ די ראנגענ, וואָס זיי וואָלטנ געקענט פארנעמענ, דידאָזיקע סומע צעטיילט מענ אפ דער צאָל טאלמידימ מיט אלציינע קאָמפאָנענטנ און מע גיט יעדערנ פונ זיי דעמ דורכשניטלעכנ פונ דער סומע פונ דידאָזיקע ראנגענ. אזוי זעענ מיר, לעמאָשל, פונ דער טאבעלע 3, אז דער 6־טער און 8־טער טאלמיד (זע שפעלטל 3 און 4) האָבנ איינ און

טאבעלע 3

№№ פון טאלמידים	אינטעלעקט־קאָמפּאָנענט	פאלנדיק: №№ פון טאלמידים	פאלנדיק: קאָמפּאָנענט	פאלנדיק: ראנג
1	2	3	4	5
1	84	23	91	1
2	90	2	90	2
3	36	15	89	3
4	79	28	88	4
5	66	6	87	5,5
6	87	8	87	5,5
7	70	12	86	8,5
8	87	14	86	8,5
9	82	18	86	8,5
10	83	20	86	8,5
11	78	25	85	11
12	86	1	84	12,5
13	84	13	84	12,5
14	86	10	83	14
15	89	9	82	15
16	77	17	81	16,5
17	81	19	81	16,5
18	86	4	79	18
19	81	11	78	20
20	86	21	78	20
21	78	22	78	20
22	78	16	77	22
23	91	3	76	23
24	72	24	72	24
25	85	7	70	25,5
26	70	26	70	25,5
27	61	5	66	27
28	88	27	61	28

טאבעלע 4

№№ פון טאלמידים	ווערבאַל־קאָמפּאָנענט	פאלנדיק: №№ פון טאלמידים	פאלנדיק: קאָמפּאָנענט	פאלנדיק: ראנג
1	2	3	4	5
1	69	10	69	1
2	55	14	55	2
3	51	15	62	3
4	36	1	61	4,5
5	31	25	61	4,5
6	50	13	60	6
7	56	9	59	7
8	50	29	58	8
9	59	24	57	9,5
10	69	11	57	9,5
11	57	7	56	11
12	48	2	55	13
13	60	18	55	13
14	65	22	55	13
15	62	19	54	15
16	45	3	51	17
17	37	20	51	17
18	55	28	51	17
19	54	6	50	19,5
20	51	8	50	19,5
21	49	21	49	21
22	55	12	48	22
23	58	16	45	23
24	57	26	42	24
25	61	17	37	25
26	42	4	36	26
27	24	5	31	27
28	51	27	24	28

דעמזעלבן קאָמפּאָנענט 87. דער 6־טער טאַלמיד שטייט אפן פינפטן אָרט, און דער 8־טער אפן זעקסטן. דעריבער וועלן זיי ביידע באַקומען דעם ראַנג 5,5 $\left(\frac{5+6}{2}\right)$ דאָסגלייַכן האָבן דער 11־טער, דער 21־טער און 22־טער טאַלמיד דעם קאָמפּאָנענט 78, זייער ראַנג וועט זייַן 20 $\left(\frac{19+20+21}{3}\right)$, א. אז. וו. אינעם שפּעלטל 5 פון דער טאַבעלע 3 זייַנען אָנגעוויזן די ראַנג־ערטער פאַר אַלע טאַלמידים לויטן אינטע־לעקט־טעסט.

טאַבעלע 5.

№№ פון טאַלמיד	ראַנג־ערטער לויט אינטעלעקט־טעסט	ראַנג־ערטער לויט דערפאָלג־טעסט	d	d²
1	2	3	4	5
23	1	8	— 7	49
2	2	13	— 11	121
15	3	3	0	0
28	4	17	— 13	169
6	5,5	19,5	— 14	196
8	5,5	19,5	— 14	196
12	8,5	22	— 13,5	182,25
14	8,5	2	6,5	42,25
18	8,5	13	— 4,5	20,25
20	8,5	17	— 8,5	72,25
25	11	4,5	6,5	42,25
1	12,5	4,5	8	64
13	12,5	6	6,5	42,25
10	14	1	13	169
9	15	7	8	64
17	16,5	25	— 8,5	72,25
19	16,5	15	1,5	2,25
4	18	26	— 8	64
11	20	9,5	10,3	110,25
21	20	21	—1	1
22	20	13	7	49
16	22	23	— 1	1
3	23	17	6	36
24	24	9,5	14,5	210,25
7	25,5	11	14,5	210,25
26	25,5	24	1,5	2,25
5	27	27	0	0
27	28	28	0	0

לאָמיר אָנעמען ווייַטער, אז דיזעלביקע גרופּע טאַלמידים איז אויסגעפּרוּווט גע־וואָרן נאָך דורך אוועלכן ס׳ניט איז דערפאָלג־טעסט, און די טאַלמידים האָבן די קאָמפּאָנענטן און ראַנגען, וואָס זייַנען אָנגעוויזן אין דער טאַבעלע 4.

אין דער טאַבעלע 5 זייַנען פאַרגעשטעלט אינעם שפּעלטל 2 און 3 די ראַנג־ערטער פון יעדן טאַלמיד, וואָס ער האָט פאַרנומען לויט יעדערן פון די דאָזיקע צוויי

טעסטן. ווי מיר זעען ארויס פון דער טאבעלע, האָט לעמאַשל, דער טאלמיד № 23 פארנומען לויטן אינטעלעקט־טעסט דאָס ערשטע אָרט, און לויטן דערפאָלג־טעסט — דאָס אכטע אָרט, א. אז. וו.

די ראנג־קאָרעליאציע ווערט אויסגערעכנט לויט דער פאָרמול:

$$\rho=1-\frac{\sigma\Sigma d^2}{n(n^2)-1} \quad \ldots \quad (21)$$

ווו ρ (ווערט געלייענט „ראָ”) — דאָס איז דער קאָעפיציענט פון דער ראנג־קאָרעליאציע, d — די דיפערענץ צווישן די ראנגען באַם ערשטן און צווייטן אויספרווו, n — די צאָל טאלמידים.

אונטערשטעלנדיק די באַטײַטן, וואָס מיר האָבן באקומען אין דער טאבעלע 5, אין דערדאָזיקער פאָרמול, באקומען מיר:

$$\rho=1-\frac{6.2188}{28(28^2-1)}=1-\frac{13128}{21924}=1-0{,}599=0{,}401.$$

דער סטאנדארט־טאָעס פונעם ראנג־קאָעפיציענט פאר דער קאָרעליאציע ווערט אויסגערעכנט לויט דער פאָרמול:

$$\sigma_\rho=1{,}047\frac{1-\rho^2}{\sqrt{N}}$$

ווו ρ איז דער קאָעפיציענט פון קאָרעליאציע, און N — די צאָל טאלמידים. פאר אונדזער פאל:

$$\sigma_\rho=1{,}047\frac{1-(0{,}401)^2}{\sqrt{28}}=1{,}047.0{,}158=0{,}165.$$

וויאזוי אויסטײַטשן דעם קאָעפיציענט פון א קאָרעליאציע.

די קאָעפיציענטן פון קאָרעליאציעס ווײַזן אָן, אז צווישן צוויי רייען קאָמפּאָנענטן איז פאראן א צוזאמענהאנג נאָר אין דעם זין, וואָס עס ווערט קאָנסטאטירט דאָס איינצײַטיקע שטײַגן אָדער פאלן פון די באַטײַטן איןביידע רייען, זיי דערלייזן אָבער ניט די פראגע וועגן דער סיבע־אָפּהענגיקייט. אויב x און y ווײַזן ארויס א געדענצ פון איינצײַטיקן שטײַגן, קאָן דאָס זײַן א סימען פון אזעלכע געזעצמעסיקע אָפּהענגיקײַטן: א) דאָס שטײַגן פון x איז א גרונט פארן שטײַגן פון y, ב) דאָס שטײַגן פון y איז א גרונט פארן שטײַגן פון x ג) צווישן x און y איז קיינשום קאוזאלע פארבינדונג ניט פאראן, און זייער איינצײַטיק שטײַגן איז אָפּהענגיק פון א דריטן פאקטער z, וואָס ווירקט באגלײַך אפ xאון אפ y” *). דיסקאָנטירנדיק דידאָזיקע זייער וויכטיקע באמערקונגען, מוז מען אונטערשטרײַכן, אז עס איז זייער

*) А. Мандрика—Вимір шкільної успішности стр. 229.

וויכטיק פּאָרזיכטיק צוגיין צום אויסטייַטשן קאָרעליאציעס, דערהויפּט אינעם הינזיכט פון קאָנסטאטירן די קאַוזעלע אָפּהענגיקייַט.

אויסער דעם רעכענען מיר פאר נייטיק צו ווענדן דעם לייענערס אופמערקזאמקייַט נאָך אף איין ניט ריכטיקער און אפילע שעדלעכער טענדענץ, וואָס איז צו באמערקן בא אסאך אווטערס — צו קוקן אף קאָעפיציִענטן פון קאָרעליאציעס ווי אף קאָמפּאָנענטן פון צוזאמענפאל־פּראָצענטן. א גאנצע ריי פון אונדזערע אווטערס זייַנען גרייט, אשטייגער, אָנעמען, אז דער קאָעפיציִענט פון א קאָרעליאציע 0,80 באטייַט 80% צוזאמענפאלן. דאָס איז אין גרונט ניט ריכטיק! די קאָעפיציִענטן פון קאָרעליאציעס אנטשפּרעכן די צוזאמענפאל־פּראָצענטן, וואָס זייַנען אָנגעוויזן אין דער טאבעלע 6 *)

ווי מיר זעען, ווייַזט גאָרניט אָן דער קאָעפיציִענט פון דער קאָרעליאציע וועגן 80% צוזאמענפאל, נאָר סאכאקל וועגן 40% א. אז. וו. דערמיט מוז מען זיך רעכע-נען, און בעשומויפן ניט קוקן אף קאָעפיציִענטן פון קאָרעליאציע ווי אף קאָמפּאָ־נענטן פון צוזאמענפאל־פּראָצענטן.

ט א ב ע ל ע 6.

די גרייס פונעם קאָרעליאציע-קאָעפיציִענט	צוזאמענפאל-פּראָצענט	די גרייס פונעם קאָעפיציִענט פון קאָרעליאציע	צוזאמענפאל-פּראָצענט
0,00	0	0,80	40,0
0,10	0,5	0,866	50,0
0,20	2,0	0,90	56,0
0,30	5,0	0,95	69,0
0,40	8,0	0,98	80,0
0,50	13,0	0,99	86,0
0,60	20,0	1,00	100,0
0,70	29,0		

זיכערקייַט־קאָעפיציִענט פון א טעסט

א טעסט דארף האָבן א באשטימטע זיכערקייַט, די זיכערקייַט פון א טעסט ווייַזט אונדז אָן, אף וויפל פּינקטלעך דער טעסט מעסט אויס אוועלכע עס איז געווינשאפטן באם טאלמיד. דידאָזיקע זיכערקייַט פון א טעסט קאָן מען פעסטשטעלן, פארגלייַכנדיק צוויי עקוויוואלענטע (גלייַכבאטייַטנדיקע) פאראלעלע פאָרמען פונעם טעסט, וואָס איז דורכגעפירט מיט איינער און דערזעלבער גרופּע טאלמידים אין א

*) די טאבעלע איז גענומען בא אי. וו. קארפּאָוו. זש. „Рад. Освіта" 1929.

אינטערוואַל פונ 3—2 טעג. די גרויסע זיכערקייַט פונ א טעסט פאָדערט, אז די רעזולטאטנ פונעמ דורכפירנ די ערשטע פאָרמ פונעמ טעסט זאָל אינ עצעמ זייַנ דיזעלבע, וואָס די רעזולטאטנ פונעמ דורכפירנ די פאראלעלע פאָרמ אינ דערזעלבער גרופּע. דעמדאָזיקנ צוזאמענהאנג צווישנ צוויי פאראלעלע פאָרמענ, וואָס כאראקטעריזירט טאקע די זיכערקייַט פונ א טעסט, קאָנ מענ פעסטשטעלנ, ווענ מע רעכנט אויס דעמ קאָעפיציִענט פונ קאָרעליאציע צווישנ די קאָמפּאָנענטנ פונ דידאָזיקע צוויי עקוויוואלענטע פאָרמענ. דעמדאָזיקנ קאָעפיציִענט פונ קאָרעליאציע רופט מענ אָנ קאָעפיציִענט פונ דער זיכערקייַט פונ א טעסט.

נאָר אזוי ווי צומייַנסטנ איז קימאט ניט פאראנ קיינ עקוויוואלענטע פאָרמ פונ א טעסט, מאכמעס דעמ, וואָס עס איז קאָמפּליצירט צונויפצושטעלנ אזא פאָרמ, קאָנ מענ אנדערש פעסטשטעלנ דעמ זיכערקייַט־קאָעפיציִענט אזוי: מע רעכנט אונטער פאר יעדנ טאלמיד די צאָל ריכטיקע ענטפערנ, וואָס ער האָט געגעבנ אפ די אופגאבעס, וואָס האָבנ די גראָד־נומערנ באזונדער, אונ אפ די אופגאבעס מיט אומגראָד־נומערנ אויכ באזונדער. אזוי ארומ צעטיילנ מיר דעמ טעסט אפ צוויי טיילנ אונ נעמענ אָנ, אז מיר האָבנ צוויי עקוויוואלענטע פאָרמענ פונעמ טעסט (יעדע פאָרמ באשטייט פונ א העלפט). מיר שטעלנ פעסט פאר יעדנ טאלמיד די קאָמפּאָנענטנ פונעמ טעסט, יעדע העלפט באזונדער. מיר רעכענענ אויס דעמ קאָעפיציִענט פונ קאָרעליאציע צווישנ די ביידע קאָמפּאָנענטנ. לאָמיר אימ אָנרופנ r_{11}. מיט דער הילפ פונ ספּירמענ־בראַונס פאָרמול האָבנ מיר די מעגלעכקייַט געפינענ דעמ מעגלעכנ זיכערקייַט־קאָעפיציִענט פונעמ טעסט, וואָס איז אויסגערעכנט אפנ גרונט פונ דורכפירנ צוויי עקוויוואלענטע פאָרמענ פונעמ טעסט.

ספּירמענ־בראַונס פאָרמול האָט אזא אויסזענ:

$$r_{22} = \frac{2r_{11}}{1+r_{11}}$$

ווו r_{22} איז דער קאָעפיציִענט פאר דער זיכערקייַט פונעמ טעסט אונ r_{11} — דער קאָעפיציִענט פונ דער קאָרעליאציע, וואָס איז אויסגערעכנט פאר קאָמפּאָנענטנ פונ טעסט־העלפטנ לויט פּירסאָנס פאָרמול.

דער זיכערקייט־קאָעפיציִענט פונעמ טעסט (r_{22}), וואָס איז אזוי ארומ אויסגערעכנט, איז גלייַכ אָדער א ביסל גרעסער פונ יענעמ זיכערקייַט־קאָעפיציִענט, וואָס מיר וואָלטנ באקומענ, ווענ מיר וואָלטנ אויסגערעכנט דעמ קאָעפיציִענט פונ קאָרעליאציע צווישנ צוויי עקוויוואלענטע פאָרמענ פונעמ טעסט.

קעדיי מע זאָל קאָנענ אפנ סמאכ פונ די געגעבענע פונעמ טעסט האָבנ א מיינונג וועגנ באזונדערע טאלמידימ, דארפ, לויט דער מיינונג פונ Kelley, דער זיכערקייַט־קאָעפיציִענט פונ א טעסט זייַנ ניט נידעריקער פונ 0,94, אונ פאר גרופּעס־אָפּשאצונגענ, קעדיי צו האָבנ א מיינונג וועגנ א גרופּע אלס א גאנצע, דארפ דער זיכערקייַט־קאָעפיציִענט זייַנ ניט נידעריקער פונ 0,50.

ביבליאָגראפיע

א) אין רוסיש:

1. **Белоусов С. Н.** — Как надо группировать учащихся в школе. Раб. Прос. М. 1930, стр. 157.

2. **Василейский С. М.** — Введение в теорию и технику психологических, педологических и психотехнических исследований, изд. автора, Минск, 1927, стр. 306.

3. **Глаголева А. В.** — Учет успешности учащихся. Раб. Просв., М. 1930, стр, 71.

4. **Гурьянов Е. В.** — Учет школьной успешносси, Раб. Просв., М. 1929, стр. 180.

5. **Зарецкий М.** — Как учитывать работу учащихся в рабочей школе, ж. „Робітнича Освіта“, 1928 г. № 4—5, стр. 83—95.

6. **Иссерлис Л.** — Применение статистики к педагогическим опытам. сб. „Экспериментальная пеихология и изучение ребенка“, 1927 г. стр. 28—44.

7. **Карпов И.** — Проблема учета успешности в школе (некоторые основные методологические и теоретические вопросы в области тестов школьной успешности), ж. „Роб. Освіта“. 1928, № 12, стр. 48—68.

8. „ „ — Проблема учета уепешности в школе, ж. „Роб. Освіта“, 1929, № 1—2, стр. 56—70.

9. „ „ — Проблема учета успешности в школе, ж. „Роб. Освіта, 1928 г. № 11—12, стр. 58—70.

10. **Левин Ю. А.** — Новые методы испытаний школьной успешности и одаренности в практике ленинградских школ, изд. ДОБИ, Л. 1927, стр. 152.

11. **Мандрыка А.** — Опыт исследования теста по -слесарному делу, ж. „Робітнича Освіта“, 1927 г., № 9, стр, 60—65.

12. „ „ — Требования, пред'являемые к психотехническим исследованиям (что должен знать работник школы, желающий заниматься психотехникой и тестовыми измерениями успешиости), ж. „Роб· Ссвіта“, 1928, № 2—3, стр. 51—60.

13. **Мандрыка А. и Сыркин М.** — Методологические требования к исследованиям по профессиональному и учебному отбору, по профессиональной и учебной успешиооти и к публикациям о подобных исследованиях. Труды поведенческого с'езда „Психоневрологические науки в СССР“, 1930, стр. 210—218.

14. **Сыркин М. Ю.** — Критерии точности тестовых измерений, сб. „Измерение интеллекта“, Труды Всеукр. Ин-та Труда, том. III, Харьков, 1929, стр. 67—141.

15. Кагаров Е. Г. — НОТ и учитель, изд. Брокгауз и Ефрон. Л. 1926, стр. 141.
16. Рудяк П. А. — Вооросы НОТ в школе, изд. „Нов. Москва", 1925 г.

ב) אין אוקראַיניש:

17. Вінцова М. — До питання про об'єктивність учительських оцінок, ж. „Вісник Експ. Педаг. та Рефлекс.", 1928, № 2, стр. 89—98.
18. Гепнер Ю. — Про методологію якісного обліку в суспільствознавстві, ж. „Роб. Освіта", 1930, № 3, стр. 65—72.
19. Жидкоблинів М. —Увага до методи побудування неформальних тестів ж. „Шлях Освіти", 1929, № 12, стр. 98—106.
20. Залужний О. — Організованість шкільних груп та її вимірювання, ж. „Вісник Експ. Педаг. та Рефлекс.", 1929, № 12, стр, 98—106.
21. Зарецкий М. — Тренажні тести в американській школі, ж. „Шлях Освіти" 1929, № 4, стр. 156—63.
22 Збірник інструкцій про переведення та опрацювання тестів. Центр. НОП-Комісії, УСРР, ДВУ, Харків, 1929.
23. Мандрика А. — Внутрішня коливальність тестів та її значіння для характеристики стану навичок учнів, ж. „Вісн. Педаг. та Рефлекс. 1929, № 3, стр. 95—107.
24. „ „ — Критичні зауваження відносно коефіцієнтів „репрезентативности" та „надійности" тестів, דערזועלבער זשורנאל 1929, № 2. стр. 113—120.
25. „ „ — Вплив місця в тесті на трудність задачи, דערזועלבער זשורנאל 1928, № 4, стр. 69—73.
26. „ „ — Про взаємну обумовленість коефіцієнтів кореляції, דערזועלבער זשורנאל 1928, № 4, стр. 63—66.
27. „ „ — Спроба встановлення якости питань у тестці на підстав. оцінок דערזועלבער זשורנאל 1928, № 3, стр. 145—154.
28. „ „ — Новий практичний засіб встановлювати надійність тесту, דערזועלבער זשורנאל 1928, № 3, стр. 137—144.
29. „ „ — Диференціюв. сила тестових запитань, דערזועלבער זשורנאל 1929, № 4, стр. 11—23.
30. „ „ — Вимір шкільної успішности, ДВУ, Х. 1927, стр. 266.
31. Рубінштейн С. — Про ролю учнів в оцінці успішности, „Вісн. експ. педагог. та рефлекс." 1929, № 3, стр. 129—134.
32. НКО УССР, ДНМК —Методичні матеріяли: 1) Інструктивний лист про обробку матеріялів тестових досліджень, 2) наслідки тестових досліджень по школах УСРР. ДВУ, Х. 1928, стр. 52.

ג) אין ענגליש

33. KELLEY, T. — Statistical method.
34. McCALL — How fo exsperiment in education.
35. McCALL — How fo measure in education.
36. OTIS — Statistical method in educational measurements.

ד) אין יידיש:

1. י. יאכינסאָן — פּראָדוקטיווקייט־מעסטונג פון פעד. פּראָצעס—ראטנבילדונג 5 ,2 ,1 № 1928.
2. י. יאכינסאָן — באזונדערע קאפּיטלען פון „פּראקטישע פּעדאָלאָגיע״ (דאָס בוך אינגאנצן גענומע איז עקלעקטיש, אזוי, אז מיר רעקאָמענדירן עס ניט.

באראַטונגען און קאָנפערענצן.

לאָמיר זיך שלאָגלעריש גרייטן.

עס וועט קלאל ניט זײַן איבערגעטריבן, אויב מיר וועלן באהויפּטן, אז די 3 יאָר, וואָס זײַנען פאָריבער זינט דעם 3־טן אלוקראַיִנישן צוזאמענפאָר פון אונדזער פארייַן, שטעלן מיט זיך פאָר א היסטאָרישן עטאַפּ אינעם לעבן פונעם ראטנפארבאנדי־ די פארטיי, אונטער דער אָנפירונג פון דעם לענינישן צ״ק, האָט זיך דערשלאָגן צו קאָלאָסאלע דערפאָלגן אין דער סאָציאַליסטישער בויונג. אונדזער לאנד איז ארײַנ־ געטראָטן אינעם פעריאָד פון סאָציאַליזם. איבערן גאנצן פראָנט איז פאנאנדער־ געוויקלט דער אָנגריף אף די רעשטלעך פונעם קאפּיטאליזם. ליקווידירנדיק דאָס באלע־ גופּנטום אלס קלאס אף דער באזע פון דער דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאציע, אין אומבערעכמאָנעטדיקן קאמף קעגן די רעכטע און „לינקע" אָפּאָרטוניסטן, בויען מיר דערפאָלגרײַך דעם סאָציאַליזם.

דער ריכטיקער לענינישער וועג, אף וועלכן עס איז געגאנגען אונדזער פּארטיי און דער גאנצער פּראָלעטאריאט, האָט געבראכט דאָס לאנד צו גרויסע דערגרייכונגען און דערפאָלגן אינעם אנטוויקלען די פאָלקסווירטשאפט. ער האָט אנטפלעקט נײַע רעזערוון פון שאפן און ארויסגערופן א נאָך ניט געזעענעם ענטוזיאזם פונעם פּראָלע־ טאריאט, האָט אָן צווייפל דערוויזן דעם פאקט פון אויספילן דעם פינפיאָר אין 4 יאָר, פארוואנדלענדיק דאָס לאנד אין א לאנד פון דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאציע.

דאָס לאנד פון די ראטן ווערט פארוואנדלט אין א לאנד פון דורכויסיקער איוורעדיקײַט. ניט געקוקט אף די קלאָגענישן פון די אומגלויבערס, ווערט דאָך פארווירקלעכט אין לעבן די אלגעמיינע אָנפאנג־בילדונג. עס וואקסן די יונגע קאדרען־ פאכלײַט—בויערס פונעם סאָציאַליזם.

דער קלאסנקאמף פארשארפט זיך אלץ מער און מער. דער קלאסן־סוינע — דער נעפּמאן, דער באלעגופּ, שעדיקער — ווײַזט ארויס אן אײַנגעשפּארטן, פארביסענעם ווידערשטאנד דער סאָציאַליסטישער בויונג.

אף דעם ענטפערט דער פּראָלעטאריאט אין אונדזער לאנד מיט א נאָך ניט גע־ זעענעם אין דער געשיכטע ענטוזיאזם, מיט א ברייטן שוווּנג פון שלאָגלערײַ, מיט אנטקעגנדיקע פּלענער, מיטן אויספילן דעם פינפיאָר אין 4 יאָר.

אונדזערע מאסעווע פּראָלעטארישע אָרגאניזאציעס, די פּראָפּארייַנען, האָבן פאר דערדאָזיקער צײַט אויך דורכגעמאכט א וועג פון הארטן קאמף קעגן אָפּאָרטוניזם און קעגן דעם טרעדיוניאָניזם, א וועג פון פארביסענעם קאמף פאר דער אנטשיידע־ נער איבערבויונג פון זייער ארבעט, וואָס דארף אנטשפּרעכן דעם איצטיקן פעריאָד פון דער סאָציאַליסטישער בויונג. די באשלוסן פונעם 8־טן צוזאמענפאָר פון די

פראָפאריינען, פונעם 16־טן צוזאמענפאָר פון דער פארטיי, פונעם 5־טן פלענום פונעם אלפארבאנדישן פראָפראט האָבן אריבערגעפירט די פראָפאריינישע באוועגונג אינעם ראטנפארבאנד אף די רעלסן פון עמעסער באָלשעוויסטישער ארבעט און האָבן קלאָר אָנגעוויזן די ראָל און די אופגאבעס פון די פראָפאריינען אינעם פעריאָד פון סאָציאַליסטישער בויונג

די ארמיי פון די בילדונג־טוער אין אוקראַינע גייט אין דערדאָזיקער גראנדיעזער בויונג צוזאמען מיטן גאנצן פראָלעטאריאט. זי באקעמפט די צײַטווײַליקע שוועריקײַטן און פילט אויס די דירעקטיוון פון דער פארטיי און פון דער רעגירונג.

אונדזער פראָפאריינישע אָרגאניזאציע קומט צום צוזאמענפאָר נאָך מער פארהאר־טעוועט און נאָך מער איבערגעגעבן דער זאך פון דער סאָציאַליסטישער בויונג.

דער אָנטייל פון די בילדונג־טוער אין אלע ווירטשאפטלעך־פּאָליטישע קאמפא־ניעס — אין איבערבויען די פּאָלקסווירטשאפט, אין קאמף פאר דער דורכויסיקער איוורעדיקײַט, פאר פאנאנדערוויקלען די שלאָגלערײַ, פאר דורכפירן און פארווירקלעכן אין לעבן די סאָציאַליסטישע ארבעט־מעטאָדן באווײַזט, אז מיר גייען צום צוזאמענ־פאָר מיט ניצבוינעס, אז אונדזער פראָפאריינישע אָרגאניזאציע האָט אקטיוויזירט אירע רייען און גייט האנט־בא־האנט מיטן פראָלעטאריאט.

מיר וואָלטן אָבער דערלאָזט א גרויסן פעלער, ווען מיר וואָלטן פארגעסן אין די פעלערן, וואָס דארפן ליקווידירט ווערן דורך די בילדונג־טוער גופע.

באגלײַך מיט דער אקטיוויזירונג פון די בילדונג־טוער, באגלײַך מיט דער איבער־געגעבנקײַט צו זייער ארבעט מיצאד דער מערהײַט פון אונדזערע פראָפאריינ־מיטגלידער, האָבן מיר אויך אן אקטיוויזירונג פון שעדיקערישע קלאסן־פײַנטלעכע עלע־מענטן. באזונדערע פראָפעסאָרן אין די הויכשולן און אויך לערער פירן דורך א קאָנטררעוואָליוציאָנערע אנטיסאָוועטישע ארבעט. עמעס, טאקע די בילדונג־טוער זעלבסט פירן קעגן זיי אן אנטשיידענעם קאמף און רייניקן זיך אָפּ פון אזעלכע עלע־מענטן, דאָך איז דער קלאסעווער כוש אין די קאָלעקטיוון נאָך ניט גענוג שטארק, צומאָל אפילע פארטעמפט. און דאָס בינדט פאנאנדער די הענט פונעם קלאסנסוינע.

אין אונדזערע רייען זײַנען פאראן אויך אזעלכע בילדונג־טוער, וואָס באציִען זיך צו זייער ארבעט פאסיוו, וואָס שטייען אָן א זײַט פון דער סאָציאַליסטישער בויונג.

פארן 4־טן אלוקראַינישן צוזאמענפאָר דארפן מיר נאָכאמאָל דורכקוקן אונדזערע רייען, אנטשיידענער אופדעקן דעם קלאסנסוינע און זײַנע אגענטן; אָפּרייניקנדיק אונדזערע רייען פון די איינצלנע שעדיקערס, דארפן מיר ענטפערן אף זייערע ארויס־טרעטונגען מיט א נאָך גרעסערער העכערונג פון אונדזער אקטיווקײַט.

די צײַט, וואָס איז פארבליבן ביזן אלוקראַינישן צוזאמענפאָר, פאלט פונקט צונויף מיט דער צײַט פון אָנגעשטרענגטער ארבעט אפן געביט פון סאָציאַליסטישער בויונג. קעמפן פאר קוילן, פאר פארגרעסערן זײַן ארויסבאקום, פאר אן ענדגילטיקן ליקווי־דירן די דורכרײַסן אינעם טראנספּאָרט, פאר מאָביליזירן די מאסן צום אויספילן די

פלענער פונעם 2־טן קווארטל און אויספילן די פלענער פונעם 2־טן באָלשעוויסטישן פרילינג־פארזיי — אָט דאָס איז די שלאָג־פראָגראם פון דער ארבעט, אפ וועלכער דער פראָלעטאריאט און די באטראקיש־אָרעמע קאָלווירטישע מאסן שטרענגען אָן אלע זייערע קויכעס קעדיי אויסצופילן זיי.

דאָס צוגרייטן זיך צו אונדזער צוזאמענפאָר דארף דורכגיין אונטער דעם לאָזונג פון מאָביליזירן די ארבעטנדיקע מאסן, פון נאָכמער אקטיוויזירן די בילדונג־טוער אפ אויסצופילן דידאָזיקע שלאָג-פראָגראם.

דאָס וועט זײַן דער בעסטער באוויַיז פון אונדזער איבערגעגעבנקייַט דער פארטיי און דער ראטנמאכט. דאָס וועט זײַן דער בעסטער ענטפער די שעדיקער און די אגענטן פונעם קלאסנסוינע.

אין אונדזער פראָדוקציע גופע האָבן מיר אויך היפשע דורכרייַסן. אין פיל ערטער איז ניט איינגאנצן קעשורע מיטן אויספילן די ליקאָניוורע־פלענער, מיטן דורכפירן די אלגעמיינע בילדונג, און באזונדערס, מיטן ארומכאפן די אונטערוואקסנדיקע יוגנט דורך דער ספעציעל געשאפענער פאר זיי בילדונג־נעץ.

די נײַע סאָציאַליסטישע ארבעט-מעטאָדן — דער סאָצגעוועט און די שלאָגלערייַ האָבן נאָך ניט ארומגעכאפט אלע מאסן, האָבן נאָך ניט געגעבן קיין מוסטער פון עמעסער שלאָגלערישער ארבעט און פון איר עפעקטיוקייַט.

די צײַט, וואָס עס איז געבליבן ביזן צוזאמענפאָר, דארף מען אויסנוצן אפן דורכקוק פון אונדזער פראָדוקציע. די טעג דארפן דערקלערט ווערן אלס שטורעם־טעג אפ צו ליקווידירן אלע דורכרייַסן.

צום צוזאמענפאָר דארפן מיר קומען מיט צייַגערס, וואָס זאָלן באווייַזן, אז מיר האָבן פולשטענדיק אויסגעפילט אונדזערע פלענער. מיר דארפן געבן די בעסטע מוסטערן פון ארבעט אין אונדזער פראָדוקציע.

דער פארשארפטער קלאסנקאמף, וואָס איז א רעזולטאט פונעם מעכטיקן וווּקס פון די סאָציאַליסטישע עלעמענטן אין אונדזער לאנד, פילט זיך באזונדערס שטארק אין דער נאציאָנאלער פראגע און ברענגט צו אקטיוויזירן די אָפנויגן פון דער לענינישער ליניע אין דערדאָזיקער פראגע.

די לענינישע לייזונג פון דער נאציאָנאלער פראגע אפן קולטור־פראָנט שטויסט זיך אָן אפ א ווידערשטאנד מיצאד די קלאסנפייַנטלעכע קויכעס. די קולטור־רעוואָליוציע, אלס איינע פון די קאָנקרעטע פאָרמעס פון לייזן די נאציאָנאלע פראגע אינעם איצטיקן מאָמענט, שפילט איצט א באזונדער ראָל. דער גרויסרוסישער שאָוויניזם און דער אָרטיקער נאציאָנאליזם האָבן אן אָרט אפן קולטור־פראָנט אלס שעדלעכע אָפנויגן פון דער לענינישער נאציאָנאלער פאָליטיק. דער קאמף אפ 2 פראָנטן אין דער נאציאָנאלער פאָליטיק דארף בא איצטיקן מאָמענט זײַן באזונדערס אקטועל. ביזן 4-טן צוזאמענפאָר פון אונדזער פארייַן דארפן מיר פארסאכאקלען די דערפאָלגן, וואָס מיר האָבן אין געביט פון דער נאצקולטבויונג, אלס רעזולטאט פונעם ריכטיקן דורכפירן די נאציאָנאלע פאָליטיק. גלייַכצייַטיק דארפן מיר נאָך מער

מאָביליזירנ די אופמערקזאמקייַט פונ אונדזערע בילדונג־טוער אפנ קאמפ קעגנ די אָפנויגנ פונ אונדזער נאציִאָנאלער פּאָליטיק.

די פּארטיי און די רעגירונג האָט געגעבנ קלאָרע דירעקטיוונ וועגנ דער לענינישער באציִונג צו דער לערערשאפט. דאָכ האָבנ מיר אפ די ערטער ניט ווייניק פאלנ פונ איוועער זייַנ אפ דידאָזיקע דירעקטיוונ. מיר האָבנ נאָכ איצט פאלנ פונ העצע קעגנ דער לערערשאפט, פונ פארפאָלגנ די לערערשאפט, פונ אונטערפירנ פערזענלעכע כעשבוינעס, פונ איוועער זייַנ אפ דער געזעצגעבונג בעגעגייע דער לערערשאפט. נאָכ איצט האָבנ מיר פאלנ, ווענ מע פילט ניט אויס די דירעקטיוונ פונ דער פּארטיי און פונ דער רעגירונג וועגנ פארבעסערנ די מאטעריִעל־שטייגערישע באדינגונגענ פונ די בילדונג־טוערס. מיר מוזנ מאכנ א סאָפ צו דערדאָזיקער אומפאראנטוואָרטלעכער באציִונג פונ אונדזערע אָרגאניזאציעס צו דער לערערשאפט. די דירעקטיוונ פונ דער פּארטיי און פונ דער רעגירונג וועגנ דער לענינישער באציִונג צו דער לערערשאפט מוזנ אויסגעפילט ווערנ, און די, וואָס זייַנענ אפ זיי איוועער, דארפנ באקומענ זייער שטראָפ.

די בילדונג־טוער דארפנ פאָדערנ פונ זייערע פּראָפּאריינישע אָרגאניזאציעס אנ ענטפער אפ דעם, וויִאזוי זיי שפירנ נאָכ נאָכנ אויספילנ די דירעקטיוונ פונ דער פּארטיי, וויִאזוי זיי רעאגירנ אפ די פאלנ פונ פארפאָלגנ די לערער און פונ פארקריפלענ די ליניע בענעגייע באזונדערע בילדונג־טוער מיצאד אייניקע מאכט־אָרגאנענ. דער געוועזענער טוער פונ אלוק, שערעמעטיעוו האָט זיכ באמיט שטעלנ די פראגע וועגנ פארטיידיקונג־ארבעט אפ אנ אנטיפּארטייִשנ אויפנ, רעכט־אָפּאָרטוניסטיש, ניט צונויפבינדנדיק זי מיט די פּאָליטישע און פּראָדוצירישע אינטערעסנ פונעמ פאריינ, פונ די בילדונג־טוער.

די אלוקראיִנישע אָרגאניזאציע האָט געגעבנ אנ אנטשיידענעמ ווידערשטאנד שערעמעטיעוונ און האָט דערקלערט א שארפנ קאמפ קעגנ דער שערעמעטיעווטשינע און קעגנ די אלע, וואָס ווילנ זעענ אינ די פאריינענ א פארטיידיקער פאר אלע אָנ אויסנאמ פאריינ־מיטגלידער און אינ אלע אָנ אויסנאמ פראגעס.

ערעוו דעם צוזאמענפאָר דארפנ מיר דורכקוקנ די רייענ פונ די בילדונג־טוער, יט אָפּשטעלנ דעמ קאמפ קעגנ דער שערעמעטיעווטשינע, אלס שארפסטע און בוילעטסטע אנטפּלעקונג פונעמ רעכטנ אָפּאָרטוניזמ. גלייַכצייַטיק דארפנ מיר אויכ פירנ א פארטיידיקונג־ארבעט, אלס קלאסעווע־ארבעט, קעגנ די איינציקע פארקריפלונגענ פונ דער פּארטיי־ליניע און פונ דער ראטנמאכט בענויגייע דער לערערשאפט, וואָס טרעפנ זיכ צומאָל אינ אייניקע ערטער.

דער 6־טער פּלענומ פונ אונדזער פאריינ, וואָס איז פאָרגעקומענ אינ אָנהייב מארט, האָט באשטעטיקט די באשטימונג פונעמ אלוק־פּרעזידיִומ וועגנ צוגרייטנ מיט די קויכעס פונ די בילדונג־טוערס גופע 9 טויזנט געהילפ־לערערס, וואָס דארפנ פארלייַכטערנ די לאגע מיט די פּעדקאדרענ. דארפנ מיר טאקע דעמ צוזאמענפאָר ראפּאָרטירנ, וואָס האָבנ מיר אופגעטאָנ, קעדיי אויסצופילנ דידאָזיקע באשטימונג.

ערעוו דעם אַלוקראַיִנישן צוזאַמענפֿאָר, אין מעשעך פֿון אַפּרעל און אָנהייב מייַ וועלן אין אַלע ראַיאָנען פֿאָרקומען קאָנפֿערענצן פֿון די בילדונג־טוער. די דאָזיקע קאָנפֿערענצן וועלן דאַרפֿן אונטערפֿירן א סאַכאַקל פֿונעם אָנטייל פֿון די בילדונג־טוער אינעם אַלגעמיינעם פּראָצעס פֿון סאָציִאַליסטישער און קולטורעלער בויונג און אויסקלייַבן די דעלעגאַטן אַפֿן אַלוקראַיִנישן צוזאַמענפֿאָר.

דער 4־טער צוזאַמענפֿאָר פֿון אונדזער פֿאַריין וועט זייַן א שלאָגלעדישער. די גרויסע צוגרייט־אַרבעט צום צוזאַמענפֿאָר, וואָס פֿירט זיך שוין איצט דורך אַף די ערטער, גאַראַנטירט אונדז עס.

דער פּרעזידיום פֿונעם אַלוק פֿון בילדונג־טוער האָט דערקלערט די צייַט ביז צוזאַמענפֿאָר אַלס שטורעם־טעג אין פּראַט פֿון ליקווידירן די דורכרייַסן, אַף דורכצוקוקן אַלע געביטן פֿון אונדזער אַרבעט, אַלס טעג פֿון איבערוף צווישן אַלע קאָלעקטיוון אַף אַרויסבאַווייַזן די בעסטע מוסטערן פֿון אַרבעט, אַלס טעג פֿון קאַמף פֿאַ קוואַליטעט. אַלע פּראָפֿאַריינישע אָרגאַניזאַציעס האָבן בא הייַנטיקן טאָג אונטערגעכאַפּט דעם רוף פֿונעם אַלוק און האָבן שוין פֿאַנאַנדערגעוויקלט אַף די ערטער א ברייטע אַרבעט. ערעוו די קאָנפֿערענצן וועלן אָרגאַניזירט צונויפֿליִען פֿון די שלאָגלערס צונויפֿליִען פֿון באַזונדערע גרופּעס טוער (פֿאָרשול־טוער, פּאָליטופּקלער־טוער טעכאַרבעטער). אין אַלע קאָלעקטיוון פֿון די קולטבילד־אַנשטאַלטן קומען פֿאָר פֿאַרזאַמלונגען פֿון בילדונג־טוער צוזאַמען מיט די קאָלווירטלערס אָדער מיט די אַרבעטער פֿון די אונטערנעמונגען. עס קומט פֿאָר א קעגנזייַטיקער דורכקוק פֿון די פֿליכטן, וואָס עס האָבן גענומען אַף זיך איינע בענעגייע די אַנדערע, עס וואַקסט די באַוועגונג פֿון שלאָגלערייַ.

אַזוי, לעמאָשל, האָט די קאָנפֿערענץ פֿון בילדונג־טוער אין פּאָלטאַווע אַרויסגעשטעלט א פֿאָרשלאָג צו דערקלערן א פֿריזיוו פֿון שלאָגלערס, א. נ. פֿונעם 4־טן אַלוקראַיִנישן צוזאַמענפֿאָר. די דאָזיקע קאָנפֿערענצן האָט אַף זיך גענומען אויך א ריי קאָנקרעטע פֿליכטן אין פּראַט פֿון פֿולשטענדיק זיכערן די פּלענער פֿונעם באָלשעוויסטישן פֿרילינג־פֿאַרזיי, פֿון ליקווידירן די דורכרייַסן אַפֿן טראַנספּאָרט, פֿון אויספֿילן די פּלענער פֿון ליקאָניוורעדיקייַט און פֿון צוגרייטן קאַדרען. די בילדונג־טוער האָבן אויך ניט פֿאַרגעסן וועגן דער שוצפֿעיִקייַט פֿון אונדזער לאַנד און האָבן אַרויסגעשטעלט דעם לאָזונג: „מיר גיבן צום 4־טן אַלוקראַיִנישן צוזאַמענפֿאָר אַן אַעראָפּלאַן „פֿאַר דער קולטור־רעוואָליוציע".

דורך דער צייַטונג „פֿאַר דער קולטור־רעוואָליוציע" ווערן דורכגעפֿירט מיטינגען פֿון בילדונגטוער־שלאָגערס און א קאָנקורס אַפֿן בעסטן קולט־אַנשטאַלט. זיי ראַפּאָרטירן וועגן זייער אַרבעט און מאָביליזירן די מאַסן אַף ליקווידירן דעם דורכרייַס.

די קאָנפֿערענצן, וואָס קומען איצט פֿאָר אין די ראַיאָנען, ווערן פֿאַרוואַנדלט אין פּאָליטישע געשעענישן אין די דאָזיקע ראַיאָנען, (פּאָלטאַווע, זינאָוויעווסק, מאָהילעוו אַפֿן דניעסטער, דניעפּראָפּעטראָווסק). די בילדונג־טוער דעמאָנסטרירן זייער פֿולשטענדיקע איבערגעגעבנקייַט דער פּאַרטיי. דער אַלוק פֿון בילדונג־טוער, וואָס פֿלעגט ביז

אהער זיך אָפּרעכענען אין די קרײַזן און בלויז אין אויסנאַם־פאַלן אין די ראַיאָנען, רעכנט זיך איצט אָפּ אין 200 ראַיאָנען, אויסנוצנדיק דערבײַ די מיטגלידער פון אלוק, די מיטגלידער פון צ. ק. פון פאריין און אקטיווע פראָפאריין־טוער. אויסער דעם, וואָס דער אלוק רעכנט זיך אָפּ אפ די פארזאַמלונגען פון די בילדונג־טוער, רעכנט זיך דער אלוק אָפּ אויך אין די אונטערנעמונגען און אין די קאָלווירטן.

דידאַזיקע גאנצע צוגרייט־ארבעט אנטשפּרעכט די פאָדערונגען, וואָס מיר שטעלן פארן צוזאַמענפאָר.

דער 4־טער צוזאַמענפאָר וועט זײַן א שלאָגלערישער, ווײַל מיט אים לעבט די מאסע, צו אים גרייטן זיך הונדערטער טויזנטער בילדונג־טוער, וועגן אים ווייסן צענדליקער טויזנטער ארבעטער און קאָלווירטלערס.

כ. באַראַש.

אלפארבאנדישע באראטונג וועגן אנטירעליגיעזער ארבעט צווישן יידישע ארבעטנדיקע

דעם 29 — 26 מארט איז אין מאָסקווע פאָרגעקומען אן אלפארבאנדישע באראטונג וועגן אנטירעליגיעזער ארבעט צווישן די יידישע ארבעטנדיקע.

די באראטונג האָט אויסגעהערט א פאָרטראָג פון כ. אלטשולער וועגן די אָרדנט־לעכע אופגאבעס פון פארבאנד „קריגערישע אפּיקאָרסים" צווישן די יידישע האָרע־פאשנע מאסן, באריכטן פון די ערטער: אוקראינע, ווײַסרוסלאנד, קרים, מײַרעוו־געגנט און אנדערע. אויסער דעם איז אויך געווען א ספּעציעלער פאָרטראָג וועגן די מעטאָדן פון דער ארבעט צווישן די גרוזינישע יידן.

וואָס פארא סאכאקל האָט אונטערגעפירט די באראטונג? — זייער ניט קיין גלענצנדן. די מאסע איז אריבערגעוואקסן די אָנפירער — דאָס איז געווען דער אויס־פיר. מיר האָבן אפּיקאָרסישע שלאָג־צעכן, אָבער דאָרטן איז אפילע ניטאָ קיין אפּיקאָר־סישע קעמערלעך. מיר האָבן אפּיקאָרסישע קאָלווירטן אין די יידישע נאציאָנאַלע ראַיאָנען, אָבער אין דערזעלבער צײַט איז אין ראַיאָן נאָך ניטאָ קיין רײַראַט פון קריגערישע אפּיקאָרסים. די רעפּובליקאנישע און געגנטלעכע ראטן האָבן אייגנטלעך ניט געהאט וואָס צו דערציילן וועגן זייער ארבעט... ווײַל קיין ארבעט איז ביכלאַל ניט געווען. אפילע צו דער באראטונג האָט מען זיך ניט צוגעגרייט ווי געהעריק. אוקראינע, צום בײַשפּיל, האָט באקומען א ספּעציעלע סומע אפ צונויפצורופן אן אלוקראינישע באראטונג — נאָר זי האָט דאָס ניט געטאָן. ערשט אין מארט־כוידעש איז אָרגאניזירט געוואָרן א יידסעקציע, וועלכע האָט נאָך ניט באוויזן ברייט פאנאנ־דערוויקלען איר ארבעט. קרים האָט יאָ דורכגעפירט א קאָנפערענץ, נאָר זי האָט געדויערט... 5 שאָ, ביקלאל איז די אנטירעליגיעזע ארבעט געפירט געוואָרן פון קאמפּאניע צו קאמפּאניע און א. וו.

דאָס, פארשטייט זיך, ווערט אויסגענוצט דורך די באלעגופים און קלעריקאלן. אין צוזאמענהאנג מיטן פארשארפטן קלאסנקאמף, וואָס קומט פאָר אדאנק דער פאר־שטארקטער סאָציאַליסטישער בויונג, ווײַזן די קלאסן־סאָנים ארויס א פארשטארקטע אקטיווקייט. אין איבערבויען די פאָרמען און מעטאָדן פון ארבעט זײַנען די קליי־קודעש אָפט מער בויגעוודיק איידער אייניקע פארבאנדן פון קריגערישע אפיקאָרסים. זיי נעמען אָן אלע מיטלען קעדיי צוצופאסן זיך צו דער געגעבענער לאגע: זיי אָרגאניזירן באוועגלעכע כאָדאָרים, פרויען־כאָרן אין די סינאגאָגעס. מיר האָבן שוין פאלן, ווען עס דאווענען צוזאמען מענער און פרויען אין איין זאל, אָן קיינשום אָפּצאמונג. צוהילף די ראבאָנים קומען די געוועזענע יידישע „וויסנשאפט־טוער", „געזעלשאפטלעכע" טוער — דאָקטוירים, יוריסטן א. ד. גל.

די באראטונג האָט אין אירע פארשידענע סעקציעס דורכגעארבעט א ריי פראק־טישע מאָסמיטלען, וויאזוי אוועקשטעלן אף דער געהעריקער הייך די אנטירעליגיעזע ארבעט צווישן די יידישע האָרעפּאשניקעס און אָנגעמערקט אויך די מעטאָדן פון דער ארבעט.

באזונדער שארף האָט מען זיך אָפּגעשטעלט אף דער פראגע פון צוגרייטן קאד־רען־אנטירעליגיעזניקעס, אף דער פראגע וועגן אנטירעליגיעזער ליטעראטור, וועגן כאראקטער פונעם זשורנאל „אפּיקוירעס", וואָס דארף ווערן א מאסן־זשורנאל, וואָס דארף זיך אָריענטירן אף די אונטערשטע אפּיקאָרסים־קעמערלעך און אויך געבן מאטעריאל פארן דורכשניטלעכן אקטיוויסט, וועגן מער אויסנוצן די פעריאָדישע פרעסע, וועגן פירן א פּאנאנדערגעוויקלטע ארבעט דורך ראדיאָ, וועגן אײַנשליסן די אנטירעליגיעזע ארבעט אין די פּראָגראמעס פון די הויך-שולן, טעכניקומס און אר־בעטער־שולן, וועגן דעם, וויאזוי מע דארף פירן אַן אנטירעליגיעזע ארבעט צווישן די יידישע קינדער, וועלכע לערנען זיך ניט אין די יידישע שולן. ס'איז באשלאָסן געוואָרן צו אָרגאניזירן יידסעקציעס בא די אָרטיקע ראטן פון קריגערישע אפּיקאָר־סים אין די ערטער, וואָס האָבן א באטײַטנדיקע צאָל יידישע ארבעטנדיקע. אין די מער גרעסערע שטעט דארף מען אויסטיילן ספּעציעלע שטאטנע טוער. אויך איז באשלאָסן געוואָרן צו פּראקטיקירן אינטערנאציאָנאלע אנטירעליגיעזע קאמפּאניעס דורך אײַנשטעלן שריפטלעכע פארבינדונגען מיט די אויסלענדישע אפּיקאָרסים א. א. וו.

ג.

כ' יע. יאראָסלאווסקיס באגריסונג דער באראטונג

טײַערע כאווײרים!

די באראטונג פון אפּיקאָרסים, וואָס ארבעטן צווישן דער יידישער האָרעפּאשנער באפעלקערונג, איז בעליסאָפעק א באטײַטנדיקער פאקט. אין פארלויף פון אסאך יאָרהונדערטער איז די יידישע רעליגיע געווען א מיטל צו פארשטארקן בא די

האָרעפּאשנע מאסן די סאמע רעאקציִאָנערע פאָרשטעלונגען וועגן דער גאנצער וועלט: די רעליגיִע האָט אונטערשטיצט די הערשאפט פון די רײַכע איבער דער אָרעמשאפט, פון די קאפּיטאליסטן איבער די ארבּעטער און בּאלמעלאָכעס, די רעכטלאָזע לאגע פון דער פרוי, די סאמע רעאקציִאָנערע דערציִונג פון די קינדער, די קנעכטישקײַט פאר די קייסאָרים. נאָך דער אָקטיאבּער־רעוואָליוציע זײַנען די ראבּאָנים געוואָרן דער אָנשפאר פון אלע אנטיסאָוועטישע עלעמענטן, די רעליגיִע איז געוואָרן דער גרעסטער טאָרמאָז אפן וועג פון איבּערמאכן די נאציִאָנאל־בּאגרענעצטע, פאנאטיש־אָפּגעזונדערטע קליינייגנטימערישע אידעאָלאָגיע פון די קליינבּירגערלעכע ייִדישע מאסן. דעריבּער האָט אײַער ארבּעט זייער א גרויסע פּאָליטישע און קולטורעלע בּאטײַטונג.

אין אונדזער לאנד קומט פאָר די גרעסטע סאָציִאליסטישע רעוואָליוציע. זי מאכט איבּער די פארהעלטענישן צווישן די מענטשן. זי מאכט איבּער די מענטשן גופע, זי ענדערט די גאנצע וועלט. איז אָט אפ דעמדאָזיקן וועג איז די רעליגיִע איינער פון יענע היסטאָריש אָנגעוואלגערטע בּאריערן, וואָס מע מוז פאר יעדן פּרײַז צעבּרעכן. די רעליגיִע שטערט דעם ארבּעטנדיקן בּײַצוקומען דעם אינדיווידואליזם, די רעליגיִע שלעפּט צוריק צו דער פארגאנגענהײַט. מע קען ניט ארופטרעטן אפן וועג פון סאָציִאליזם, אויבּ מע האָט ניט איבּערגעלאָזט הינטער דער שוועל די אלע ציצעס און מעזוזעס, צאדיקים און כאסידים, דעם רעבּן און די רעבּעצן, די טרוימען וועגן גאניידן און גענעם, די ספירע פארן ריבּוינעשעלוילעם, דעם ציטער פארן אפּיקוירעס. מע דארף העלפן די מאסן אָט דאָס אלץ בּײַצוקומען.

הונדערטער, טויזנטער ארבּעטנדיקע ייִדן אין פסר״ר גייען אריבּער צו ערד־ארבּעטערשער קאָלעקטיווער מי, צו ארבּעט אין די פאבּריקן און זאוואָדן; דאָס אלטע, פוילע שטעטל מיט די ראכיטישע גלידער, מיט דער פּערספּעקטיוולאָזער יוגנט, מיט די בּאָטעמעדראָשים און מיקוועס, מיט די ראבּאָנים און מאגידים, מיט דער געשטיקטקײַט, געדריקטקײַט און רעכטלאָזיקײַט — שטארבּט אָפּ, עס בּויט זיך און פעסטיקט זיך א נײַ לעבּן, דאָס לעבּן פון א געזונטער בּאפעלקערונג, וואָס איז פרײַ פון מוירע און דערעכערעצ פאר די געווירים, קאפּיטאליסטן, וואָס איז פרײַ פון מוירע פאר דער רעליגיִע, וואָס ווייסט, אז איר געהערט די צוקונפט, אז דידאָזיקע צוקונפט בּויען די ארבּעטנדיקע אליין, די ייִדישע ארבּעטער, קאָלווירטניקעס, די ייִדישע קאָמוניסטישע אינטעליגענצ צוזאמען מיטן גאנצן פּראָלעטאריאט און די קאָלווירטניקעס פונעם פארבּאנד. דערווײַל זײַנען נאָך די שפּראָצן פון דעמדאָזיקן נײַעם לעבּן ניט אומעטום פעסט געוואָרן. די טויטע אידעאָלאָגיע, דער טויטער שטיינער, די טויטע רעליגיִע קלאמערט זיך נאָך, קעמפט נאָך פאר עקזיסטענצ.

צעבּרעכט דידאָזיקע מעכיצעס, קאָרטשעוועט אויס פעסט און גרינטלעך די וואָרצלען פון דער פארדומפּענער אָפּגעלעבּטער אלטער וועלט, פארבּינדט אײַער ארבּעט מיט דער אלזײַטיקער אופקלערונג פון די ייִדישע מאסן. גיט דידאָזיקע מאסן א מאטעריִאליסטישן, מארקסיסטיש־לענינישן וועלט־בּאנעם, קאָרטשעוועט אויס צוזאמען

מיט דער רעליגיִע דעם נאציאָנאליזם. באוויַיזט, אז אונדזער קאמפ פארן סאָציאַליזם איז א טייל פונעם קאמפ פון די ארבעטנדיקע פון דער גאנצער וועלט; באוויַיזט, צו וואָס עס האָט געבראכט די מאסן די בורזשואזע אמעריקע מיט אירע רײַכע יידישע פעטערס, קעדיי יעדערער זאָל פארשטיין, אז קיינשום פעטער וועט ניט העלפן די מאסן, אז קיינשום שיפקארטן וועלן ניט ראטעווען די ארבעטנדיקע מאסן. דעמאסקירט דעם קריגערישן ציאָניזם, באוויַיזט זײַן ראָל אלס געהילפ פונעם אימפעריאַליזם.

גיט איבער א גרוס דער גאנצער ארמיי אפיקאָרסים, וואָס ארבעטן צווישן די יידישע מאסן, פונעם צענטראלן ראט פון די קריגערישע אפיקאָרסים און אונדזער זיכערקײַט אין דער אומפארמײַדלעכקײַט פון אונדזער פולשטענדיקן ניצאָכן. אצינד לעבט איבער די רעליגיִע דעם ביינהאשמאָשעס. עס דערנעענטערט זיך פאר איר די אייביקע נאכט.

יידיש אין הויכשול.

(1-טע אלפארבאנדישע יידישע שפּראך-קאָנפערענץ).

די טעמע: „פּראָגראם און מעטאָד פון שפּראכלערע אין יידישע לינגוויסטישע הויכשולן" איז געווען איינע פון די צענטראלע אף דער ערשטער אלפארבאנדישער יידישער שפּראך־קאָנפערענץ (קיִעוו, פעווראל 1931). עמעס, די האָפענונגען פונעם פאָלקאָמבילד — צו באקומען דאָ אפן אָרט פּארטיקע פּראָגראמעס — האָט די קאָנפע-רענץ ניט בארעכטיקט, אָבער זי האָט דורכגעמאכט א דיסקוסיע, געלייזט א צאָל פּראגעס און געמאכט אן אָנהייב פאר אן אָרגאניזירטער ארבעט אף דעם געביט.

די קאָנפערענץ האָט אויסגעהערט כ"כ ליובארסקיס (אָדעס) און זארעצקיס (מאָסקווע) פּאָרטראָגן וועגן דער אָנגערופענער טעמע*). א דיסקוסיע איז פּאָרגעקומען אי אפן פּלענום, אי אין א קאָמיסיע (ווו ס'האָבן געארבעט עטלעכע און צוואנציק מאן — ד"ה, $1/2$ קאָנפערענץ).

דער באשלוס פון דער קאָנפערענץ איז פארקערפערט אין צוויי דאָקומענטן: אין א קורצער אלגעמיינער רעזאָליוציע און אין דעטאלערע קאָנקרעטע טעזיסן.

צי קען מען האלטן דעם הײַנטיקן צושטאנד פונעם שפּראך-לימעד אין הויכשול פאר צופרידנשטעליק? דער פּאָרטרעגער, א. זארעצקי האָט געבראכט פון מאָסקווע שטארק פּעסימיסטישע שטימונגען. אנדערע כאוויירים האָבן אָנגעוויזן, אז ניט אומע-טום האלט עס אזוי שמאָל, אָבער קיינער האָט ניט געזאָגט, אז אזויווי עס איז הײַנט, אזוי איז גוט. אָט וואָס עס זאָגט די רעזאָליוציע וועגן שפּראך-לימעד אין די הויכ-שולן און פּעדטעכניקומס.

*) כוצדעם איז געווען א פּאָרטראָג וועגן שפּראך אין פּעדטעכניקום (כ' ספּיוואק — אָדעס).

„דער שפראכ-לימעד אינ דער ייִדישער לינגוויסטישער הויכ-שול אונ פעדטעכניקומ האָט זיכ נאָכ ניט איבערגעבויט בעהעסקעס מיט די פאָדערונגענ פונ דעמ איצטיקנ פעריִאָד, ווענ מיר דערבויענ דעמ פונדאמענט פונ דער סאָציִאליסטישער עקאָנאָמיק. דער שפראכ-לימעד, אינ זייַנ איצטיקנ צושטאנד אונ מיט זייַנע איצטיקע רעזולטאטנ, קענ נאָכ ניט אינגאנצנ באפרידיקנ די פּראָלעטארישע געזעלשאפטלעכקייַט.

„די קאָנפערענצ פארשארפט די אופמערקזאמקייַט פונ די ייִדישע לינגוויסטישע הויכשולנ אונ פעדטעכניקומס אונ פונ דער גאנצער סאָוועטישער געזעלשאפטלעכקייַט דערופּ, אז דער פעריִאָד פונ סאָציִאליסטישנ אָנגריפ אונ פארשארפטנ קלאסנקאמפ פאָדערט א באזונדערנ צוגאנג אויכ צו שפּראכ-פּראגנ. שפראכ-בויונג דארפ פארוואנדלט ווערנ אינ א קאמפ-געביט אפנ פראָנט פונ אונדזער קולטור-רעוואָליוציע. אנ ערנסטע שעפערישע ארבעט אפ שפראכ איז אזוי נייטיק אונ אָרגאניש פארבונדנ מיט אונדזער בויונג-ארבעט, ווי אלע אנדערע וויסנשאפט-געביטנ.

„דער קינפטיקער שפראכלערער מוז באנעמענ די סאָציִאלע פונקציע אונ קולטורעלע באטייַטונג פונ דער שפראכ פאר דער פאנאנדערגעוויקלטער סאָציִאליסטישער בויונג פונ אונדזער לאנד אינ פעריִאָד פונ גראנדיִעזער רעקאָנסטרוקציע. א באזונדערע אופמערקזאמקייַט דארפ מענ ווענדנ אפ באוואָפענענ דעמ סטודענט-פילאָלאָג מיט א מארקסיסטישער מעטאָדאָלאָגיע, וואָס וועט אימ העלפנ פאנאנדערקלייַבנ זיכ אינ די קאָנטערווערסנ פונ דער איצטיקער לינגוויסטיק אונ געפינענ, אָנווענדנדיק דעמ דיִאלעקטישנ פּרינציפּ, דעמ וועג צו דער מארקסיסטישער לינגוויסטיק.

„פונ דידאָקטיקע צוועקנ דרינגט שוינ דער אינהאלט אונ דער מעטאָד פונעמ שפראכ-לימעד, וועגנ דעמ — אינ די בייַגעלייגטע טעזיסנ”.

די רעזאָלוציע פאָדערט, דוכט זיכ, ניט קיינע דערקלערונגענ. כ'וויל ווענדנ די אופמערקזאמקייַט אפנ פּונקט וועגנ מארקסיסטישער לינגוויסטיק — אפ דער גערעכטער פאָרזיכטיקייַט אינ דער פאָרמולירונג. דעמ וועג צו מארקסיסטישער לינגוויסטיק דארפ מענ נאָכ ערשט געפינענ. *)

*) מיר זייַנענ ניט מאסקימ מיט דערדאָזיקער אייַנשטעלונג פונ דער רעזאָלוציע אונ פונ כ. זארעצקי. די אלגעמיינע געזעצנ פונ מאטעריִאליסטישער דיִאלעקטיק, די האנאָכעס, וואָס עס האָבנ ארויסגערוקט מארקס אונ ענגעלס אינ א גאנצע ריי ווערק זייערע בענויגייע דער אנטוויקלונג פונ דער שפראכ („דיאלעקטיק פונ דער נאטור”, מארקס ווערק אינ ארכיוו 1 אונ 3 אונ אנד.), די ווערק פונ אנדערע מארקסיסטנ-קלאסיקער גיבנ א גרונט צו באהויפּטנ, אז דער יעסאָד פאר מארקסיסטישער לינגוויסטיק איז שוינ פאראנ. אנדערש איז די פראגע פונ דעמ, וואָס די סאָוועטישע לינגוויסטיק, דערינ אויכ די ייִדישע, האָבנ ווייניק אָנגעווענדעט די מארקסיסטישע מעטאָדנ, ווייניק זיי פאנאנדערגעארבעט אונ אנטוויקלט — דאָס איז אנ אנדער זאכ. דאָס איז שוינ אָבער ניט די שולד פונ מארקסיזמ-לעניניזמ...

אזא פאָרמולירונג, ווי עס ברענגט דער כ. זארעצקי, פארשלעפּערט נאָר די וואכזאמקייַט צו דידאָזיקע פראגנ: דערווייַל איז נאָכ ניטאָ קיינ מארקסיסטישע לינגוויסטיק — איז לעבנ זאל דערווייַל דער פאָרמאליזמ, עקלעקטיזמ אונ קריכנדיקער עמפּיריזמ. אזא אויספיר קאָנ מענ אָביעקטיוו מאכנ. די מארקסיסטישע לינגוויסטיק איז אינ גרונט פאראנ — די סאָוועטישע לינגוויסטנ האָבנ זי אָבער ניט גענוג פאנאנ־ערגעארבעט. אונ דאָס איז איצט זייער אופגאבע.

רעדאקציע.

איך גיי איבער צו די טעזיסן. אין גרונט זײַנען געלייגט כ. זארעצקיס טעזיסן, אָבער מיט אייניקע ענדערונגען (פון זיי אייגע א פּרינציפּיעלע). כ׳וועל זיי איבערגעבן אינגאנצן און כ׳וועל, ווי נייטיק, צוגעבן דערקלערונגען.

טעזיס 1. „די צוועקן פונעם שפּראַך־לימעד אין די לינגוויסטישע הויכשולן (אייַנגעשלאָסן שפּראַך־מעטאָדיק) דאַרפן זײַן:

„1) געבן א מארקסיסטיש-לענינישן צוגאנג צו די פּראָבלעמעס פון שפּראַך און לינגוויסטיק.

„2) דערגאנצן דאָס, וואָס עס פעלט צו דער פּראַקטישער באַהערשונג פון דער שפּראַך.

„3) צוגעבן א סכום טעאָרעטישע ידיעות אין יידיש און אין אלגעמיינער שפּראַכוויסנשאַפט.

„4) געבן א באַקאַנטשאַפט מיט דער פאַכליטעראַטור (אף יידיש און אנדערע צוטרעטלעכע שפּראַכן); די סטודענטן דאַרפן זיך אַקטיוו באַטייליקן אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן אין שפּראַכגעביט (דיסקוסיע א. ד. גל.).

„5) אויסלערנען פירן די שפּראַכאַרבעט אין יענע טיפּן שולן, וואָס אף זיי אָריענטירט זיך די אָדער יענע הויכשול.

„6) אויסלערנען און צוגעוויינען צו געזעלשאַפטלעכער אַרבעט אף שפּראַך (מיט־העלפן די וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, זיך באַטייליקן אין פאַך־זשורנאַלן, זיך אָפּרופן אף געשעענישן אין שפּראַכגעביט אין דורך שפּראַך-באַטייליקונג אין וואַנט-צײַטונגען, פילטיראַזשקעס, לייענשטיבלעך א. ד. גל.).

„7) אויסלערנען זעלבשטענדיק אַרבעטן אף העכערן די קוואַליפיקאַציע אין שפּראַך און מעטאָדיק.

„8) פאַר א טייל סטודענטן דאַרף געשטעלט ווערן נאָך א צוועק:

צוגרייטן צו וויסנשאַפטלעכער אַרבעט אף יידישער שפּראַכוויסנשאַפט, אלגע־מיינער שפּראַכוויסנשאַפט, מעטאָדיק פון שפּראַך״.

באַם פּונקט 3 פון דעם טעזיס איז אין דעם פּאָרטראָג געוועזן אָנגעוויזן: ניט פרעטענדירן אף קיין פולקייט, צ״ב, זארעצקיס פּראַקטישע גראַמאַטיק איז פאַר א הויכשול צו גרויס.

באַם פּונקט 4: די סטודענטן דאַרפן וויסן, צ״ב, אף וואָסערע פראַגעס זיי קענען געפינען אַן ענטפער אין „יידישער שפּראַך״, זיי דאַרפן לייענען דאָס וואָס לערער שרײַבן אין „ראַטנבילדונג״ וועגן דער לאַגע אין שול א א וו.

טעזיס II „די שאָען פאַרן שפּראַכלימעד קענען פאַרטיילט ווערן אזוי (דאָ האַנדלט זיך וועגן דער אַרבעט אין אודיטאָריע):

פּראַקטיקום פון יידיש	50 ביז 80
סיסטעמאַטישער קורס יידיש.	200 ביז 250
רוסיש	60

אוקראַיִניש, ווײַסרוסיש (אין אוקראַיִנע און ווײַסרוס־לאַנד אַנשטאָט רוסיש) ניט ווייניקער ווי . . .	80	
דײַטש	120	ביז 150
אַרײַנפיר אין מאַרקסיסטישער שפּראַכוויסנשאַפט . .	80	
מעטאָדיק פון שפּראַך	80	ביז 100
	590	ביז 740

ארום דעם טעזיס האָט זיך אנטוויקלט א הייסע דיסקוסיע. ערשטנס, וועגן דער דער צאָל שאָען. באַם פאַרטרעגער איז דער טעזיס געווען פאָרמולירט אזוי:

„דער שפּראַכלימעד דאַרף פאַרנעמען באַ $^1/_3$ פון דער צײַט, וואָס גייט אַוועק אָפּ אַרבעט אין הויכשול (כוץ פּראַקטיק), צ״ב:

7 סעמעסטער x 15 דעקאַדעס x 8 טעג x 9 שאָ באַטרעפט 7560 שאָ; אויב אָפּ פּראַקטיק גייט אַוועק א העלפט, בלײַבט 3780 שאָ; דערפון 1260 שאָ אָפּ שפּראַך (630 אין א אידיטאָריע, 630 אינדערהיים)".

דערנאָך איז געגאַנגען א פאַרטיילונג פון די 630 שאָ.

די קאָנפערענץ האָט אָפּגעוואָרפן דעם פּרינציפּ פון „א בראָכצאָל" ($^1/_3$ פון דער גאַנצער צײַט), ד״ה, זי האָט געפונען, אז מע דאַרף ניט אַרויסגיין פון דער אַלגע־מיינער צאָל שאָען. וואָס די הויכשול פאַרמאָגט, נאָר פון דער צאָל שאָען, וואָס מע דאַרף אָפּ שפּראַך. (אין דער קאָמיסיע איז עס דורכגעגאַנגען מיט 12 שטימען קעגן 11).

איך האָב מוירע, אז דעם באַשלוס וועט זיך ניט אײַנגעבן דורכפירן, (יעדנפאַלס אין מאָסקווע — די אוקראַיִנער און ווײַסרוסישע לינגוויסטישע הויכשולן גיבן אָפּ אָפּ שפּראַך, דוכט זיך, מער צײַט ווי רספס״ר).*)

*) דער ערשטער פּרווו פון דער יִדיש-קאַטעדרע באַם מאָסקווער יִדאָפּטייל דורכצופירן די באַשלוסן האָט זיך ניט אײַנגעגעבן. אין מאָסקווע האָט מען אזעלכע צאָלן: פּראַקטיקום 80, קורס יִדיש—150, רוסיש—30, דײַטש — 120, אַרײַנפיר אין מאַרקסיסטישער שפּראַכוויסנשאַפט — 60, מעטאָדיק — 20, סאַכאַקל 520

א צווייטע גרויסע דיסקוסיע איז פאָרגעקומען ארום העברעיִש. דער פאָרטרעגער, כ'זארעצקי, האָט פאָרגעלייגט אויסשליסן העברעיִש. די דערפאַרונג האָט געוויזן, אז מע פאַטערט אָפּ העברעיִש א מאַסע צײַט און קויכעס און מע לערנט זיך ניט אויס. קיין אינטערעס צו דעם לימעד איז ניטאָ. העברעיִש דאַרפן לערנען אַספּיראַנטן, ניט סטו־דענטן. עמעס, כ. ראָזנצווײַג האָט דערציילט, אז ער האָט אַוועקגעשטעלט דעם לימעד פון העברעיִש אלס א קורס פון העברעיִשע עלעמענטן אין יִדיש, אויסנוצנ־דיק, אשטייגער, אזעלכע פּראַזעס: מנדלי מוכר ספרים כתב ספר מסעות בנימין השלישי, — א פּראַזע, וואָס איז גלײַך פאַרשטאַנדיק. אזא לימעד, זאָגט ער, האָט אַרויסגערופן אינטערעס. פונדעסטוועגן האָט כ. ראָזנצווײַג געשטיצט דעם פאָרשלאָג וועגן אויסשליסן העברעיִש. דערפאַר, האַלט ער, דאַרף מען אין יעדער הויכשול דורכאַרבעטן גרינטלעך א 3 — 2 ווערק (פאַרטײַטשן דאָרטן אַלע העברעיִזמען).

כ. ספּיוואַק האָט געהאַלטן, אַז מע דאַרף ניט אויסשליסן העברעיִש, נאָר געפינען אַ פּאַסיקן מעטאָד. אין 200 ביז 240 שאָ קען מען, בײַ אַ גוטן מעטאָד, אויסלערנען העברעיִש.

כ. פאַלקאָוויטש האָט ריכטיק אָנגעוויזן, אַז מע שאַצט איבער דעם ווערט פון העברעיִש פאַר יידישער ליטעראַטור. „מענדעלעס יידיש איז פּונקט אַזוי שווער ווי פּערעצעס העברעיִש". דאָס ניט פאַרשטאַנדיקע אין ליטעראַטור איז ניט העברעיִזמען אַלס אַזעלכע, נאָר אַרכאַיִזמען (סײַ העברעיִשע סײַ ניט-העברעיִשע). ער האָט דערמאָנט וועגן 1918 יאָר, ווען ס'איז אָנגעקומען שווער זיך צו באַשליסן באַפרײַען די אַרבעט-שול פון העברעיִש. מע האָט זיך דעמאָלט ניט פאַרגעשטעלט, ווי ווערט עס זײַן „אַ קולטורעלער ייִד" אָן העברעיִש.

כ. ליטוואַקאָוו האָט גערעדט וועגן דער ראָל פון העברעיִש אַלס אָרגאַניזירקראַפט פאַר קאָנטררעוואָליוציאָנערע עלעמענטן. „מיר קעמפן, אַז יידיש זאָל ניט ווערן קיין שטיצ-פּונקט פאַר יידישיזם. אָבער העברעיִש אָרגאַניזירט דאָך אַוואַדע".

ס'איז נאָך געווען אַ פאָרשלאָג (כ. ל. רעזניק) אויסשליסן העברעיִש, אָבער לאָזן אַ העברעיִשן סעמינאַר פאַר די, וואָס קענען שוין אַביסל. דערויף האָט דערווידערט כ. זאַרעצקי: די, וואָס קומען אין אוניווערסיטעט מיט העברעיִשע קענטענישן, זײַנען בכלל (כוץ אויסנאַמען) אַ סאָציאַל ערגערער עלעמענט, ווי די וואָס קומען אָן העברעיִשע קענטענישן. וועט זײַן פּאָליטיש שעדלעך דאַפקע פאַר יענע אײַנפירן אַ סעמינאַר און גרייטן זיי צו וויסנשאַפטלעכער אַרבעט.

אַ גרויסע אויפרעגונג איז פאָרגעקומען, ווען מע האָט ציטירט די מינסקער פּראָגראַם פון 1928 יאָר, ווו מע האָט געלערנט העברעיִש מער ווי יידיש. דאָרטן האָט מען געלערנט „דעם אונטערשייד צווישן די שפּראַכן פון טאַלמוד-באַוולי און טאַלמוד-יערושאַלמי", „די פּאָעטן שאַפּיראָ און דאָליצקי" „דעם אינערלעכן איבערברוך-לייטמאָטיוו אין פײַערבערגס שאַפונג" אדג.

פון אָט דער פּראָגראַם (פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר איר טראָגט, ווי מע האָט אָנגעוויזן, כ' מאַץ) האָט מען זיך באַפרײַט ענדגילטיק ערשט צום אָנהייב 1930 יאָר.

דאָס האָט נאָך פאַרשטאַרקט די מיינונג פון דער קאָנפערענץ, אַז פאַר אַ קורס העברעיִש איז אין אונדזער הויכשול קיין אָרט ניטאָ.

וועגן אַ דריטער דיסקוסיע — אַרום דער גלידערונג פונעם קורס יידיש — וועל איך דערציילן שפּעטער.

טעזיס III. „פונעם פּראַקטיקום יידיש קען מען אַ טייל סטודענטן טיילווײַז אָדער אינגאַנצן באַפרײַען.

„די באַהערשונג פון דעם פּראַקטיקום דאַרף אָבער זײַן אַ קאַטעגאָרישער באַדינג פאַרן סטודענטס ווײַטערדיקער אַרבעט."

די, וואָס קומען אָן אין די הויכשולן, ברענגען מיט זיך אַ ניט גענוגע באַהערשונג פון דער שפּראַך. ניט אָנעמענ זיי, שטעלן שטרענגע פאָדערונגען איז אוממעגלעך. דאָס וואָלט געהייסן שטערן דער פּראָלעטאַריזאַציע פון דער הויכשול. דערפאַר אָבער

דארף מען אפן ערשטן קורס ווענדן די הויפט-אופמערקזאמקײַט אפ דער פראקטישער באהערשונג פון דער שפראך, א טײל סטודענטן דארף מען באפרײַען, זײ זאָלן ניט פאטערן אומזיסט קײן צײַט און ענערגיע, און מיט די איבעריקע דארף מען אוועקשטעלן די ארבעט אלס א שלאָגלערישע. וואָס שוואכער איינער איז צוגעגרייט אפ שפראך, אלץ מער וועט ער דארפן ארבעטן אפן ערשטן קורס, אפן פראקטיקום יידיש.

דערבײַ איז וויכטיק כ. ספיוואקס אָנווײַז וועגן אן איינהײַטלעכן פראָגנט פון אלע לערער. די שפראך דארף זײַן א זאך ניט נאָר פונעם שפראכלימעד. „עס טרעפט, האָט ער אָנגעוויזן, אז אפ גראמאטיק שרײַבט מען ניט שלעכט, און וועגן קלימאט שרײַבט מען שלעכט".

אין כ. זארעצקיס פאָרטראָג איז נאָך געווען אזא פאָרשלאָג:

„מע דארף צווינגען די שול, דעם ארבעפאק געבן דער הויכשול א בעסערע פראָדוקציע ווי זײ געבן הײַנט. א מיטל דערצו קען זײַן, אז די הויכשולן זאָלן פובליקירן יעדיעס וועגן די סטודענטן פון ערשטן קורס מיט פארטיילונג לויט די שולן, פונוואנען זײ זײַנען געקומען.

טעזיס IV „אָנמערקונגען צום קורס יידיש":

1) ניט אָפרײַסן ווי ווײַט מעגלעך די סינכראָנישע שפראך-דערלערנונג פון דער דיאכראָנישער".

ד"ה, ניט לערנען די סינכראָניע (דעם הײַנטיקן צושטאנד פון דער שפראך) אָפגעריסן פון באוועגונג פון דער שפראך.

2) ניט אָפרײַסן דעם טעאָרעטישן צוגאַנג פון סטיליסטישן און לינגוואָטעכנישן".

3) די פאָרמאלע יעדיעס דארפן געגעבן ווערן ניט אבסטראקט, נאָר אפן גרונט פון (און אין פארבינדונג מיט) די מאטעריאל-אידעאָלאָגישע (ספעציעל — די לאָגישע) קאטעגאָריעס, וואָס זײ דריקן אויס".

דער פונקט איז גענומען פון א רעזאָליוציע פון דער שפראך-סעקציע בא דער קאָמאקאדעמיע; באם פאָרטרעגער איז עס פאָרמולירט געווען אזוי:

„די פאָרמאלע גראמאטיק אלס איינזײַטיקע דארף רעווידירט ווערן".

קײן פארטיידיקער פון דער פאָרמאלער גראמאטיק זײַנען ניט געווען, נאָר מע האָט געהאט אזא טײַנע צו כ. זארעצקין:

וווהין גיין פון דער פאָרמאלער גראמאטיק? איר רופט צוריק צו דער לאָגישער (ראָזנצווײַג).

אין דעם ארטיקל מוז איך זיך באנוגענען מיט א קורצער דערקלערונג, אז אוועקגייענדיק פון פאָרמאלער גראמאטיק, מוזן מיר קומען צו אזא לערע, וואָס זאָל האָבן עפעס אויסערלעך ענלעכס מיט דער אלטער גראמאטיק. אזוי פירט די דיאלעקטישע אנטוויקלונג פונעם וויסנשאפטלעכן געדאנק. אָבער די אויסערלעכקײַט דארף ניט פארפירן. די נײַע גראמאטיק, די העכערע שטופע, צו וועלכער גראמאטיק וועט זיך דערהייבן (פונקציאָנאלע גראמאטיק, דיאלעקטישע גראמאטיק, צי נאָך ווי מע קען עס רופן), וועט ניט זײַן קײן צוריקטריט צו דער א.ג. לאָגישער גראמאטיק.

ברייטער וועגן דעם — אין אן ארבעט, וואָס איך גרייט איצט, אן ארבעט צו דער רעוויזיע פון פאָרמאלער גראמאטיק.

„4) די סטודענטן דארפן זיך באקאנען מיט די פארשיידענע גראמאטישע ריכטונגען פאר די לעצטע פאַר צענדליק יאָר".

דאָס איז נייטיק כאָטשבי שוין דערפאר, וואָס ביז היינט הערשט נאָך ווו-ניט-ווו די „לאָגישע" גראמאטיק, וואָס דעם גרעסטן וויסנשאפטלעכן אוטאָריטעט האָט — דערווייל — די פאָרמאלע גראמאטיק און וואָס מיר ווילן איצט אריבערגיין פון דער פאָרמאלער גראמאטיק צו א העכערער.

„5) ניט אָנהעגענען די סטודענטן אזעלכע לינגוואַטעכנישע און סטיליסטישע מיינונגען, וואָס זיינען נאָך דיסקוסירלעך (באציונג צו רוסיזמען, צום דריטן מין, צום פאסיוו, צום ווערבאלן סובסטאנטיוו, צו אָרטאָעפּיע אד״ג.)„

דער פונקט וועגן דיסקוסירלעכע מיינונגען איז שטארק דיסקוסירט געוואָרן. מע האָט אים איינגעזען א באגרענעצונג פארן לערערס רעכט צו פארשפרייטן זיינע וויסנשאפטלעכע אָנשויונגען. מעגלעך, אז ער איז ניט גענוג קלאָר פאָרמולירט. דאָ האנדלט זיך ניט וועגן דעם, אז ווען דער לערער לערנט די סטודענטן, אשטייגער, וועגן פאסיוו, זאָל ער זיך באנוגענען מיט די פארשיידענע מיינונגען, וואָס זיינען פאראן, און זיך אליין ניט טאָרן שטעלן אפ דעם אָדער יענעם צאד. אדראבעו, דער לערער מוז האָבן אן אייגענע מיינונג, און ער וועט געוויס שטרעבן איבערצייגן די סטודענטן אין זיין מיינונג. אָבער יענע סטודענטן, וואָס ער וועט ניט איבערצייגן, דארף ער ניט אָנבינדן אין זייער שפראך-פראקטיק זיין מיינונג, צ״ב: ער דארף ניט פארווערן צו באנוצן פאסיווע פאָרמעס יענע סטודענטן, וואָס אים האָט זיך ניט איינגעגעבן איבערצייגן, אז פאסיווע פאָרמעס זיינען שלעכט.

מע האָט געשטעלט א פראגע: ווי קען מען וויסן, וועלכע פראגעס זיינען דיסקוסירלעך? פארשטייט זיך, אז די פראגע איז געשטעלט ניט דיאַלעקטיש, און מע קען דאָ קיין פעסטן קריטעריִ ניט געבן.

טעזיס v. „דער צוועק פון די קורסן רוסיש (אוקראיִניש, ווייסרוסיש) און דייטש איז הויפטזאכלעך א פראקטישער"

ס'איז געווען אן אנדער מיינונג — אז מע דארף אויך א טעאָרעטיש-געשיכטלעכן קורס דייטש אלס הילפמיטל צו דער דערלערנונג פון יידיש.

טעזיס vi. „דער צוועק פונעם אריינפיר אין מארקסיסטישער שפראכוויסנשאפט איז צו געבן אן אלגעמיינע דיאַלעקטיש-מאטעריאַליסטישע באנעמונג פון דער שפראך, אלס סאָציאַלע דערשיינונג, אָבער ניט צו געבן יענע אלגעמיינע באגריפן, וואָס זיינען נייטיק פארן יידיש-לימעד."

ד״ה, אזעלכע באגריפן ווי וואָקאַל, סינאָנים, סובסטאנטיוו, כאָטש זיי זיינען אלגעמיינע באגריפן ניט קיין ספּעציפיש־יידישע, דארפן געגעבן ווערן אין פראקטיקום יידיש אָדער אין קורס יידיש. דערמיט וועט זיך דער אריינפיר אין מארקסיסטישער שפראכוויסנשאפט אונטערשיידן פון דעם פריערדיקן „אריינפיר אין אלגעמיינער

שפּראַכוויסנשאַפט" (כוצדעם וועט ער זיך, פאַרשטייט זיך, אונטערשיידן אינעם מעטאָד, אין דער ריכטונג). דערבײַ האָט די קאָנפערענץ געהאַלטן (אין די טעזיסן איז עס ניט פאַרפיקסירט), אַז אַרײַנפיר אין מאַרקסיסטישער שפּראַכוויסנשאַפט ווערט געלערנט אָפּ איינעם פון די עלטערע סעמעסטערס (אָנערעך פינפטן צי זעקסטן) *).

געוועזן אַן אַנדער מיינונג: שטעלן אַרײַנפיר אין מאַרקסיסטישער שפּראַכוויסנשאַפט אָפן ו־טן צי אָפן וו־טן סעמעסטער און מעמיילע אײַנשליסן אויך די הילף-באַגריפן, וואָס זײַנען נייטיק פאַרן קאָנקרעטן שפּראַכלימעד.

טעזיס VII. „דער שפּראַכלימעד דאַרף זײַן אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער שול-פּראַקטיק (שילערשע שריפט-אַרבעטן דאַרפן בילדן אַ הילפמיטל באַם לערנען; די מאַטעריעלע שפּורן פונעם שפּראַכלימעד—קאָנספּעקטן, געניטונגען אד"ל.—דאַרפן ווי ווײַט מעגלעך זײַן אַזעלכע, אַז דער סטודענט זאָל זיי קענען אויסנוצן אין זײַן שול-פּראַקטיק א.אז.וו.)

„איינער פון די צוועקן פון מעטאָדיש לימעד דאַרף זײַן — מיטהעלפן לייזן די פּראָגע, וואָס פאַרא טייל גראַמאַטיק איז נייטיק אין שול צוליב דער פּראַקטישער שפּראַך-באַהערשונג".

די פאָרמולירונג האָט ׳מיט זיך פאַרביטן דעם פאָרטרעגערס פאָרשלאָג: דער מעטאָדישער לימעד דאַרף מיטהעלפן לייזן די פּראָגע, וועגן דער נייטיקײַט פון גראַמאַטיק אין שול. כאָטש אין דער שטעלונג האָט כ. זאַרעצקי ניט געזאָגט, אַז קיין גראַמאַטיק דאַרף מען ניט — ער האָט נאָר געזאָגט, אַז מע דאַרף באַהאַנדלען די פּראָגע, — פונדעסטוועגן האָבן די כאַווײרים געהאַלטן, אַז דאָס דעזאָריענטירט די לערערשאַפט, און מע האָט אָנגענומען די אויבן געבראַכטע פאָרמולירונג (כ. פאַל-קאָוויטש).

טעזיס VIII. „1) די שולפּראַקטיק דאַרף זײַן אַן אָרגאַנישער טייל פון דעם קורס מעטאָדיק פון שפּראַך.

„2) די לימודים, וואָס די סטודענטן גיבן אין שול אָפּ שולפּראַקטיק, דאַרפן קאָמ-בינירט ווערן אַזוי, אַז אַלע טיפּן שפּראַכאַרבעט אין שול זאָלן אומבאַדינגט דורכגע-פירט ווערן דורך דער שולפּראַקטיק. ס׳איז געוווּנטשן ווי ווײַט מעגלעך די גאַנצע שפּראַכפּראָגראַם אין שול דורכפירן דורך דער פּראַקטיק.

„3) די שולפּראַקטיק דאַרף זײַן אַזוי אײַנגעאָרדנט, אַז די סטודענטן זאָלן מיט אַ לענגערער צײַט פאָרויס וויסן, וואָס זיי וועלן דאַרפן דורכגיין באַ דער שולפּראַקטיק, אָפּ וואָס פאַר אַ מאַטעריאַל, באַ וואָסערע באַדינגונגען.

*) אַזאַ שטאַנדפּונקט איז, לויט אונדזער מיינונג, ניט קיין ריכטיקער. מע קאָן זיך ניט פאַרנעמען די ערשטע עטלעכע יאָר מיט הוילן עמפּיריזם, ניט געבנדיק פריער די אַלגעמיינע מאַרקסיסטיש-מעטאָדאָלאָ-גישע אײַנשטעלונג. גלײַכער איז געבן צום אָנהייב אַ באַשטימטן אַרײַנפיר, וואָס זאָל זײַן פאַרשטענדלעך פאַר די סטודענטן, און צום סאָף געבן די מאַרקסיסטיש־מעטאָדאָלאָגישע אויספירן. דער צווייטער טייל אינעם טעזיס 4 איז ניט קלאָר פאָרמולירט, צווײדײַטיק, ווײַל מע קען זייער לײַכט עס טײַטשן אַזוי, אַז מאַרקסיסטישע מעטאָדאָלאָגיע איז, קלוימערשט, אָפּגעריסן פונעם אינהאַלט פון שפּראַכקענטעניש, פונעם פּראַקטישן ייִדיש-לימעד. און מעטאָדיק. — רעדאַקציע.

4) די פראָגראמעס פונ שפראכ אונ די גאנגבארע לערנביכער דארפ מענ דורכשטודירנ טעאָרעטיש אונ מעטאָדיש. מע דארפ זיכ באקענענ מיט די בעסערע לערנביכער אונ פראָגראמעס אפ אנדערע צוטריטלעכע שפראכנ".

דערצו — אנ אויסצוג פונעמ פאָרטראָג:

„ניט די שולפראקטיק דארפ זײַנ א צוגאָב צומ טעאָרעטישנ טייל, נאָר גיכער פארקערט: דער טעאָרעטישער לימעד דארפ באדינענ די שולפראקטיק, וואָס איר צוועק איז די שפּעטערדיקע „עמעסע" שול־פראקטיק פונעמ קינפטיקנ לערער. די שולפראקטיק אלס צוועק דארפ זײַנ דערווײַטערט פונעמ טעאָרעטישנ לימעד ניט אפ יאָרנ, נאָר אפ דעקאדעס: יעדער לימעד אינ אוניווערסיטעט דארפ זײַנ אָריענטירט אפ פראקטישנ אָנווענד בעייס דער שולפראקטיק".

די טעזיסנ VII אונ VIII זײַנענ ווייניק אנטוויקלט. פאר דער הויכשול שטייט נאָכ די אויפגאבע צו פארבינדנ אָרגאניש די שולפראקטיק מיט דער גאנצער טעאָרעטישער ארבעט. א סאָפעק האָט ארויסגערופנ אינ טעזיס VII דער פונקט וועגנ שילערשע שריפט-ארבעטנ — מע האָט מוירע געהאט, אז דאָס קענ שטערנ דער סיסטעמאטישקײַט פונעמ שפראכ-קורס.

ט ע ז י ס IX „דער דאָמינירנדיקער מעטאָד פונ שפראכלימעד דארפ זײַנ דער לאבאָראטאָרישער. מע דארפ אָנעמענ מיטלענ צו שאפנ די נייטיקע באדינגענ פארנ לאבאָראטאָרישנ מעטאָד — ארויסגעבנ ליטעראטור. אויספאָרשונג דארפ זײַנ אלס עלעמענט, אָבער ניט דער דאָמינירנדיקער מעטאָד".

דאָ האָט זיכ די קאָנפערענצ אָפגעגרענעצט פונ איינ זײַט פונ אזעלכע מעטאָדנ ווי לעקציעס אונ פאָרטראָגנ (ס'איז געווענ א פאָרשלאָג צו פאָרמולירנ דעמ פונקט אנדערש אזוי: דער מעטאָד פונ שפראכלימעד דארפ זײַנ דער אקטיווער מעטאָד — א צעשוומענע פאָרמולע, וואָס קענ אײַנשליסנ אינ זיכ אלצ), פונ דער אנדערער זײַט — פונ אזא לוקסוס פאר אונדזערע באדינגענ ווי אויספאָרש-מעטאָד. וואָס שײַעכ פראָעקט-מעטאָד, איז די פראגע געבליבנ אָפנ, ווײַל מיר האָבנ נאָכ ניט גענוג פאנאנדערגעארבעטנ מאטעריאל בענעגייע ייִדישער שפראכ (? רעד.) אפ צו לייזנ זי.

ט ע ז י ס X. „דער שפראכלימעד דארפ זײַנ פארבונדנ מיט ליטעראטור, דערבײַ ניט נאָר מיט דער שיינער ליטעראטור, נאָר אויכ מיט דער פובליציסטיק, פרעסע א. אז. וו.".

דערבײַ האָט מענ בארירט די פראגע וועגנ אויסנוצנ אידעאָלאָגיש פרעמדע ליטעראטור (צ. ב. איליוסטרירנ צונויפזאצנ מיט בײַשפילנ פונ ניסטערנ). פונ איינ זײַט האָט מענ אָנגעוויזנ, אז מע דארפ אזא ליטעראטור ניט אויסנוצנ. פונ דער אנדערער זײַט — איז דער שפראכלימעד קענ אמאָל פאָדערנ זיכ ווענדנ דאפקע צו דעמ אָדער צו יענעמ שרײַבער (צ"ב, דעמ אייגנארטיקנ סיפ ניסטערס צונויפזאצנ קענ מענ דערלערנענ נאָר בא ניסטערנ).

די קאָמיסיע האָט געפֿונען פֿאַר גלײַכער ניט שטעלן וועגן דעם קיין פּונקט אין דער רעזאָלוציע. *)

טעזיס XI „דער סטודענט דאַרף קענען אויסקלײַבן די שפּראַכלעכע באַזונדער־קײַטן פֿון אַ ווערק, געבן אַ שפּראַכלעכן קאָמענטאַר פֿון אַ ווערק, פֿאַרבינדנדיק אים מיט אַ סאָציאָלאָגישן און ליטעראַרישן קאָמענטאַר".

טעזיס XII „דער אונטעריכט פֿון פֿאַרשיידענע שפּראַכן אין הויכשול דאַרף זײַן קאָאָרדינירט".

אין די טעזיסן זײַנען ניט געקומען צום אויסדרוק נאָך עטלעכע געדאַנקען פֿונעם פֿאָרטראָג און פֿון די אַרויסטרעטונגען:

די פּראָפּאָרץ פֿון אַרבעט אין אודיטאָריע און אויסער דער אודיטאָריע דאַרף זײַן, נאָרמאַל, 1:1, ד"ה, אויף יעדער שעה אַרבעט אין אודיטאָריע — אַ שעה היימישע פֿאַרגעבונגען. (אין מאָסקווע האָט מען געהאַט אײַנגעשטעלט: אויף 4 שעה אין אודיטאָריע 1 שעה אינדערהיים — דאָס האָט געפּלאַצט).

די בריגאַדע־אַרבעט דאַרף געשטעלט ווערן אַזוי, „זי זאָל ניט אַראָפּנעמען די פּערזענלעכע פֿאַראַנטוואָרטלעכקײַט פֿון יעדן סטודענט פֿאַר דער אַרבעט.

אין כ. זאַרעצקיס פֿאָרטראָג איז געווען נאָך אַזאַ טעזיס:

„כאָטש די ציל־אײַנשטעלונג פֿון די ייִדישע לינגוויסטישע הויכשולן איז אַ פּעדאַ־גאָגישע, אָבער דאַרפֿן לערנען אויך אַזעלע, וואָס ווערן דערנאָך ניט קיין לערער (שרײַבער, רעדאַקציע־אַרבעטער), קאָלזמאַן ס'איז ניטאָ קיין ספּעציעלער אַנשטאַלט פֿאַר אַזעלכע כאַוויירים, דאַרף מען ווי ווײַט מעגלעך אַזוי אינדיווידואַליזירן דעם לימעד, אַז שרײַבער א. א. זאָלן אויך קענען באַקומען מאַקסימום נוצן".

נאָכדעם ווי מע האָט מיטגעטיילט וועגן אַ באַשלוס צו אָרגאַניזירן ספּעציעלע אָפּטיילונגען פֿאַר זשורנאַליסטן, האָט די קאָמיסיע געפֿונען פֿאַר ניט־נייטיק אָנצושליסן אַזאַ פּונקט אין די טעזיסן.

עס איז געבליבן אָפֿן די פֿראַגע וועגן דעם, וועלכע אַנשטאַלטן און וויאַזוי דאַרף מען גרייטן לערער פֿון רוסיש, אוקראַיִניש ווײַסרוסיש פֿאַר דער ייִדישער שול. די פֿראַגע דאַרף געלייזט ווערן אין די פֿאָלקאָמבילדן.

* *
*

די קאָנפֿערענץ האָט, ווי כ'האָב געזאָגט, קיין קאָנקרעטע פּראָגראַמעס ניט געקענט אויסאַרבעטן. נאָך דער קאָנפֿערענץ איז, לויט כ. בורגאַנסקיס פֿאָרשלאָג, אַ גרופּע כאַוויירים געבליבן און אָרגאַניזירט די אַרבעט איבער פּראָגראַמעס. דאָ האָט מען, ערשטנס, דיפֿערענצירט דעם קורס ייִדיש און דאָס האָט אַרויסגערופֿן אַ הייסע דיס־קוסיע אַרום „גראַמאַטיק" און „סטיליסטיק". צי דעקט זיך גראַמאַטיק מיט סטיליסטיק

*) צוליב וואָס אַזאַ ווייכלײַביקײַט און אָנבײַנערדיקײַט? עס איז קלאָר, אַז די שפּראַך איז אַזוי רײַך, אַז אויף צו אַנטפּלעקן איר געזעצן איז ניט נייטיק צו ווענדן זיך דאַפֿקע צו מוסטערן פֿון אידעאָלאָגיש פֿרעמדער ליטעראַטור. דאָס איז באַשטימט שעדלעך.

רעדאַקציע.

און פארקערט? צי דארף מען לערנען אי גראמאטיק, אי סטיליסטיק, צי נאָר איינע פון די צוויי דיסציפּלינעס? צי דארף זײַן כוץ סטיליסטיק — לעקסיק און סעמאנטיק? און נאָך אזעלכע פראגעס.

מע האָט אָנגענומען אזא פארטיילונג פונעם קורס ייִדיש:

ארײַנפיר	4	שאָ
לעקסיק, פראזעאָלאָגיע, סעמאנטיק (אין סטיליסטישן אספּעקט)	30	שאָ
גראמאטיק (אין סטיליסטישן אספּעקט)	80	„
פאָנעטיק, אָרטאָגראפיע, אָרטאָעפּיע	20	„
„קאָמפּאָזיציאָנעלע סטיליסטיק"	40	„
געשיכטע פון ייִדיש (אײַנגעשלאָסן געשיכטע פון ייִדישער לינגוויסטיק	30	„
פּראָבלעמעס פון לינגוואָטעכניק	16	„
ספּעציִעלער סעמינאר	30	„
סאכאקל	250	„

קיין „סטיליסטיק" (כוץ „קאָמפּאָזיציאָנעלער") איז דאָ ניטאָ, וואָרעם זי וואָלט מיט זיך דובלירט לעקסיק, סעמאנטיק, פראזעאָלאָגיע און גראמאטיק. קעדיי די דאָזיקע דיסציפּלינעס זאָלן ניט זײַן אָפּגעריסן פון פּראקטישן אָנווענד, איז צוגעגעבן אין קלאמערן אַן אָנווײַז „אין סטיליסטישן אספּעקט". ווען מע זאָל זיי אָבער גאָר אויסשליסן און שרײַבן פּאָשעט „סטיליסטיק", וואָלט עס געקאָנט פירן שוין צו איבעריקן פּראקטיציזם אינעם לימעד.

מיט „קאָמפּאָזיציאָנעלער סטיליסטיק" מיינט מען אופזאַץ-פּראָבלעמ, טעקסט-אנאליז, וואָס גייט ארויס פון די גרענעצן פון לעקסיק, סעמאנטיק, גראמאטיק א. ד. גל. דער נאָמען איז א צײַטווײַליקער — מע וועט דארפן געפינען א בעסערן.

דער טראדיציאָנעלער קורס „דיִאלעקטאָלאָגיע" איז דאָ פארפעלט: קיין געאָגראפישע דיִאלעקטאָלאָגיע פינעם אלטן שניט (ווו זאָגט מען „טויב" און ווו טוב") דארפן מיר ניט און די נײַע, סאָציִאלע דיִאלעקטאָלאָגיע איז נאָך ניט גרייט צו ווערן א זאך פאר אונטעריכט. דאָס פּראקטיש נייטיקע פון דיִאלעקטאָלאָגיע וועט גיין אינעם אָפּטייל „פאָנעטיק, אָרטאָגראפיע, אָרטאָעפּיע".

ווײַטער האָט מען באשטימט, ווער פון די כאווײרים עס נעמט זיך אופשטעלן די אָדער יענע פּראָגראמעס (פאר לינגוויסטן פון פּראָפבילד, פון סאָצדערצ, פאר סאָצעק, פאר פּעדטעכניקומס, פאר אינדוסטריִעלע טעכניקומס, פאר קאָמוווזן, פאר ארבּפאקן א. א. וו.). צו מײַ דארפן די פּראָגראמעס אופגעשטעלט ווערן, דערנאָך וועלן זיי דורכגיין א רעדאקציע, קעדיי אויסצומײַדן ווידערשפּרוכן, און וועלן בילדן מאטעריאל פאר א זאמלונג.

ס'איז געוועזן א מיינונג (כ' שטיפּ), אז מע דארף איצט קיין פּראָגראמעס ניט אופשטעלן. דאָס לעבן גייט אזוי האסטיק, אז די פּראָגראמעס ווערן באלד אלט.

א הויכשול בײַט די פּראָגראַם 3 מאָל אין יאָר. זאָל יעדער הויכשול אויסארבעטן פאר זיך א פּראָגראם, צוגעפּאסט צו די אָרטיקע באַדינגונגען. מע דארף שאפן א ספּעציעלע אויסגאבע, ווו די הויכשולן זאָלן זיך טיילן מיט זייער דערפארונג אין פּראָגראַמעס, אין אונטעריכט.

כ׳ בורגאנסקי האָט געהאלטן, אז פּראָגראַמעס מוזן זײַן, וואָרעם דורך זיי קאָן דער פּאָלקאָמבילד אָנפירן מיט דער ארבעט.

וועגן טיילן זיך מיט דער דערפארונג האָט מען אָנגענומען, אז דאָס דארף פאָר-קומען אף די זײַטלעך פון „ראטנבילדונג”. די יידישע קאטעדרעס בא די הויכשולן דארפן דאָ געבן באריכטן פון זייער ארבעט — ניט קיין קאזיאָנע באריכטן וועגן דער צאָל זיצונגען, נאָר מעטאָדישע באריכטן וועגן די זוכענישן, דורכפאלן און דערגריי-כונגען.

א. זארעצקי.

פעדאגאָגישע פּראַקטיק. טריבונע.

זוועניגאָראָדקער און אנדערע שולן.

1.

מיר איז ערשט ניט לאנג אויסגעקומען צו פירן א געשפּרעך מיט שטעטלדיקע לערער וועגן פּאָליטעכניזאציע פון שטעטלדיקע און דאָרפישע שולן.

דער געשפּרעך איז פאָרגעקומען בא פאָלגנדע אומשטענדן.

מיט א מאנדאט פון „קאָמערד" בין איך געקומען קיין זוועניגאָראָדקע אויספאָרשן די לאגע מיט קאָנטינגענטן אף די איבערוואנדער־פאָנדן (זוועניגאָראָדקע האָט באקומען 50 נאריאדן.)

אין פּראָצעס פון ארבעט איז מיר אויסגעקומען אָנשטויסן זיך אף אזעלכע פאקטן.

אין זוועניגאָראָדקע איז פאראן א ביישטעטלדיקער קאָלעקטיוו, א מער אָדער ווייניקער איינגעאָרדנטער. דיווירטשאפט פון קאָלעקטיוו וואקסט פון טאָג צו טאָג. אין ווירטשאפטלעכן 1929/1930 יאָר האָט אן ארבעט־טאָג געגעבן ריינע האכנאָסע 1 רובל מיט 01 קאָפּ. מיר איז אויסגעקומען זיך באקענען מיט קאָלווירטניקעס, וואָס האָבן צוזאמען מיט די מיטגלידער פון פאמיליע פארדינט צו 800־900 רובל.

פונדעסטוועגן איז פאראנען א געפאר, אז דער קאָלווירט זאָל האיאָר ניט אויספילן דעם פּלאן, ווייל עס פעלן ארבעטער (דער קאָלווירט נייטיקט זיך אין נייע 75 מיטגלידער!).

מער פון אלעמען נייטיקט זיך דער קאָלווירט אין יוגנטלעכע, אָבער אין זוועניגאָראָדקע איז נים פאראנען צווישן די יוגנטלעכע קיין באלאָנים צו פארשרייבן זיך אין קאָלווירט. פארקערט, א טייל (א גרויסער טייל) יוגנטלעכע, וואָס ארבעטן שוין אין קאָלווירט, זיינען פאר דער לעצטער צייט אָפּגעפאָרן פון זוועניגאָראָדקע (לערנען זיך אף זאוואָדן א. אז. וו.). א צווייטער פאקט: אין זוועניגאָראָדקע איז פאראנען א טעכניקום, וואָס גרייט ספעציאליסטן פאר לאנדווירטשאפטלעכע מאשינעס. אין דעם טעכניקום לערנען זיך בא 30 יידישע יוגנטלעכע (א באזונדער נאצמינד־גרופּע). אז אויך צווישן דער יידישער יוגנט פון טעכניקום צו באמערקן א שטרעבונג אין שטאָט אריין אין דער שווערער אינדוסטריע.

ווען מיר האָבן צונויפגענומען די שטעטלדיקע יוגנט און האָבן געפּרוווט פעסט־שטעלן די סיבעס פון דעם, וואָס די יוגנטלעכע שטרעבן אין אינדוסטריעלע פאב־זאוושולן, פארוואָס זיי לויפן פון קאָלווירט, האָבן די יאטן עפנטלעך געטיינעט:

— וואָס, איר לאכט פונ אונדז, בלײַבנ א פאסטעכ! צוליב דעמ האָבנ מיר באדארפט ענדיקנ א 7 יאָריקע שול?!

די כעוורע פונ טעכניקומ:

— צי איז דאָס א ציל — א טראקטאָריסט?

פונ לאנדווירטשאפט,—וועגנ דעמ, אז ס'וואָלט ווינשנווערט געווענ, אז א טייל זאָלנ זיכ ווײַטער לערנענ אינ לאנדווירטשאפטלעכע לערנ־אנשטאלטנ, האָבנ די זוועניגאָראָדקער יוגנטלעכע ניט געוואָלט הערנ.

מאמעש מיט האס איז אָפּגעוואָרפנ געוואָרנ אזא מעגלעכע פערספעקטיוו.

דאָס האָט אונדז שטארק פארינטערעסירט: ווו זײַנענ די שולדיקע?

2.

אינ אָווענט, נאָכ דער אָפיציעלער זיצונג פונ געזערד, ווו מיר זײַנענ געבליבנ מיט די שטעטלדיקע לערער, האָבנ מיר פארפירט א שמועס וועגנ דער אָרטיקער שול, וועגנ פאָליטעכניזאציע.

איכ: דער נויג פונ אײַער שול?

לערער: א לאנדווירטשאפטלעכער; מיר זײַנענ צוגעפעסטיקט צומ ייִדישנ לאנדווירטשאפטלעכנ קאָלעקטיוו.

איכ: ווי זשע קומט עס, וואָס די יוגנטלעכע, וועלכע ענדיקנ אײַער שול, באציִענ זיכ אזוי פײַנטלעכ צו דער פערספעקטיוו פונ ארבעטנ אינ דער לאנדווירטשאפט?

דער פארוואלטער פונ קינדער־קאָלאָניע: וואָס דארפט איר מער? אונדזער קינדער־קאָלאָניע באארבעט יערלעכ 25 הא ערד; גאנצע יאָרנ פארנעמענ זיכ די קינדער מיט לאנדווירטשאפט, אונ פונדעסטוועגנ — פרוווט זאָגנ די יאטנ, אז זיי וועלנ זיכ ווײַטער לערנענ אינ לאנדווירטשאפטלעכע לערנ־אנשטאלטנ — האָט איר מאָרגנ ניט אינ קאָלאָניע קיינ איינ שילער.

איכ: ?!?

א לערער: נאָכ וואָס אזעלכע נאִיווע פראגעס?! איר ווייסט דענ ניט, אז דאָס קינד טרוימט וועגנ שטאָט, וועגנ שווערער אינדוסטריע, וועגנ א פראָפעסיע — א מעטאליסט?

איכ: ריכטיק איז, אז דער שילער אפילע פונ שטעטל טרוימט וועגנ א קאריער פונ א מעטאליסט, אָבער צי איז ריכטיק, אז א פאָליטעכניזירטע שול מיט א לאנד־ווירטשאפטלעכנ נויג, א שול, וואָס האָט אויסגעקליבנ אלס א באזע פאר פאָליטעכ־ניזאציע א לאנדווירטשאפטלעכנ קאָלעקטיוו (אונ דאפקע ניט קיינ שלעכטנ קאָ־לעקטיוו), זאָל ניט קענענ איבערברעכנ די יאָרנלאנג אײַנגעוואָרצלטע קליינביר־גערלעכע ביטל־באציִונג צו לאנדווירטשאפט, צו קאָלעקטיוויזירטער, מעכאניזירטער לאנדווירטשאפט?

א לערער: אָביעקטיוו, ביזוואנענ ס'וועט זײַנ אנ אונטערשייד צווישנ שטאָט אונ דאָרפ, ביז דעמאָלט וועט דער שילער ניט וועלנ הערנ וועגנ א פערספעקטיוו פונ א לאנדווירטשאפטלעכער ארבעט....

3.

געוויס איז ריכטיק דער געדאנק, אז דער שטעטלדיקער שילער טרוימט וועגנ דער שווערער אינדוסטריע (לערנענ זיכ אפּ אנ אינזשענער אָדער אפּ א קוואליפיצירטנ ארבעטער), אז נאָכ ביז איצט איז פאראנענ צווישנ שטאָט אונ דאָרפ א געוויסער אונטערשייד. דאָס איז געוויס ריכטיק, נאָר פאלש אָבער וואָלט געווענ, ווענ מיר וואָלטנ די ביטל־באציִונג פונ שטעטלדיקנ יוגנטלעכנ צו לאנדווירטשאפטלעכער ארבעט געפרוווט פארענטפערנ נאָר מיט „אָביעקטיווע אורזאכנ“.

דאָס, וואָס נאָכ ביז איצט איז באַם שטעטלדיקנ יוגנטלעכנ פארבליבנ א שארפ נעגאטיווע באציִונג צו לאנדווירטשאפט, א באציִונג, וואָס דאָס קלייִנבירגערטום האָט יאָרנלאנג קולטיווירט צווישנ דער יוגנט, דאָס באווייַזט, נאָכ מייַנ מיינונג, אז אונ־דזערע דערציִונגס־אנשטאלטנ אינ שטעטל האָבנ זיכ נאָכ ביז איצט ניט איבערגעבויט ווי עס דארפ צו זייַנ.

וואָס פארא באזע פאר פאָליטעכניזאציע דארפ אויסקלייַבנ די שטעטלדיקע שול?

געוויס איז פאר דער גרעסטער טייל שטעטלעכ פאראנ איינער, אונ נאָר איינ ענטפער: דער גרעסטער טייל שטעטלדיקע שולנ קענ אונ דארפ אלס באזע פאר פאָליטעכניזאציע אויסקלייַבנ די קאָלעקטיוויזירטע אונ מאשיניזירטע לאנדווירשאפט.

ניט די דרוקערייַ פונ דער ראיאָנישער צייַטונג, ניט דער שנייַדער־ארטעל, נאָר דער קאָלווירט, די מ. ט. ס. — דאָס איז די באזע פאר פאָליטעכניזאציע פאר דעם גרעסטנ טייל שטעטלדיקע שולנ.

אינ זוועניגאָראָדקע, צום בייַשפּיל, איז פאראנענ א גלענצנדע באזע פאר פאָלי־טעכניזירנ די יידישע שול: ס' פאראנ א גרויסער יידישער לאנדווירטשאפטלעכער קאָלעקטיוו אונ אויכ א מ. ט. ס.

אונ דעמאָלט, ווענ די שול וואָלט ווי עס באדארפ צו זייַנ דורכגעטראכט די פאָליטעכניזיר־פראָצעסנ, דעמאָלט, ווענ די ארבעט פונ די שילער אונ קאָלווירט וואָלט געווענ ענג פארבינדנ מיט דעם אלגעמיינעמ לערנ־פלאנ — דעמאָלט וואָלט אָנ שום סאָפעק די נעגאטיווע באציִונג פונ דעמ שטעטלדיקנ יוגנטלעכנ צו לאנד־ווירטשאפט אינ דער גרעסטער מאָס פארשווונדנ.

דער שטעטלדיקער יוגנטלעכער האָט טאָגטעגלעכ די מעגלעכקייט צו באָאָבאכטנ, ווי שטורמיש עס וואקסט די סאָציִאליסטישע לאנדווירטשאפט, ווי די מאשינ פארבייַט שנעל די לעבעדיקע ארבעט־קראפט, ווי די לאנדווירטשאפט אינטענסיפיצירט זיכ.

די שול דארפ ניט פאנטאזירנ, דעמ לערער קומט אויס נאָר צו סיסטעמאטיזירנ אונ ריכטיק פיקסירנ די פאַקטנ, וואָס ווארפנ זיכ מאמעש אינ די אויגנ.

ס'איז אויסגעוואקסנ אזעלכע 1½—2 יאָר אינ א זוועניגאָראָדקע (אויכ אינ אנדערע צענדליקער שטעטלעכ) קאָלווירטנ מיט בעהיימעס, פערד, כאזיירימ, וואָס פרווונ אוועקשטעלנ א מוסטערדיקע גערטנערייַ־ווירטשאפט. קיינער קענ דאָכ דעם פאקט ניט לייקענענ! צי האָט שוינ דענ נאָר אינ 1930 יאָר דער זוועניגאָראָדקער קאָלווירט

ניט געצאָלט צו 1 רובל 10 קאָפּ. פאר אן ארבעט־טאָג? דערבײַ דארף מען געדענקען, אז די קאָלווירטניקעס האָבן באקומען דעם גרעסטן טייל פון זייער געהאלט מיט לאנדווירטשאפטלעכע (ברויט) און אינדוסטריעלע (מאנופאקטור) סכוירעס!.

די קאָלעקטיוויזאציע און מאשיניזאציע וועט גיך מאכן א סאָף צום דאָרפישן „אידיאָטיזם".

און אויב דער שטעטלדיקער יוגנטלעכער כאָזערט נאָך איצט איבער דאָס, וואָס איז יאָרנלאנג קולטיווירט געוואָרן פון דעם קליינבירגער („בלײַבן א פאסטעך וויל איך ניט"!!) — איצט, ווען דאָס דאָרף ווערט איבערגעבויט אף נײַע סאָציאַליסטישע יעסוידעס — צי איז אין דער ביטל־באַציִונג אויך ניט שולדיק די שול?

ווי קומט עס, אז א גאנצע קינדער־קאָלאָניע זאָל ניט וועלן הערן וועגן ווערן אן אגראָנאָם, — א קאָלאָניע, וואָס יאָרנלאנג פארנעמט זי זיך מיט ערד־ארבעט?

ווי קומט עס, וואָס א פאָליטעכניזירטע שול מיט א לאנדווירטשאפטלעכער באזע, א שול, וואָס האָט צוויי פאראלעלע 7־טע גרופּעס מיט 68 שילער, זאָל ניט קענען אויסטיילן קיין באשטימטע קאדרען פארן סאָציאַליסטישן דאָרף?

ווײַל, — ענטפערן מיר, — באנאנד מיט דער קאָמפּליצירטער לאגע פון שטעטל, וואָס פארמאָגט גענוג קליינבירגערלעכעס, וואָס פארשווערט די מעגלעכקײַט צו קאָמפּלעקטירן יונגע קאדרען פארן סאָציאַליסטישן דאָרף, טראָגט א געוויסע שולד פאר דער געשאפענער לאגע אויך די שטעטלדיקע ארבעט־שול, וואָס איז קלוימערשט פאָליטעכניזירט אף דער לאנדווירטשאפטלעכער באזע.

פאָליטעכניזאציע הייסט ניט גרייטן פּראָפעסיאָנאלן, אָבער פאָליטעכניזאציע הייסט אויך ניט פארשטארקן אין קינד די אײַנגעוואָרצלטע נעגאטיווע באַציִונג צו דעם אָדער יענעם ארבעט־צווײַג, וואָס האָט אונטער זיך א סאָציאַל־עקאָנאָמישע פארגאנגענהייט.

אין דעם גרעסטן טייל שטעטלדיקע פאָליטעכניזירטע שולן מיט א לאנדווירטשאפטלעכער באזע שלאָגן מיר זיך אָן אף איינעם און דעמזעלבן פאקט: אונטער דער מאסקע פון פאָליטעכניזאציע ווערט פאָשעט און פּראָסט אויסגענוצט די ארבעט־קראפט פון קינדער פארן פארבעסערן דיווירטשאפט פון קאָלווירט אָן קיינע לערן־צוועקן און דערגרייכונגען אין דעם היניזיכט.

דער שילער טרײַבט אָן א גאנצן טאָג מיט די פערד בא דער סיטשקארניע — און דאָס ווערט פארעכנט פאר „פאָליטעכניזאציע". די קינדער גראָבן 10—8 טעג בורעקעס, קארטאָפל, צו 8—6 שאָ א טאָג — און דאָס ווערט אויך פארשריבן אין אקטיוו, כאָטש די אלגעמיינע לימודים פון שול האָבן קיינשום פארבינדונג ניט מיט דער פּראקטישער ארבעט פון קינד אין קאָלווירט.

אויב אין שטאָט קומט אויס דער שול צו־קעמפן פאר יעדן איבעריקן וואר־שטאט, פאר יעדער איבעריקער שאָ פּראקטישער ארבעט פון קינד אף דער אונ־טערנעמונג, טרעפן מיר אין דאָרף און אין שטעטל א הייפעכדיקע אומנאָרמאל־קײַט: אָפּטמאָל, זייער אָפט, פאָדערט דער קאָלווירט פון שול וואָס מער ארבעט־הענט.

אָפּט ווערן דורך די קינדערשע הענט אָנגעזאַמלט אַסאַך „ארבעט־טעג“ אין דער צײַט, ווען די עלטערע מיטגלידער פון פאַמיליע פאַרנעמען זיך מיט זײַטיקע אינינאָנים.

אין די באַדינגונגען פון שטעטל איז אַזאַ מין „פּאָליטעכניזאַציע“ ביז גאָר שעדלעך.

די שול דאַרף געבן דעם קינד ארבעט־געוווינהײַטן, באַקענען דאָס קינד מיט דער מאַשין, מיט אַלע איבעריקע פּראָדוקציע־צווײַגן א. אז. וו. דאָס אַלץ דאַרף זיך דירעקט פאַרבינדן מיט דער אַלגעמיינער ארבעט פון קאָלווירט. אָבער צי באַקומט דאָס קינד די נייטיקע געוווינהײַטן, ווען עס דרייט זיך א גאַנצן טאָג אַרום דער ראָד פון סיטשקאַרניע, צי ווען עס גראָבט טאָג איין־טאָג אויס קאַרטאָפל צו 8 שאָ אין טאָג?

די אַפּעטיטן פון קאָלווירט צו אויסנוצן די ארבעט־הענט פון שילער דאַרפן שטרענג באַגרענעצט ווערן מיט דער פּראָגראַם און פּלאַן פון שול.

א באַזע פאַר פּאָליטעכניזאַציע איז אין גרעסטן טייל שטעטלעך פאַראַנען א גלענצנדע. עס פעלט נאָר איין זאַך — א דורכגעטראַכטער פּלאַן פון אַרבעט.

די מאַשיניזירטע לאַנדווירטשאַפט קען ניט אָפּשטויסן פון זיך דאָס שטעטלדיקע קינד, אויב דער פּלאַן פון פּאָליטעכניזאַציע וועט דורכגעטראַכט ווערן, ווי עס דאַרף צו זײַן.

מיר דאַרפן באַקעמפן די ניט ריכטיקע באַציִונג פון דער שטעטלדיקער יוגנט צו לאַנדווירטשאַפט, ווײַל ס'דראָט א געפאַר, אַז אונדזערע צענדליקער ייִדישע דערפער און הונדערטער בײַשטעטלדיקע קאָלעקטיוון זאָלן בלײַבן אָן ארבעטפעיִקע יוגנטלעכע.

די פּאָליטעכניזירטע שטעטלדיקע שול קען אין דעם פראַט אַסאַך אויפטון, אויב די שול וועט ניט זײַן פּאָליטעכניזירט אין גענזן־פּיסלעך, אָפּ קאַטאָוועס.

אי. ווייצבליט.

אייניקע פראגן פון פראָדוציר־אונטעריכט.

דער 16טער פאַרטיי־צוזאַמענפאָר, דער 9־טער קאָמיוג־צוזאַמענפאָר האָבן אין זייערע רעזאָליוציעס אָנגעמערקט די וועגן פון פּאָליטעכניזאַציע פאַר דער ארבעטשול. דאָס נײַע און וויכטיקסטע אין די רעזאָליוציעס איז דאָס, וואָס די שול דאַרף ווערן ענג פאַרבונדן מיט דער פאַבריק, ראַטווירט און קאָלווירט. וואָס הייסט עס? דאָס הייסט, אַז די קינדער פון שול דאַרפן דירעקט זיך באַטייליקן אין דער גאַנצער אר־בעט, וואָס די אונטערנעמונג פירט דורך, ד״ה, אַז די קינדער דאַרפן דירעקט זיך

באטייליקן אין דער סאָציאַליסטישער בויונג פון אונדזער לאַנד. אין אונדזער ריזיקן ראַטנלאַנד איז נישטאָ קיין איין זאַוואָד, קיין איין פאַבריק, קיין איין ראַטווירט, וווּ קינדער זאָלן נישט אַרבעטן. זיי אַרבעטן באַם ווערקשטול, זיי אַרבעטן אין זאַווקאָם, זיי אַרבעטן אין טאַריף־נאָרמיר־ביוראָ, אין קלוב, אַפּ דער מאַשין־טראַקטער־סטאַנציע, אַפּן פעלד, אין לאַבאָראַטאָריע — אומעטום, ווו עס קלאַפּן די טעמפּן פון סאָציאַליסטישער בויונג, אַרבעטן קינדער.

די אַרבעטער פון די פאַבריקן, זאַוואָדן, און ראַטווירטן, די קאָלווירטניקעס האָבן מיט ענטוזיאַזם, מיט טיפן ערנסט אויפגעכאַפּט די לאָזונגען פון דער פּאַרטיי וועגן גרייטן קאַדרען, וואָס זײַנען פּאָליטעכניש צוגעגרייט. מע האָט זיך גענומען מיט באָלשעוויסטישע טעמפּן פאַר דער אַרבעט, דעריקער אַרײַנציִען די קינדער אין דער פּ ר אָ ד וּ צ י ר ־ אַ ר ב ע ט. עס איז פאַרשטענדלעך: דער דירעקטער אָנטייל פון די קינדער אין דער פּראָדוקציע, זייער אַרבעט באַם ווערקשטול — איז דער ערשטער און וויכטיקסטער מיטל פאַר אַקטיוון אָנטייל פון די אַרבעטער פון דער אונטערנעמונג אין דער גאַנצער פּאָליטעכניזאַציע פון שול.

פּ ר אָ ד וּ צ י ר ־ אוּ נ ט ע ר י כ ט איז דאָס נײַע, וואָס וועט אַרויספירן די פּעדאַ־ג אָגיק אַפּן ברייטן וועג פון סאָציאַליסטישער בויונג. פּראָדוציר־אונטעריכט אין שול און אַפּ דער פאַבריק איז דאָס נײַע, וואָס וועט מאַכן אַ סאָף צו די רעשטלעך ירושה פון פאַר דער רעוואָלוציע, וואָס מיר האָבן נאָך באַ הײַנטיקן טאָג אין דער ראַטן־שול, צום ווערבאַליזם, צו דער אָפּגעריסנקייט פון די אַלע פּראָבלעמען פון סאָצבויונג, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט שטעלט יעדן טאָג. פּראָדוציר־אונטעריכט איז אַמענגסטן פאַרבונדן מיט דער פּראָבלעם פון קאַדרען, מיט דער פּראָבלעם פון פּראָפ־אָריענטאַציע באַ די קינדער, מיט דער פראַגע פון ליקווידירן דעם אײַנרײַס צווישן דער אינטעלעקטועלער און פיזישער אַרבעט.

אָבער צי פירן מיר די אַרבעט אַזוי, אַז עס זאָל זיך באַקומען דער מאַקסימום רעזולטאַטן? מיר מוזן פעסטשטעלן, אַז נישט. די קינדער אַרבעטן אַפּ דער אונטער־נעמונג, זיי אַרבעטן באַ זיך אין די שול־ווארשטאַטן. וואָס פאַראַ צוזאַמענבונד איז אָבער פאַראַן צווישן דעם פּראָדוציר־אונטעריכט אין די שול־ווארשטאַטן און דעם פּראָדוציר־אונטעריכט אַפּ דער אונטערנעמונג? צי איז אין יידע אַרבעט־פּאָרמעס באַוואָרנט דער פּאָליטעכנישער פּרינציפּ? צי לאָזן מיר זיך נישט צופיל אַרײַן אין פּראָפעסיאָנאַליזם? צי איז פאַרבונדן דער פּראָדוציר־אונטעריכט מיט די טעאָרעטישע לימודים?

אַפּ דער 2־טער אַלפאַרבאַנדישער פּאַרטיי־באַראַטונג וועגן בילדונג האָט דער כ. סקריפּניק געזאָגט: „דאָס, וואָס מיר באַטראַכטן די יוגנט, ווי אַן אַרבעט־קראַפט, איז נישט אונדזער צוגאַנג. מיר מוזן באַטראַכטן דעם אָנטייל פון די קינדער אין דער אַרבעט, ווי אַ פּראָדוציר־אונטעריכט.

צי זײַנען מיר דאָ שטענדיק אויסגעהאַלטן? צי ווערן אין די שול־וואַרש־טאַטן אָנגעווענדעט דיזעלבע סאָציאַליסטישע פּראָדוציר־מעטאָדן, וואָס אַפּ דער

אונטערנעמונג? צי באקומען די ארבעטער פון פאבריק, וואָס פארנעמען זיך אפ דער פאבריק מיט די קינדער, דעם נייטיקן פעדאגאָגישן אינסטרוקטאזש? וויאזוי בויט זיך איבער דער שול־ווארשטאט, וואָס האָט פריִער געטראָגן א קוסטארישן כאראקטער, אפ העכערע ארבעט־פאָרמעס? און צי בויט ער זיך ביכלאל איבער? צי ווערן אין די שול־ווארשטאטן אויסגענוצט נײַע עלעמענטן פון ראציאָנאליזאציע, פון טעכניק, פון מעכאניזאציע? צי ווײַזן די שול־ווארשטאטן אזעלכע אָפעראציעס, אָן וועלכע דאָס קינד קען אפ דער אונטערנעמונג זיך ניט שטעלן צום ווערקשטול ארבעטן? צי זײַנען די שול־ווארשטאטן בעעמעס פאָליטעכנישע?

אפ די אלע פראגעס וועט ניט יעדע אונטערנעמונג און שול קענען געבן דעם ענטפער, וואָס זאָל אונדז באפרידיקן. פאראן נאָך אונטערנעמונגען, וואָס רעכענען זיך ניט אָפ אין זייער דיסקאָנט פאר יעדער דעקאדע, פאר יעדן כוידעש וועגן דעם, וואָס זיי האָבן געטאָן בענוגייע דער פאָליטעכניזאציע פון דער שול. און די פאָלי־טעכניזאציע פון שול מוז דאָך ווערן אן אָרגאנישער באשטאנד־טייל פון דעם אינדפינפלאן אפ יעדער אונטערנעמונג.

פאראן אונטערנעמונגען, ווו קינדער ווערן באטראכט, ווי „געסט”, אפילע וויניק געוווּנטשענע. פאראן ווידער שולן, וואָס טראכטן „אפ דערויף זײַנען זיי דער פראָלע־טאריאט, אז זיי (די אונטערנעמונגען) זאָלן אונדז וועקן, מונטערן, און אליין טוט מען דערווײַל גאָרנישט. מע זיצט מיט צונויפגעלייגטע הענט און מע ווארט, דער פראָלעטאריאט זאָל א שלעפ טאָן.

און נאָך: ווער דארף זײַן פאראנטוואָרטלעך פארן גאנצן פראָדוציר־אונטעריכט פון די קינדער אפ דער אונטערנעמונג און אין שול, וואָס מוזן ווערן צונויפגעבונדן אין איין גאנצעס?

מיר ווייסן, אז מיט דער זאך פארנעמט זיך די אדמיניסטראציע, דער זאווקאָם, דער מײַסטער פון צעך, דער פארוואלטער פון שול, די פאָרשטייער פון קינדער־קאָלעק־טיוו א. א. וו. אָבער ווער דארף אָנפירן מיט דער גאנצער ארבעט? מיר האלטן זיך באם פרינציפ פון איינפערזאָניקײַט. בא אזא פארשיידנארטיקער צעצווײַגטער ארבעט, אין וועלכער מיר האָבן נאָך אזא קליינע דערפארונג, ווען יעדער טריט איז א פרווו, מוז דאָך אוודע זײַן אָנגעווענדעט דער פרינציפ פון איינפערזאָניקײַט, וואָס שליסט ניט אויס, נאָר פארקערט, וואָס ווערט געבויט אפ קאָלעקטיוויזם. מיר טאָרן דאָך ניט פארגעסן, אז יעדע שול האָט אן ארמיי פון הונדערטער קינדער. ווער דארף זײַן אָט די פערזאָן?

מיר האלטן, אז דאָס דארף זײַן דער אינסטרוקטער־פעדאגאָג. אזעלכע זײַנען פאראן וויניק, אָבער בא א געהעריקן צוגאנג קענען זיי ווערן אסאך. יעדע אונטערנעמונג האָט ארויסגערוקט אירע בעסטע פראָדוצירער־שלאָגלער פאר דער ארבעט מיט די קינדער. אָט דעם אקטיוו מוז מען פעדאגאָגיזירן. זיי מוזן ווערן אויך שלאָגלער אפן פראָנט פון פאָליטעכניזאציע, אפן פראָנט פון גרייטן קאדרען פאר דער סאָצ־בויונג.

די קיִעווער פיליע פונעם אינסטיטוט פאר פעדאגאָגיק האָט שוינ אזא ארבעט אָנגעהויבנ. זי פירט דורכ סיסטעמאטישע סעמינארנ מיט די אינסטרוקטאָרנ וועגנ מארקסיסטיש־לענינישער פעדאגאָגיק אונ וועגנ די פארשיידנסטע מעטאָדישע אונ פראקטישע פראגעס, וואָס האָבנ א שײַכעס צומ פראָדוציר־אונטעריכט. פאר דער ארבעט האָבנ זיכ גענומענ דעריקער די אספיראנטנ פונ אינסטיטוט. זיי האָבנ זיכ גענומענ מיט ענטוזיִאזמ, מיט ברענ, אונ דער אינטערעס מיצאד די אינסטרוקטאָרנ איז א קאָלאָסאלער. עס באזוכנ די סעמינארנ איבער הונדערט אינסטרוקטאָרנ, פונ זיי גאָר א גרויסע צאָל ארויסגערוקטע פונ פאבריק ארבעטער־שלאָגלער, וואָס פירנ אָנ מיטנ פראָדוציר־אונטעריכט אינ די שולנ. דאָס איז א נײַע עפּאָכע אינ אונדזער שול. די לעקטאָרנ פונ סעמינאר זײַנענ די בעסטע קיִעווער פראָפעסאָרנ־פעדאגאָגנ, די אספיראנטנ אליינ לייענענ אויכ לעקציעס. די אינסטרוקטאָרנ פארשיטנ מיט פראגעס, אפ וועלכע זיי זוכנ אנ ענטפער, אונ מיר פילנ שוינ, ווי די ארבעט אינ די שולנ וואקסט, ווי זי בויט זיכ איבער אפ סאָציִאליסטישע יעסוידעס, ווי זי גייט אריבער אפ סאָציִאליסטישע טעמפּנ.

מיר מוזנ זיכ דערשלאָגנ אינ א קורצנ טערמינ, אז דער אָנפירער מיטנ פראָדוציר־אונטעריכט אפנ זאוואָד אונ אינ שול זאָל פּאָליטיש שטיינ אפ דער געהעריקער הייכ. ער דארפ קענענ אײַנשליסנ אינ זײַנ ארבעט די פראָבלעמענ, וואָס עס רוקט ארויס אונדזער רעקאָנסטרוקטיווער פעריִאָד, ער דארפ זײַנ באקאנט מיט דער נײַער טעכניק, מיט אונדזער קאמפ, מיט די דערגרייכונגענ אפ אָט דעמ געביט, מיט די אופגאבעס אינ טעכניק, וואָס עס שטעלט פאר אונדז דער פינפיאָר אונ ענדלעכ, עס מוז זײַנ אזא אָנפירער, וואָס זאָל קענענ שאפנ די גרעסטע אקטיווקײַט פונ די קינדער סײַ באמ אָרגאניזירנ, סײַ באמ אויספירנ די גאנצע ארבעט אינ שול אונ אפ דער אונטערנעמונג, סײַ בא דער פראקטיק גופע.

מיר האָבנ ניט אויסגעשעפּט אלע פראגעס, וואָס האָבנ א שײַכעס צו דער־דאָזיקער ארבעט. מיר רעכענענ, אז די גאנצע פראָלעטארישע געזעלשאפטלעכקײַט דארפ דידאָזיקע פראגעס שטעלנ אפנ טאָג־סיידער אונ זיי באָלשעוויסטיש לייזנ.

מ. כמעלניצקע.

ניט „טעכניזמ“, נאָר „פּאָליטעכניזמ“.

דער ערשטער צוזאמענפאָר פאר פאָליטעכנישער בילדונג האָט געוואָרנט, אז באמ פארווירקלעכנ די באשלוסנ זײַנע זאָלנ ניט זײַנ קיינ „לינקע“ קנייטשנ, ווי די טעאָריע וועגנ ליקווידירנ די שול אונ זי גיכ אונ געזעצלעכ צונויפגיסנ מיטנ זאוואָד, פונ פארקריפּלונגענ, וואָס דריקנ זיכ אויס אינ ווערבאלנ פאָליטעכניזמ, אינ פריצײַטיקער ספעציִאליזירונג, אינ האנטווערקערײַ אונ אויכ פונ ארײַנפאלנ אינ טעכניזמ. אינ דער רעזאָליוציע איבער כ. שאָכינס פאָרטראג „די וועגנ אונ פאָרמעס פונ פאָליטעכניזירנ

די שול", וואָס ער האָט געהאַלטן אַפן אַלרוסלענדישן פּאָליטעכנישן צוזאַמענפאָר, איז דײַטלעכ געזאָגט געוואָרן: „פּאָליטעכניזם טאָר מען ניט באַפרײַען פון פּאָליטיק, מע טאָר ניט שטעלן דעם טראָפּ אַפ זײַן טעכנישער זײַט. באַם אויסלערנען די אונטערנעמונג טאָר מען זיכ ניט באַגרענעצן מיט דער טעכניק פון דער אונטערנעמונג, נאָר מע מוז אומבאַדינגט אײַנשליסן די אָרגאַניזאַציע פון דער אונטערנעמונג און די אָרגאַניזאַציע פון דער אַרבעט".

ווי איז די לאַגע פון דער פּאָליטעכניזירונג אין בערדיטשעוו? צי גייט זי קעשורע, אָדער זי לײַדט פון די אויבן אויסגערעכנטע קרענק? צי האָבן די צוגעפעסטיקטע צו די אונטערנעמונגען שולן אַ פּאָליטעכנישן פּילזײַטיקן צוגאַנג, צי זײַנען די צוגעפעסטיקטע שולן אײַנגעשלאָסן אין די פּראָדוציר־ווירטשאַפטלעכע פּלענער פון די אונטערנעמונגען? צי האָבן די שולן באַשטימטע אויסגעאַרבעטע פּלענער פון געזעלשאַפטלעכ־נוצלעכער אַרבעט אַפ די אונטערנעמונגען, צי נעמען די שולן אַן אַקטיוון אָנטייל אין קאַמף פאַרן אינדפינפּלאַן און פאַרן פאַרווירקלעכן דעם פינפיאָר אין 4 יאָר, צי לערנען די אינזשענערן מיט די שילער (און לערער) די וויסנשאַפטלעכע יעסוידעס פון דער פּראָדוקציע? — אָט מיט די אַלע באַשטאַנד־טײלן פון פּאָליטעכניזם אינטערעסירט זיכ ניט אונדזער בערדיטשעווער געזעלשאַפטלעכקײַט. בערדיטשעוו איז פאַרכאַפּט געוואָרן מיט „טעכניזם" — מיט אָט דעם אײנציקן (כאָטש זייער וויכטיקן) באַשטאַנד־טייל פון פּאָליטעכניזאַציע — מיט דעם פּראָדוציר־לערנען. און איבער אָט דעם בוים (איכ זאָג נאָכאַמאָל — זייער וויכטיקן) זעט מען ניט דעם גאַנצן וואַלד.

דאָס האָט בולעט זיכ אַרויסגעוויזן אַפ דער פאַרברייטערטער קולט־באַראַטונג, וואָס די אינספּעקטור האָט צונויפגערופן אין פּעוורואַל־כוידעש וועגן דער אויספאָרשונג פון די שולן אין בערדיטשעוו און זײַן אומגעגנט, וואָס די אינספּעקטור האָט דורכגעפירט. אין דערדאָזיקער קולט־באַראַטונג האָבן זיכ ברייט באַטייליקט די בערדיטשעווער אַרבעטערשאַפט, פאָרשטייער פון די פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע, סאָוועטישע אָרגאַניזאַציעס און די לערערשאַפט. די פראַגע וועגן דער פּאָליטעכניזירונג פון די שולן האָט פאַרנומען דעם דאָמינירנדיקן אָרט אַפ דער באַראַטונג, אָבער — ווי געזאָגט — ניט פון שטאַנדפּונקט פון „פּאָליטעכניזם", נאָר פון „טעכניזם". די פראַגע איז באַהאַנדלט געוואָרן, נעמענדיק אין אַכט נאָר די פּראָדוציר־„פּראַקטיק".

די שול, וואָס איז צוגעפעסטיקט צום צוקער־זאַוואָד, האָט אַפ דער קולט־באַראַטונג אָנגעוויזן, אַז צוליב דעם קריזיס אין באַהייצונג־מאַטעריאַל וועט זיכ דער צוקער־זאַוואָד אָפּשטעלן אַפ אַ קורצער צײַט, און דאָס וועט זיכ נעגאַטיוו אָפּרופן אַפ דער פּאָליטעכניזירונג פון דער שול. דערויף האָט אַ לערער — און דאַפקע אַן אווטאָריטעטער כאַווער, — געענטפערט: „דאָס וואָס דער זאַוואָד שטעלט זיכ אָפּ, איז ביכלאַל ניט גוט — ניט גוט פאַר דער אונטערנעמונג, ניט גוט פאַר אונדז אַלעמען, אָבער פאַר דער פּאָליטעכניזירונג פון דער שול איז דאָס דאַפקע בעסער". ווי קען מען אָנרופן אַזאַ מיינונג וועגן פּאָליטעכניזם, אויב ניט קווינט־עסענציע פון טעכניזם"?

— „טעכניזם“ אינ שמאָלסטנ זינ פונ וואָרט. נא דיר גאָר א פּאָליטעכניזם אָנ דעמ פּראָלעטאריִאט (!?). אָט האָסטו גאָר א פּאָליטעכניזם בא א פולשטענדיקנ טעט-א טעט פונ די שילער מיט די מאשינעס! (דער ארבעטער־קלאס זאָל זיכ ניט ארײַנמישנ אונ ניט שטערנ דער טעכניק־אידיליע!). וואָס מיר די פארבינדונג פונ די פּראָדוציר־פּראָצעסנ, וואָס מיר קלאסנ־קאמפ אונ נאָכ אונ נאָכ אזעלכע וויכטיקע, אָרגאנישע באשטאנד־טײלנ, וואָס זײ אלע אינײנעמ גענומענ הײסנ פּאָליטעכניזם! אפ דעמ האָט זיכ די בּאראטונג ניט אומגעקוקט אונ אָנגענומענ צומ גוטנ דעמ לערערס ארויסטרעטונג. צי באווײַזט דאָס ניט בּוילעט, אז בערדיטשעווער געזעלשאפטלעכקײַט איז פארכאפּט געוואָרנ מיט „טעכניזמ“? אונ עפּשער טאקע ניט בערדיטשעוו אלײנ?

ריווקע מאניכאס.

הינער- אונ קראָליקעס־צוכט אינ דאָרפישע שולנ.

סאָפ הארבסט האָט זיכ פאר אונדזער שול געשטעלט די פראגע וועגנ אײַנפירנ באמ קאָלווירט הינער־צוכט. ביכלאל האָט זיכ די פארוואלטונג פונ קאָלווירט באצויגנ פּאסיוו צו דערדאָזיקער ארבעט, אונ אונדז איז אויסגעקומענ גענוג צו קעמפנ, ביז דער קאָלווירט האָט אונדז אויסגעטײלט אביסל געהילצ אונ ציגל, בּיכדײ אויסצובויענ א פאסיקע הינער־שטאל. די קינדער האָבנ זיכ מיט זײערע אײגענע קויכעס גענומענ, אונטער דער אָנפירונג פונעמ לערער, צו בויענ די הינערשטאל. אינ דערזעלבער צײַט האָבנ מיר דורכגעפירט צווישנ די עלטערנ א גרויסע געזעלשאפטלעכע ארבעט אונ זײ פארינטערעסירט מיט דער פראגע, אונ די רעזולטאטנ זײַנענ געווענ זײער גוטע. יעדער קינד האָט געבראכט א הונ. די קינדער האָבנ אינ מעשעכ פונ א גאנצנ ווינטער זאָרגזאמ אָפּגעהיט די הינער, זײ געהאָדעוועט, גערײניקט די שטאל א. אז. וו. ביכדײ קאָנענ אײַנאָרדענענ די שטאל ווי געהעריק, האָבנ מיר געמאכט שפּײַז־קעסטלעכ, ספּעציִעלע גלעזער, פונ וועלכע די הינער זאָלנ טרינקענ וואסער. אצינד, ווענ די הינער האָבנ זיכ שוינ אָנגעהויבנ צו לײגנ, האָבנ מיר אײַנגעפירט א שטרענגנ דיסקאָנט פונ דעמ, וועלכע הונ לײגט מער אײער אינ מעשעכ א יאָר. מיר פארנעמענ זיכ אויכ מיטנ אָפּקלײַבנ דעמ מינ הינער, וואָס איז בעסער צוגעפאסט צומ סטעפּישנ קאַנט.

פארשטײט זיכ, אז צוגרײטנ די שפּײַז-קעסטעלעכ אפ 40 הינער, קאָנטראָל־נעסטנ א. אז. וו. קאָנ ניט געמאָלט זײַנ אָנ דעמ, אז אינ שול זאָל ניט זײַנ קײנ ארבעט־צימער. אויכ אינ דעמ געביט האָט אונדזער שול געוויסע דערגרײכונגענ. מיר האָבנ אײַנגעאָרדנט א קלײנעמ סטאָליער־ווארשטאט, ווו אלצ ווערט צוגעגרײט מיט די קינדערשע קויכעס פונ דער 4־טער אונ 2־טער גרופּע.

איצט שטײט פאר אונדז אקטועל די פראגע וועגנ אײַנפירנ קראָליקעס־צוכט. צוליב דעמ ווערט שוינ דורכ דער שול געפירט א געוויסע צוגרײטונג, אָבער אָנ

דער מיטהילפ פונ קאָלווירט, אָנ דער מיטהילפ פונ די עלטערנ איז דאָס זייער שווער דורכצופירנ. איכ גלויב, אז אזעלכע פרווונ דארפנ געמאכט ווערנ אינ פיל שולנ, ווו נאָר ס׳איז פאראנ פאסיקע באדינגונגענ. דאָס פארינטערעסירט סײַ די עלטערע, סײַ די קלענערע קינדער. זיי מוזנ אויסארבעטנ קאָנקרעטע פלענער וועגנ א נאָרמע פונ האָדעווענ די באלעכאימ, אדאנק דעמ באקענענ זיי זיכ אויכ אונ דערלערנענ, וויאזוי ס׳ווערנ אָפּגעקליבנ בעסערע מינימ. דער עקאָנאָמישער באטײַט: אונדזער מעלוכע נייטיקט זיכ אינ אזא עקספּאָרט־סכוירע, ווי אייער, הינער, אינ באזאָרגנ די ארבעטער מיט פלייש, פעלעכלעכ א. א. וו. באזונדערס איז דאָס וויכטיק פאר זאפּאָראָזשע, ווו ס׳וואקסט גוט קוקורוזע, אזוי, אז אינ שפּײַז קאָנ קיינ מאנגל ניט זײַנ. דאָס שטויסט אפ אריבערצוגייִנ צו העכערע פאָרמעס, ווי צ״ב, אײַנפירנ אינ די קאָלווירטנ אינקובאטערס.

מ. ק. בראָנשווײַג.

קאָלאָניע מערעזשינע,
נײַ־זלאטאפּאָלער ראיאָנ.

וועגנ דער אויסשטעלונג „די אָנפאנג־שול אינ אויסלאנד אונ אינ אוקראַינע“.

דידאַקטיקע אויסשטעלונג האָט אָרגאניזירט דער פאָלקאָמבילד פונ אוקראַינע צוזאמענ מיט דער געזעלשאפט „קולטור־פארבינדונג מיט אויסלאנד“. פריער איז די דידאַקטיקע אויסשטעלונג געווענ אינ לענינגראד אונ אינ מאָסקווע, אינ מארט־אפּרעל איז זי געווענ אינ כארקאָוו. די אויפגאבע פונ דער דידאַקטיקער אויסשטעלונג איז צו באווײַזנ, וואָס פאר א פּרינציפּנ ווערנ גענומענ אלס יעסאָד פאר דער אלגעמיינער בילדונג אינ פס״רר אונ אינ די קאפּיטאליסטישע לענדער. מע דארפ אָנערקענענ, אז פונ אָט דעמ שטאנדפּונקט האָט די אויסשטעלונג זיכ פולקאָמ בארעכטיקט.

אינ אונדזער אוקראַינישער אָפּטיילונג זײַנענ געווענ צוגעקליבנ עקספּאָנאטנ, וואָס האָבנ באוויזנ די קאָמפּלעקסישקײַט פונ די ערשטע לערנ־יאָרנ, זייער טעמאטיק, וואָס ווערט דיקטירט דורכנ סאָציאַלנ פּראָדוציר־לעבנ, די געזעלשאפטלעכ־נוצלעכע ארבעט פונ די קינדער, די זעלבסטפארוואלטונג אינ שול אונ לעסאָפּ די ברייט־פאנאנדערגעוויקלטע פּאָליטעכניזאציע פונ די פ. ז. ש. אונ, עמעס אביסל ניט גענוגנד, פונ די ש. ק. יו. אינ פארהעלטנישמעסיק ניט גרויסנ מאטעריאל פונ דער אוקראַינישער אָפּטיילונג איז בולעט באוויזנ געוואָרנ, ווי די שול פילט אויס די וויכטיקסטע פּאָליטישע אײַנשטעלונגענ אינעמ רעקאָנסטרוקטיוונ פּעריאָד אונ ווי זי גרייט א דאָר, וועלכנ ס׳שטייט פאָר פארענדיקנ די סאָציאַליסטישע בויונג.

דער רײַכ פאָרגעשטעלטער אויסלענדישער אָפּטייל האָט געגעבנ א באלערנדיקנ מאטעריאל צומ פארגלײַכנ. פריער פונ אלצ האָט זיכ געוואָרפנ אינ די אויגנ דער

קלאסן־כאראקטער פון דער בילדונג־סיסטעם און פון דער שול. געוויינלעך, א גאנצע ריי אזויגערופענע פאָרגעשריטענע לענדער, צווישן זיי אויך עסטרייַך און אמעריקע, האָבן דאָס זאָרגזאם פארדעקט מיט לאָזונגען וועגן דעמאָקראטיזירן די אלגעמיינע בילדונג. די מערהייַט לענדער אָבער האָבן דאָס ארויסגעוויזן אין דער גאנצער נאקעטקייַט—באזונדער כאראקטעריסטיש זייַנען אין דעם הינזיכט ענגלאנד, פראנקרייַך, דענעמארק.

א צווייטער זייער אינטערעסאנטער מאָמענט אין פארגלייַך מיט דער ראטן־שול איז די פּאָליטישע אָנווענדונג פונעם לערנען. דאָ קומט ווידער אויס צו גרופּירן באזונדער א גאנצע ריי לענדער לויט זייער עפנטלעכן ארויסווייַזן אזוינע מאָמענטן, ווי נאציאָנאליזם, רעליגיע, מיליטעריזירונג פון דער שול. אזוי, לעמאָשל, אמעריקע רעדט אינערגעץ ניט אָפן וועגן דעם רעליגיעזן כאראקטער פונעם לערנען, אָבער ס'איז געווען גענוג זיך צוקוקן צום מאטעריאל, קעדיי צו געפינען דאָרט „טפילעסדיקע" איבונגען אין די קינדער־גערטנער, רעליגיעזע מאָמענטן אין די געמעלן, אין די מוזיקאלע פראָגראמעס, אין די ארבעטן פון די קינדער א. א. וו. נאָך מער כאראקטעריסטיש איז אין דעם הינזיכט עסטרייַך, וווּ, ניט געקוקט אף דעם, וואָס דאָרט זייַנען פאראן פרייַדענקער, ד"ה, אטעיסטישע לערער, האָבן קימאט אלע אָן אויסנאם לערנביכער און די מערהייַט ביכער צום לייענען א קלאָרע רעליגיעזע באפארבונג. אנדערע לענדער, ווי לעמאָשל ענגלאנד, האָלאנד, דענעמארק, אָנערקענען גאנץ אָפן די דאָמינירנדיקע ראָלע פון דער רעליגיע אין שול. באזונדער כאראקטעריסטיש איז אין דעם הינזיכט ליטע, וווּ די רעליגיעזע ווירקונג דערגרייכט צו העכסטער מאדרייגע. ניט נאָר די שול־ארבעטן פון די קינדער געפינען זיך אינגאנצן אונטער דער רעליגיעזער ווירקונג (אָן שיר צלאָמים, הייליקע, פארשיידענע זאכן פון קולט), נאָר אויך די פרייַע שאפונגען פון די קינדער טראָגן א רעליגיעזן כאראקטער. די קינדער האָבן געפונען אין פעלד פאטראָנעס און דראָט, האָבן זיי געמאכט א טינטער, אָבער ער האָט זיך באקומען, ווי אן אלטאר. זיי האָבן געמאכט א פּאָליצע פון האָלץ — האָט זי א פאָרם פון א קלויסטער. און כאָטש לויט די אָפיציעלע געגעבענע איז אף רעליגיע באשטימט אין שול בלויז 2 שאָ אין וואָך, איז, ווייַזט אויס, די רעליגיעזע געוועגדקייַט אף אזוי פיל שטארק, אז זי דאָמינירט אין שול.

ס'זייַנען פאראן אזעלכע לענדער, וואָס האָבן פאָרמעל אָנערקענט, אז די שול איז אָפּגעטיילט פונעם קלויסטער, ווי לעמאָשל פראנקרייַך, יאפּאָניע. דאָך פארבייַט אויך דאָ די רעליגיע, אלס אָבליגאטאָרישער לימעד, די וועלטלעכע מאָראל, און די וועלטלעכע מאָראל איז ניט ווייַט אוועק פון דער רעליגיע מיט איר פריערדיקער געהאָרכזאמקייַט, האכנאָע, מיטן שאנעווען די געזעצן, דעם שעפ און אנד. וואָס איז שייַעך פראנקרייַך, האָט דאָרט די אכזאָריעסדיקע רעאקציע פאנאנדערגעבונדן די הענט דעם קלעריקאליזם, וואָס מאכט איצט א שטארקן אָנגריף אף דער שול און פארוואנדלט אָפט אין א פיקציע דעם געזעץ, לויט וועלכן ס'איז די גאלאָכים פארווערט ארייַנצוגיין אין שול. די אָרטיקע מאכט גיט אָפּ די שול־געבייַדע די גאלאָכים אף צו

באנוצנ זיכ מיט איר אינ „דער פרײַער צײַט“ אונ ד"גל. די פראָטעסטנ פונ די לערער העלפנ ניט, אונ גאָר שטארק אײַנגעשפארטע פראָטעסטאנטנ נעמט מענ פאָשעט אראָפּ פונ דער ארבעט. אלע פונ די אָנגערופענע לענדער העלפנ מיט אינ דער אָדער יענער פאָרם צו אנטוויקלענ אינ שול דעמ נאציאָנאליזמ, שאָוויניזמ, העלפנ מיט צו העצנ די נאציאָנאלע מינדערהײַטנ. אזוי, לעמאָשל, זײַנענ אינ דער „פאָרגעשריטענער“ אמעריקע, אינ די דאָרעמ־שטאטנ, פאראנ שולנ פאר ווײַסע אונ פאר נעגרענ באזונ־דער. דער פראָצענט אָניווורעדיקע צווישנ דער נעגרישער באפעלקערונג איז ביז איצט זייער א גרויסער. דאָס איז א רעזולטאט פונ דער פריִערדיקער קנעכטשאפט, ווענ אונטער דער שרעק פונ טורמע איז געווענ פארווערט צו לערנענ די נעגרענ. דאָס איז א רעזולטאט פונ דער פאקטישער קנעכטשאפט, וואָס עקזיסטירט איצט. אויכ איצט, אינ 70 יאָר ארומ נאָכ דער „באפרײַונג“, אײַלט זיכ ניט אמעריקע צו לערנענ די נעגרענ, צו אָרגאניזירנ די מיטעלע שול אינ די ראיאָנענ מיט א גרויסער נעג־רישער באפעלקערונג. ס'איז כאראקטעריסטיש, וואָס אפילע דאָרט, ווו דידאָזיקע שולנ זײַנענ פאראנ, אונטערשיידט זיכ זייער לערנענ פונעמ לערנענ מיט די ווײַסע. עס באשטייט אינ צוגרייטנ די ייִנגלעכ צו לאנדווירטשאפטלעכער ארבעט אונ די מיידלעכ — צו הויז־ווירטשאפט אונ קולינאריע.

א באזונדער שארפנ כאראקטער נעמט אָנ דער נאציאָנאליזמ אינ דער ליטע. זײַנ אופגאבע איז וועקנ די נאציאָנאל־שאָוויניסטישע שטימונגענ, אָפּציִענ די אופמערק־זאמקײַט פונ די קינדער פונ דער הײַנטצײַטיקײַט, פונעמ קלאסנקאמפּ, ריכטנ דעמ געדאנק פונ די קינדער אינ דער טיפ פונ דוירעס, צו דער מיטלעלטערלעכער הע־ראָיִק, צו דער ראָמאנטיק פונ ריטערטומ. די ריטערישע פאלאצנ, פאָרטרעטנ פונעמ קעניג וויטאָווט, וואָס האָט געלעבט מיט 500 יאָר צוריק, עפּיזאָדנ פונ זײַנ לעבנ, זײַנע קריגערישע העלדישקײַטנ—דאָס אלצ האָט פארנומענ די אופמערקזאמקײַט פונ דער שול דאָס גאנצע יאָר—דאָס 1930—דאָס יאָר פונ וויטאָווטנ. אונ אונטער אָט די אלע עקספּאָנאטנ געפינט זיכ אויכ א טאבעלע וועגנ דער נאציאָנאלער פאנאנדער־טיילונג פונ די ליטווישע שולנ, ווו לעמאָשל, אינ קאָוונע אונ אינ אנדערע שטעט פונ ליטע מיט א גאָר גרויסער צאָל ייִדישער באפעלקערונג איז פאראנ אינגאנצנ 10—12% ייִדישע שולנ.

ס'איז אויכ לײַכט צו באמערקנ די פולע קעגנזעצלעכקײַט פונ דער אויס־לענדישער שול לעגאבע אונדזער שול אינ הינזיכט פונ געזעלשאפטלעכ־נוצלעכער ארבעט אונ פארבינדונג פונ דער שול מיט דער פּראָדוקציע. קיינ אײַנ לאנד ווײַזט דאָס ניט אונ קענ דאָס, פארשטייט זיכ, ניט ווײַזנ. די שול איז דאָרט אײַנגעשלאָסנ אינ זיכ, אינ אירע ווענט, אונ גייט ניט ארויס אפ דער ארענע פונ געזעלשאפטלעכער ארבעט.

אויב די שול ווענדעט אפילע אָנ מעטאָדנ פונ ארבעט־דערציִונג, איז דאָס, פאר־שטייט זיכ, פריִער פונ אלצ ארבעט פונ קוסטאר־באלמעלאָכישנ טיפּ (ליטע, טשעכאָ־סלאָוואקיִע, דענעמארק), אָדער, וואָס איז נאָכ ערגער, טײַערע, ווערטפולע אויסארבעטונ־

געבן אפ צו באפרידיקן זייערע נויטן—אַן אמעריקאַנישער פּראָעקט פון אַ מאָטאָר־שיפל.
אַ רײַכע, גוט אויסגעשטאַטע שול גיט אַ מעגלעכקײַט אירע שילער, די קינדער פון
רײַכע פאַמיליעס, צו מאַכן אַ מאָטאָר־שיפל.

אין אויסלענדישן אָפּטייל האָט באַשיידן זיך אײַנגעמאָסטעט אונדזער ראַטן־שול
אין פּערסיע. זי האָט די איינציקע אין דער גאַנצער אויסלענדישער אויסשטעלונג
באַוויזן דעם קאָמפּלעקס, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער פּראָדוקציע, מיט דער אָרטי־
קער לאַנדווירטשאַפט, ווײַל אפילו אין די באַדינגונגען פון אַ פרעמדן לאַנד האָט
אונדזער ראַטן־שול געקאָנט ריכטן דאָס שול־לערנען אַפּ דורכצואַרבעטן די פּראָדוציר־
מאָמענטן, אַפּ צו ווײַזן אַפּ דעמאָזיקן פּאָן דעם שטייגער פון די אַרבעטנדיקע.

אין געביט פון קינסטלערישער באַדינונג איז אַלץ דערזעלבער עסטעטיזם. די
אַרבעטן פון האָלאַנדער קינדער־גאָרטנער געפינען זיך אונטער דער שטאַרקער ווירקונג פון מאָנטעסאָריזם. ניט געקוקט אַפּ געוויסע פאַרשיידנהייטן אין פאַרשיידענע
לענדער באַנעגייען די פּאָרמעלע מאָמענטן, איז די באַטײַטונג פונעם לערנען קונסט איינע
און דיזעלבע, דאָס הייסט, אויסנוצן די קונסט צוליב די קלאַסן־צוועקן, אַפּ צו פּראָ־
פּאַגאַנדירן די רעליגיע און שאָוויניזם און אָפּציִען די אויפמערקזאַמקייט פון די קינדער
פון דער אַרומרינגלונג.

די זעלבסטפאַרוואַלטונג אין שול איז ווייניק פאָרגעשטעלט. און דאָס איז קיין
כידעש ניט, ווײַל די אויסלענדישע שול איז אין דער מערהײַט אַן אווטאָריטאַרע. פון
די קינדער־אָרגאַניזאַציעס איז פאָרגעשטעלט בלויז די אמעריקאַנישע אָרגאַניזאַציע
פון קינדערשן רויטן קרייץ (אַ פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציע).

אָבער איינצײַטיק מיט דעם, וואָס די אויסשטעלונג האָט געהאַט דעם ציל צו דער־
ווײַזן די נעגאַטיווע זײַטן פון דער שול אין אויסלאַנד, האָט זי געהאַט נאָך אַן אַנדער
ציל. אַ גאַנצע ריי לענדער האָבן אין געביט פון מעטאָדיק פון דורכפירן דעם פּעדפּראָ־
צעס אַזעלכע דערגרייכונגען, וואָס מיר דאַרפן זיי נעמען אין אַכט און וועלכע מיר
דאַרפן אויסנוצן. אין דעם געביט איז פאַר אונדז אינטערעסאַנט אמעריקע, דער
דאַלטאָן־פּלאַן, ווינעטקע־פּלאַן, פּלעטון־שולן (שולן פון פאַרלענגערטן טאָג) — אָט
דאָס זײַנען די מאָמענטן, וואָס מיר דאַרפן דערלערנען און טיילווײַז אויך געניסן
פון זיי, איבעראַרבעטנדיק זיי אַזוי, ווי עס פאָדערט אונדזער סאָציאַליסטישע בויונג.
אפילו אַזעלכע אומשטרײַטבאַרע זאַכן, ווי די אַרבעט פון דער שול אין געביט פון
סאַניטאַריע און היגיענע, געזעלשאַפטלעכע געפאַרלאָזיקייט (ניט שפּילן זיך מיט פײַער,
ניט נאָכהענגען זיך אַפּ די טרעפּלעך פון טראַמווײַ און אַנד.), דאָס אָבליגאַטאָרישע
לערנען אין שול די עלעמענטן פון טעכניק, פון אינטעלעקטועלער אַרבעט און עלע־
מענטן פון ביבליאָטעק־קענטעניש — קאָנען געפינען אַן אָרט אויך אין דער סאָווע־
טישער שול, געוויינלעך ניט אַלס אַ קאָפּירונג, נאָר אַלס אַן איבעראַרבעטונג פונעם
שטאַנדפּונקט פון אונדזערע קלאַסן־אויפגאַבעס. אַ בײַשפּיל פון אַזאַ איבעראַרבעטונג
איז איינער פון די עקספּאָנאַטן פון אַן ענגלישער שול. די פּעדאַגאָגן פון איינער אַ
פּרווו־שול אין ענגלאַנד זײַנען געווען אין לענינגראַד און האָבן געזען, ווי דער

דאלטאָן־פּלאן, וואָס אין ענגלאנד שטעלט ער מיט זיך פאָר א ריין אינדיווידועלן מעטאָד, ווערט בא אונדז אָנגעווענדעט אלס קאָלעקטיווע ארבעט. אין רעזולטאט פון דעם האָבן די ענגלישע פעדאגאָגן אויך איינגעפירט דעמדאָזיקן מעטאָד, אלס א קאָלעקטיוון, און האָבן צוגעשיקט אונדז עקספּאָנאטן, וואָס הײדן וועגן דעם, אז דאָס האָבן זיי זיך אויסגעלערנט בא אונדז.

די אלגעמיינע מיינונג פון די אלע, וואָס האָבן באזוכט די אויסשטעלונג (און באזוכט האָבן זי בא 10.000 מאן), איז אזא: די קלאסן־אופגאבעס פון אונדזער שול, איר אָנגעווענדטקייט, טרעטן ארויס באזונדער בולעט אין פארגלייך מיט אויסלאנד. אויב אפילע נעמענ אין אכט דאָס, וואָס דער פארהעלטנמעסיק ניט גרויסער אוקראיניִשער אָפּטייל האָט ניט געקאָנט ברייט פאנאנדערוויקלען דעם גאנצן רייכן מאטעריאל, באזונדערס וועגן דער פּאָליטעכניזירונג פון דער שול, האָט ער דאָך געגעבן א קלאָרע פאָרשטעלונג וועגן דעם, וואָס איז אזוינס די ראטן־שול אין פעריִאָד פון סאָציאַליסטישער בויונג. באזונדערס האָבן צוגעצויגן די אופמערקזאמקייט די ארבעטן פון די שילער פון די עלטערע גרופּעס אין די פּ. ז. ז. ש. און זייער טעמאטיק. אונדזערע אינסטרומענטן, די עלעקטרישע אפּאראטור, די ראדיאָ־אפּאראטור, די גרויסע צאָל האָלצבאארבעטונג־עקספּאָנאטן — דאָס אלץ האָט געשאפן אזא גרויסן קאָנטראסט צום כאראקטער פון די ארבעטן פון דער אויסלענדישער שול, אז ניט בלויז די פעדאגאָגן, נאָר די קינדער גופע האָבן גלענצנד אָפּגעשאצט דעמדאָזיקן כילעק.

א באזונדער אינטערעס האָט באקומען די אויסשטעלונג פאר אָנגעפאָרענע פעדאגאָגן. אזוינע זיינען געווען אף דער אויסשטעלונג בא 400 מאן. זיי האָבן ניט בלויז באטראכט די אויסשטעלונג, נאָר זיי האָבן זי גענוי אויסגעלערנט, ווייל יעדערער פון זיי וועט דארפן לייענען א פּאָרטראָג וועגן דער אויסשטעלונג אף א ראיאָנישער קאָנפערענץ. אזוי ארום האָט די אויסשטעלונג ווירקלעך באקומען אן אלוקראיניִשע באטייטונג.

ניט געקוקט אף א ריי אָרגאניזאציאָנעלע דעפעקטן, האָט דאָך די אויסשטעלונג געהאט א גרויסע באטייטונג פאר די פעדאגאָגן פון אוקראיִנע, באזונדערס איצט, באם איינפירן די אלגעמיינע אָבליגאטאָרישע בילדונג בא אונדז אין אוקראיִנע.

לעווינע.

רעזאָליוציעס

וועגן דער ארבעט צווישן קינדער.

רעזאָליוציע פונעם 9־טן אלפארבאנדישן צוזאמענפאָר פון אל. ל. ק. יו. פ. (אָנגענומענע אײנשטימיק)

1. די אַקטיאבער-רעוואָליוציע, וואָס האָט צעבראָכן דעם גאנצן סיידער פון די קאפיטאליסטישע באציִונגען, וואָס האָט באפרײַט די ארבעטנדיקע מאסן פונעם קאפיטאליסטישן יאָך, אָפּגעטיילט די קירכע פון דער מעלוכע, ליקווידירט די קאסטעווע שולן, באפרײַט די פרוי, דעקרעטירט א רעוואָליוציִאָנערע ארבעט-געזעצגעבונג,—האָט גרינטלעך געענדערט די לאגע פון די קינדער אין דער פאמיליע און אין דער מעלוכע, האָט געשאפן גינסטיקע באדינגונגען צו דערציִען פונעם אונטערוואקסנדיקן דאָר נײַע מענטשן, וועלכע זײַנען בארופן צו בויען און אויסבויען דעם קאָמוניזם, פון די, וואָס זײַנען באפרײַט געוואָרן פון די קאפיטאליסטישע טראדיציעס און געוווינהײַטן, וועלכע האָבן זיי געקאליטשעט. דידאָזיקע אופגאבע רעאליזירט זיך מיט ניט געזעענע שנעלע טעמפן דורכן גאנצן גאנג פון דער סאָציִאליסטישער בויונג. עס מערן זיך און וואקסן די קאדרען פונעם סאָציִאליזם סײַ דורך דער ווײַטערדיקער אקטיוויזירונג פון די ארבעטנדיקע מאסן, אזוי אויך אפן כעשבן פון דעם וואקסנדיקן יונגן דאָר באָלשעוויקעס (קאָמיוג, פיִאָנערן).

2. מיטן ארײַנטרעטן פונעם ראטנפארבאנד אינעם פעריִאָד פון סאָציִאליזם, האָט דער קאָלאָסאלער עקאָנאָמישער און קולטורעלער שוווּנג, וואָס איז פאָרגעקומען אין לאנד פאר די ערשטע 2 יאָר פונעם פינפיאָר אדאנק דער גענעראלער ליניע פון דער פארטיי און איר לענינישן צ״ק געבראכט צו אן אנטשיידנער פארבעסערונג פון דער לאגע פון די קינדער און פון דער ארבעט צווישן זיי מיצאד דער פראָלעטארישער מעלוכע און האָט מעגלעך געמאכט אריבערצוגיין צו דער אלגעמיינער אָנפאנג-בילדונג און צום פאנאנדערגעוויקלטן קאמף פאר פאָליטעכניזם.

אָט דאָס אלץ האָט ארויסגערופן א גיגאנטישן וווּקס פון דער פאָליטישער אקטיווקײַט בא די קינדער און האָט געשאפן באדינגונגען אפ צוציִען די גאנצע קינדער-מאסע פון די ארבעטנדיקע צום אָנטייל אין דער סאָציִאליסטישער בויונג, צום ברייטן ארומכאפן זיי דורך די פיִאָנערישע אָרגאניזאציעס. דער פארשארפטער קלאסנקאמף, וואָס קומט איצט פאָר אין לאנד, שטעלט פאר דער פארטיי, פארן קאָמיוג און פאר דער גאנצער פראָלעטארישער געזעלשאפטלעכקײַט באזונדערס

שארפ די אופגאבע צו פארפעסטיקן אלע רינגען פון דער קאָמוניסטישער דערציִונג פון די קינדער.

3. פארן פעריאָד פונעם 8-טן ביזן 9-טן צוזאמענפאָר פונעם אל. ל. ק. יו. פ. איז דאָס ארומכאפן די קינדער דורך די פּיאָנערן-אָרגאניזאציעס פארגרעסערט געוואָרן אין צוויי מאָל (די פּיאָנערן-אָרגאניזאציע ציילט איצט בא 4 מיליאָן מיטגלידער). גלייכצייטיק איז שמארק אויסגעוואַקסן דער באטייט און די ספּעציפישע וואָג פון דער פּיאָנערן-אָרגאניזאציע אין דער גאנצער סיסטעם פון קאָמוניסטישער דערציִונג פון די קינדער און. אין דעם גזועלשאפטלעך-פּאָליטישן לעבן פון דער ראטנמאכט.

פארן דאָזיקן פעריאָד, באזונדערס נאָך דער 6-טער קאָנפערענץ פון אל. ל. ק. יו. פ. און נאָך דעם אלפארבאנדישן פּיאָנערן-צונויפלי, האָבן די פּיאָנערן-אָרגאניזאציעס פון די אינדוסטריִעלע ראיאָנען אין גרונט באוויזן איינצושליסן זיך אין דעם אקטיוון קאמפ פאר די וויכטיקסטע אָפשניטן פון דער סאָציאַליסטישער בויונג און האָבן אין זייערע פאָדערשטע רינגען באוויזן א מוסטער פון אקטיוון אָנטייל אין קאמפ פאר אויספילן דעם אינדפינפלאן.

אין דאָרף האָבן די פּיאָנער-מאכנעס געהעכערט און פארשטארקט זייער אָנטייל אין די וויכטיקסטע צווייגן פון דער ווירטשאפטלעכער און קולטורעלער בויונג (קאָלעקטיוויזאציע, פארזיי-קאמפאניעס, ליק-אָניווערדיקייט, אלגעמיינע בילדונג א. אז. וו.). נאָר די פּיאָנער-אָרגאניזאציע, וואָס איז אין דאָרף נאָך אָרגאניזאציאָנעל שוואך, פארשפרייט נאָך ניט איר ווירקונג אפ די ברייטע קינדערשע מאסן.

4. דאָך זיינען די דערפאָלגן פון דער פּיאָנער-אָרגאניזאציע, וואָס זיינען דערגרייכט געוואָרן פאר די לעצטע יאָרן, נאָך גאנץ קליין אין פארגלייך מיט די נויטווענדיקייטן און מעגלעכקייטן פון וווקס און פון קוואליטאטיווער פארבעסערונג פון די אָרגאני-זאציעס, אין פארגלייך מיט די פאָדערונגען, וואָס עס דיקטירט דער גאנצער גאנג פונעם סאָציאַליסטישן אָנגריפ פונעם פראָלעטאריאט.

די גרונטלעכע פעלערן אין דער פּיאָנער-באוועגונג סיי אין שטאָט, סיי אין דאָרף זיינען פאָלגנדיקע: א) די פּיאָנער־אָרגאניזאציע איז נאָך ניט געוואָרן אין דער פולער מאָס דער אָרגאניזאטער, וואָס ציט ארײַן די גאנצע קינדערשע מאסע אין דער סאָציאַליסטישער בויונג, וואָס איז אָנגעמאָסטן פאר זייערע קויכעס.

ב) באזונדערע אָרגאניזאציעס קאָנען נאָך ניט פארבינדן די פראקטישע טעטיקייט פון דער מאכנע מיט די אלגעמיינע אופגאבעס פון דער בויונג. די שוואכע פראָפּא-גאנדיסטישע און קולטור-מאסעווע ארבעט האָט אין א ריי אָרגאניזאציעס געבראכט דערצו, אז דער דערציִערישער באטייט פון דער גאנצער דורכגעפירטער דורך די פּיאָנער-אָטריאַדן ארבעט איז פארקלענערט געוואָרן;

ג) די פּיאָנער-אָרגאניזאציע פירט אבסאָליוט ניט-באפרידיקנדיק אָן מיט דער קינדער-מאסע בענויגייע דעם איבערבויען די שול אפ פּאָליטעכנישע יעסוידעס, בע-נויגייע דעם דורכפירן די אלגעמיינע אָנפאנג־בילדונג. דאָס שוואכט אָפּ די אָנפירנדיקע ראָל פון דער פּיאָנער-באוועגונג אין געביט פון דערציִען דאָס קינדערשאפט.

5. דער צוזאמענפאָר קאָנסטאטירט, אז האגאם אינ דער פראקטישער אָנפירונג פונ באזונדערע אָרגאניזאציעס האָט דער קאָמיוג אינ א געווּיסער מאָס פארבעסערט זײַנ ארבעט אונ ריכטיק דורכגעפירט די פּאָליטישע ליניע, דאָך בלײַבט די אָנפירונג מיט דער פּיאָנער־ארבעט מיצאד אײניקע קאָמיטעטנ אונ קעמערלעך פונעם קאָמיוג ביז איצט ניט קײנ באפרידיקנדיקע, באזונדערס אינ פראט פונ צוקלײַבנ אונ צוגרײטנ טוער.

האלטנדיק פאר א גרונט־באדינג אפ צו פארבעסערנ די אָנפירונג מיט דער פּיאָנער־באוועגונג מיצאד דעמ קאָמיוג אנטשײדנ קעמפנ קעגנ ניט דערשאצנ די פּיאָנערנ־באוועגונג אונ די גאנצע ארבעט צווישנ די קינדער, לײגט פאָר דער צוזאמענפאָר דעמ צ״ק אונ אלע אָרטיקע אָרגאניזאציעס צו זיכערנ א ווירקלעכנ קער פונעם קאָמיוגפארבאנד צו די פראגעס פונ קאָמוניסטישער דערציִונג פונ די קינדער.

דער צוזאמענפאָר ווײַזט אָנ, אז דערדאָזיקער קער דארפ קוידעמקאָל גײנ לויט דער ליניע פונ ארײַנציִענ די פּיאָנערנ אונ אלע קינדער, דורכ צוגעפאסטע פאר זײ פאָרמעס, אינ דער אלגעמײנער טעטיקײַט פונ די קאָמיוגישע קעמערלעך. דאָס וועט אָבער קענענ פארווירקלעכט ווערנ בלויז דאנ, ווענ די פּיאָנער־באוועגונג וועט ווערנ באזאָרגט מיט די נײטיקע קאדרענ, בא דער ווײַטערדיקער אנטוויקלונג פונ דער אקטיווקײַט אונ פונ דער שעפערישער איניציאַטיוו, בא אנ אנטשײדענעמ קאמפ קעגנ די ניטריכטיקע אָנפירונג־מעטאָדנ, וואָס פארוואנדלענ די אָרגאניזאציע פונ די קינדער גופע אינ אנ אָרגאניזאציע פאר קינדער.

6. דער 9־טער צוזאמענפאָר פונעם אל ל. ק. יו. פ. האלט, אז די גרונט־ליניע, בא וועלכער עס דארפ זיך האלטנ דער קאָמיוג אינ זײַנ ארבעט צווישנ די קינדער, דארפ באשטײנ אינ בויענ די גאנצע דערציִונג-ארבעט אפנ באָדנ פונ סיסטעמאטישנ אָנטײל פונ אלע קינדער אינ פּראָדוצירישנ אונ אינ געזעלשאפטלעכנ לעבנ פונ די פאבריקנ, ראטווירטנ, מ.ט.ס. אונ קאָלווירטנ. דאָס ארײַנציִענ די קינדער אינ פּראָדוציר־ארבעט, פארבינדנ דאָס לערנענ מיט פּראָדוציר־ארבעט — איז די אנטשײדנדיקע אופגאבע ניט בלויז פונ דעמ קאָמיוג, נאָר אויך פונ די פּראָפארײנענ.

אינ דעמ נאָענטסטנ פעריאָד שטײענ פארנ קאָמיוג פאָלגנדיקע גרונט־אופגאבעס:

1. ארײַנציִענ וואָס גרעסערע קינדערשע מאסנ אינ דער סאָציאַליסטישער בויונג אונ העכערנ די קוואליטעט פונ דער גאנצער דערציִערישער ארבעט.

א) אָרגאניזירנ די הילפ מיצאד דער פּיאָנער־אָרגאניזאציע דער פארטײ אונ דעמ קאָמיוג אינ זײער קאמפ פארנ אויספילנ דעמ אינדפינפלאנ פארנ 3־טנ אנטשײדנדיקנ יאָר פונעם פינפיאָר, פארנ אויספילנ דעמ פינפיאָר אינ פיר יאָר.

ב) העלפנ דער פארטײ אונ דעמ קאָמיוג אינעם פארווירקלעכנ די אופגאבע צו ליקווידירנ דאָס באלעגופנטום אלס קלאס אפ דער באזע פונ דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאציע, קעמפנ פארנ

אויספילן די פּראָדוציר־פּלענער אין די ראַטווירטן, מ. ט. ס. און אין די קאָלווירטן, פאַר א ריכטיקער ארבעט־אָרגאַניזירונג פון די דערוואַקסענע קינדער.

ג) העלפן אמגיכסטן אויספילן די פּלענער פון ליקווידירן די אָניוורעדיקייט פון די דערוואָקסענע און פון דער יוגנט סיי אין דאָרף, סיי און שטאָט. אריינפירן די צייטונג, דאָס בוך, די ראַדיאָ אין דער פאַמיליע פון דעם ארבעטער און פון דעם קאָלווירטלער. פאַרווירקלעכן דעם סאַניטאַר־מינימום און דורכפירן די מאָסמיטלען, וואָס דאַרפן פאַרבעסערן די קולטורעל־שטייגערישע באַדינונג פון די ארבעטנדיקע.

II. ארומכאַפּן אין די נאָענטסטע יאָרן דורך דער פּיאָנער־אָרגאַניזאַציע 100% קינדער פון די ארבעטער, באַטראַקעס, אָרעם־פּויערטום און קאָלווירטלערס.

ארויסגייענדיק פון דעם, באַשטימט דער צוזאַמענפאָר בא יעדן אינדוסטריעלן, ראַטווירטישן קעמערל צו שאַפן א פּיאָנער־באַזע, און בא אַלע קאָלווירטישע קעמערלעך—פּיאָנער־מאַכנעס.

דער זיגרייכער אָנגריף פון דעם סאָציאַליזם אפן גאַנצן פראָנט, די ליקווידאַציע פון דעם לעצטן קאַפּיטאַליסטישן קלאַס אפ דער באַזע פון דורכויסיקער קאָלעקטיווי־זאַציע, דער וווּקס פון דער סאָציאַליסטישער קולטור, דאָס פאַרענדיקן דעם פונדאַמענט פון סאָציאַליזם אין אָנקומענדיקן דריטן יאָר פון דעם פינפיאָר, שטעלט פאַר די פּיאָנער־אָרגאַניזאַציעס אין דער גאַנצער גרייס די אופגאַבע פון ארומכאַפּן אַלע קינדער פון די ארבעטנדיקע און גלייכצייטיק מיט דעם דאָס איבערארבעטן און איבערדערציען די קינדער פון אַנדערע, ניט־ארבעטנדיקע שיכטן פון דער באַפעלקערונג דורך אריינציען זיי אין דער ברייטער נעץ קרייזלעך בא די שולן, קלובן און אַנדערע קינדער־אַנשטאַלטן, דערלאָזנדיק אין די רייען פון פּיאָנער־אָרגאַניזאַציעס די פון זיי, וואָס האָבן זיך ארויסגעוויזן אין דער געזעלשאַפט־לעכער ארבעט און אינעם קאַמף פאַר בויען דעם סאָציאַליזם.

פאָרזעצנדיק דעם אַנטשיידענעם קאַמף קעגן די פּרווון פון דעם קלאַסנסוינע צו ווירקן אפ די קינדער און אפ דער פּיאָנער־אָרגאַניזאַציע, דעמאַסקירנדיק דידאָזיקע פּרווון, אריינציענדיק אין קאַמף קעגן זיי די גאַנצע קינדערשע מאַסע, איז אומבאַדינגט נייטיק דערביי צו געדענקען און שטרענג דורכצוקאָנטראָלירן דאָס אין דער פּראַקטיק, צי די פּיאָנערן־אָרגאַניזאַציע איז לויט איר אינהאַלט א קלאַסן־פּראָלעטאַרישע קינדערשע אָרגאַניזאַציע, וואָס ארבעט אונטער דער אָנפירונג פונעם קאָמיוג און פון דער פּאַרטיי.

III. דער קאַמף פאַר פּאָליטעכניזירן די גאַנצע דערציערישע סיסטעם פון דער קינדערשאַפט, דאָס גרונטיקע איבערבויען די שול אפ דער פּאָליטעכנישער באַזע איז א וויכטיקע אופגאַבע אין דער ארבעט, וואָס די פּאַרטיי, דער קאָמיוג, די פּיאָנער־אָגאַניזאַציע, די פּראָפּאַריינען און די מעלוכע־אָרגאַנען פירן צווישן די קינדער.

דער 9־טער צוזאמענפאָר פון קאָמיוג האלט פאר נייטיק, אז די פּיאָנערן־אָרגאניזאציע, אונטער דער אָנפירונג פון דעם קאָמיוג, זאָל זיך שטעלן אין שפּיץ פון דער קינדערשער מאסן־באוועגונג פארן פּאָליטעכניזם. די פּיאָנערן־אָרגאניזאציע דארף קעמפן פארן שנעלסטן פארווירקלעכן די פאָלגנדע מאָסמיטלען: אָרגאניזירן די פּראָדוציר־ארבעט פון די קינדער, צופעסטיקן אלע שולן צו די אונטערנעמונגען, שליסן אָפּמאכן צווישן דער שול און דעם זאוואָד, דעם קאָלווירט, מ. ט. ס. און דעם ראט־ווירט, אנטוויקלען די קינדערשע מאסנבאוועגונג פאר טעכניק, עקסקורסיעס אף די נײַע בויונגען, אָרגאניזירן ארויספאָרן פון די שטאָטישע קינדער אין די קאָלווירטן, און פון די דאָרפישע קינדער — אף די אונטערנעמונגען, פארנאנדערוויקלען און איבערבויען די נעץ פון די טעכנישע און לאנדווירטשאפטלעכע סטאנציעס, די ארבעט־צימערן, ארויסגעבן א מאסעווע טעכנישע ליטעראטור, באזאָרגן די שולן און די מאכנעס מיט דער נייטיקער אויסשטאטונג, אינסטרומענטן א. א. וו. און ד. ג. ל.

IV. אינעם קאמף פאר דער אלגעמיינער בילדונג און פאר דער ליקאָניווערדיקײַט, פארן קולטורעלן אופשטײַג פון די קינדערשע מאסן און פארן פארבעסערן די מאטעריעל־שטייגערישע לאגע פון די קינדער, דארף מען זיך שטעלן פאָלגנדיקע אופגאבעס:

א) ברייט פּראָפּאגאנדירן דעם באטײַט פון אלגעמיינער בילדונג, דורכויס ארומכאפּן אלע קינדער דורך דער שול, אָרגאניזירן דאָס צוגרייטן זיי צום לערנען (צוגרייטונג־ און נול־גרופּעס);

ב) קעמפן פאר דער ברייטער פאנאנדערוויקלונג פון דער נעץ פון די 7־יאָריקע שולן אלס אן אלגעמיינע אָבליגאטאָרישע פּאָליטעכנישע שול אין שטאָט, וואָס דינט אלס א באזע פאר דער ווײַטערדיקער בילדונג.

ג) ארומכאפּן אלע אָן אויסנאם אָניווערדיקע און שוואך־איווערדיקע יוגנטלעכע מיט אָרגאניזירטער בילדונג.

ד) פארפעסטיקן פאר די שולן אלע שילער ביזן ענדיקן דאָס לערנען, פולשטענדיק ליקווידירן די צווייטיאָריקײַט, באזאָרגן די אָרעמסטע קינדערשע מאסן מיט מאטעריעלער הילף און לערן־מאכשירים.

ה) פארשטארקן דעם קאמף פאר דער געזעלשאפטלעכער קינדער־דערציִונג, פארן איבערבויען די קינדער־היימען, פארן אײַנאָרדענען קינדערשע צוזאמענוווינונגען, קינדער־גערטנער, צימערן, גאָרקיכן און פאר פארברייטערן אונדזער ווירקונג אף דער פאמיליע דורך די קינדער גופע.

ו) ברענגען צו אן אײנהײַטלעכער סיסטעם די גאנצע פארגעזונטערונג־ארבעט צווישן די קינדער, פארגרעסערן די פאראנטוואָרטלעכקײַט פון די מעלוכע־אָרגאנען פאר דער זאך פון אָפּהיטן דאָס קינדערשע געזונט און מאקסימאל פארברייטערן און פארפעסטיקן די מאסן־פאָרמעס פון דער געזונט־פארהיטונג — דערציִערישע ארבעט, וואָס האָט זיך שוין בארעכטיקט אין דער פּראקטיק (פּיאָנער־לאגערס, פּלעצער, קינדער־שטעטלעך פון איינטאָגיקן אָפּרו און דאָסגלײַכן).

ז) פּאַנאַנדערוויקלען אַלע פאָרמעס פון אויסערשול־אַרבעט און אַנשטאַלטן, וואָס באַדינען די קולטורעל־שטייגערישע נויטן פון די קינדער.

V. דער קאַמף פאַר אַריַינציִען די קינדער אין דער נאַציִאָנאַל־קולטורעלער און ווירטשאַפטלעכער בויונג, פאַר פאַרשטאַרקן די־גאַנצע אינטערנאַציִאָנאַלע אַרבעט פון די פּיִאָנער־מאַכנעס און פון די שולן, דאַרף זיַין דער וויכטיקער אינהאַלט אין דער גאַנ־צער דערציִערישער אַרבעט פון דער שול פון דער פּיִאָנער־מאַכנע.

אין דער נאַציִאָנאַלער בויונג דאַרף די אויפמערקזאַמקייַט פון דעם קאָמיוג, פון דער פּיִאָנער־אָרגאַניזאַציע און פון שול זיַין קאָנצענטרירט אַף פאָלגנדיקע קאָנקרעטע אויפגאַבעס:

א) אַריַינציִען די קינדערשע מאַסע אין מעגלעכן לויט זייערע קויכעס אָנטייל אין דער ווירטשאַפטלעכער בויונג אַף די אָפּשניטן אירע, וועלכע זיַינען באַזונדערס וויכטיק פאַר דעם געגעבענעם נאַציִאָנאַלן קאַנט אָדער ראַיאָן.

ב) דורכפירן די דערציִונג און די בילדונג, די אַלגעמיינע בילדונג ביפראַט אַף דער מוטער־שפּראַך.

ג) קעמפן פאַר שאַפן און אַריַינדרינגען אין די קינדערשע מאַסן די פּראָלע־טאַרישע נאַציִאָנאַלע קולטור, פאַרן בויען די פּראָלעטאַרישע נאַציִאָנאַלע קונסט פאַר די קינדער.

ד) אַף צו קעמפן קעגן די אַלטע שטייגער־טראַדיציעס, פאַרן סאָציִאַליסטישן איבערבויען דעם שטייגער.

אָט די אַלע אויפגאַבעס דאַרפן אַריַינגיין אין דער פּראַקטיק פון דער טאָגטעגלע־כער אַרבעט ניט בלויז פון דעם קאָמיוג און פון די פּיִאָנער־אָרגאַניזאַציעס פון די נאַציִאָנאַלע געגנטן, נאָר אויך פון אַלע אָרגאַניזאַציעס פונעם פאַרבאַנד, אַרויסוויַיזנ־דיק דערמיט א וויכטיקע הילף דער אינטערנאַציִאָנאַלער דערציִונג פון די קינדערישע מאַסן, (שעפטום, בייַטן זיך מיט די דעלעגאַציעס, שיקן ליטעראַטור און אז. וו.) צוציִענדיק די קינדער צו די פּראַגעס פון אינטערנאַציִאָנאַלער רעוואָלוציִאָנערער באַוועגונג, דערציִענדיק בא די קינדער דעם באַוווּסטזיַין פון אינטערנאַציִאָנאַלער סאָלידאַריטעט.

דער 9־טער צוזאַמענפאָר וויַיזט באַזונדערס אָן אַף דער וויכטיקער אויפגאַבע צו אַנטוויקלען צווישן די קינדער די אַנטירעליגיִעזע באַוועגונג און אַף אויסאַרבעטן בא־זיי א מאַטעריִאַליסטישע וועלט־אָנשויונג.

VI. די געפאַר פון א מיליטערישן אָנפאַל אַף דעם ראַטנפאַרבאַנד און די אויפ־גאַבעס צו העכערן די שוצפעיִקייַט פון אונדזער לאַנד, האָט באַזונדערס שאַרף אַרויסגעשטעלט די נויטווענדיקייַט צו פאַרשטאַרקן די מיליטעריש־פּאָליטישע דער־ציִונג פון די קינדער און ברייט פאַנאַנדערוויקלען צווישן זיי די מיליטערישע פיזקולטור־אַרבעט.

דאָס שעפּטום איבער דעמ מיליטערישנ לופט־פלאָט, וואָס עס האָט גענומענ אפּ זיכ דער קאָמיוג, פארפליכטעט די פּיאָנערנ־אָרגאניזאציע אפּנ סאמע ברייטנ אויפנ צו פּראָפּאגאנדירנ צווישנ די קינדערשע מאסנ אונ צווישנ די דערוואקסענע די אי־דייענ אונ די קאָנקרעטע אופגאבעס פונ דעמדאָזיקנ שעפּטום אונ העלפנ דעמ קאָ־מיוג צו פארווירקלעכנ זיי, באקאנענ די קינדער מיט דער אוויאציע־טעכניק אונ פארשפּרייטנ די אוויאציע־מאָדעליזירונג אונ דעמ פלאנעריזמ אינ די פּיאָנער־מאכנעס, אינ די שולנ אונ אינ די קלובנ.

VII. דער הויפּט־באדינג פארנ דערפאָלג אינ דער גאנצער דער־ציערישער ארבעט באשטייט אינ דעמ אנטשיידענעמ פארבעסערנ די קוואליטעט פונ דערדאָזיקער ארבעט.

דאָס פארבעסערנ די קוואליטעט פונ דער ארבעט דארפ גייִנ קוידעמקאָל סײַ לויט דער ליניע פונ קעמפנ קעגנ די טענדענצנ פונ אָפּזאָגנ זיכ ארײַנצוציִענ די קינ־דער אינ דער סאָציאליסטישער בויונג, אזוי אויכ לויט דער ליניע פונ סאמע אנט־שיידענעמ קאמפּ קעגנ מעכאנישנ אריבערטראָגנ די פאָרמעס אונ די ארבעט־מעטאָדנ פונ די אָרגאניזאציעס פונ די דערוואקסענע אינ דער קינדערשער סוויווע, קעגנ אָפּ־רײַסנ די פּראקטישע טעטיקײַט פונ דער מאכנע פונ די אלגעמיינע אופגאבעס פונ אונדזער בויונג. מע דארפ פאנאנדערוויקלענ א גוטע פילפארביקע קולטור־מאסעווע ארבעט, אָרגאניזירנ די באדערפענישנ אונ די אינטערעסנ פונ די קינדער אינ דער קאָמוניסטישער ריכטונג.

דאָס איבערבויענ די גאנצע ארבעט־סיסטעמ פונ דער פּיאָנערנ־אָרגאניזאציע, דאָס צופּאסנ זי צו די נײַע אופגאבעס דארפ אויכ זיכערנ דאָס העכערנ די קוואליטעט פונ דער גאנצער ארבעט.

אינעמ אינהאלט פונ דער פּיאָנערנ־ארבעט דארפ ווערנ אײַנגעשטעלט א באַ־שטימטע סיסטעמ, וועלכע דריקט זיכ אויס אינ גרונט אינ דעמ, וואָס פאר דער גאנצער פּיאָנער־אָרגאניזאציע ווערנ ארויסגערוקט דורכ די מעלוכישע פארגעבונגענ אונ סאָצ־אָפּמאכנ מיט דיווירטשאפטלעכע אונ קולטורעלע אנשטאלטנ (א סאָצ־אָפּמאכ מיט דעמ פאָלקאָמערד, מיט דעמ פאָלקאָמפּאָסט אונ אנד.), די הויפּט־אופאבעס, די גרונט־אָפּשניטנ פונ דער ארבעט, אונ יעדע מאכנע, ארײַנציִענדיק די שול אונ די גאנצע ניט־אָרגאניזירטע קינדער־מאסנ, שטעלט ארויס אנטקעגנדיקע אָפּמאכנ, וואָס שטעלט פאָר מיט זיכ דעמ איקער פונעמ גאנצנ אינהאלט פונ דער ארבעט אינ א באשטימטנ פעריִאָד.

אינ היגזיכט פונ אָרגאניזאציאָנעלע פאָרמעס דארפ דער איבערבוי פאָרקומענ מיט אזא אויסרעכענונג, אז די רינגענ זאָלנ ווערנ די גרונטלעכע ארבעט־קעמערלעכ פונ די מאכנעס, וואָס ווערנ געשאפנ אפּ דעמ באָדנ, פונ די ארבעט־אָפּשניטנ, וואָס זײַנענ אויסגעקליבנ געוואָרנ דורכ די קינדער גופע. יעדער רינג דארפ ארבעטנ לויטנ פּרינציפּ פונ שלאָגלערײַ אונ אפּנ יעסאָד פונ ריכטיק אָרגאניזירטנ סאָצגעוועט, אויס־טיילנדיק פונ זײַנ באשטאנד פאר באשטימטע קאָנקרעטע אופגאבעס בריגאדעס, אלס קורצטערמיניקע קינדערשע קאָלעקטיוונ.

VIII. אלס אנטשיידנדיקער באַדינג אפ צו העכערנ די קוואַליטעט פונ דער פּיאָנער־ארבעט דארפ אָנערקענט ווערנ דאָס אנטשיידענע פארבעסערנ דעמ באשטאנד פונ די אָנפירנדיקע קאדרענ, באזונדערס אינ די ראיאָנענ, אונ דאָס אַלמעגלעכע העכערנ פונ זייער קוואַליפיקאציע. דער צוזאמענפּאָר פארפּליכטעט דעמ צ. ק. אונ די אַלע אָרטיקע אָרגאניזאציעס צו באַזאָרגנ אַלע פּיאָנער־מאכנעס אונ די אָקטיאבערלעכ־גרופּעס מיט קאדרענ פונ אויסגעהאַלטענע קאָמיוגיסטנ, הויפּטזעכלעכ פונ דער ארבעטער־ אונ־ קאָלווירטלערישער יוגנט, אונ ווי געהעריק אוועקשטעלנ זייער סיסטעמאַטישע צוגרייטונג דורכ סעמינארנ, קורסנ אונ הינטערויגיקער בילדונג. דער צוזאמענפּאָר האַלט פאר נייטיק אמגיכסטנ פארשטארקנ דעמ דאָרפישנ טייל פונ דער אָרגאניזאציע אונ גיט אנ אופגאבע דעמ צ. ק. דורכצופירנ די אנטשפּרעכנדיקע מאָסמיטלענ.

דער צוזאמענפּאָר מאכט אופמערקזאמ אפ דער נויטווענדיקייט מערער צוציִענ די גרינטלעכע פּעדקאדרענ צומ אקטיוונ אָנטייל אינ דער פּיאָנערנ־באוועגונג.

דער פאנאנדערגעוויקלטער סאָציאַליסטישער אָנגריפ, וואָס עס פירט דורכ דער פּראָלעטאריאט, די פארשארפטע קלאסנ־ווידערשפּרוכנ אינעמ לאנד, וואָס געפינענ זייער אָפּקלאנג אויכ אינ דער טאָגטעגלעכער ארבעט פונ דער שול, פּאָדערנ א מאקסימא קלאָרע קלאסנ־ליניע אינ דער ארבעט פונ יעדנ שול־טוער.

מיר דארפנ דורכקאָנטראָלירנ די סאָציאַל־קלאסעווע געווענדטקייט אינ דער ארבעט פונ אונדזער לערערשאפט אונ פעסטשטעלנ, אפ וויפל דער לערער ווערט ווירקלעכ פארוואנדלט פונ „אנ אוראָקנ־געבער" אינ אנ אָרגאניזאטער פונ דער קינדערשאפט אונ אינ א טוער פונ קאָמוניסטישער דערציִונג פונ די קינדער. אינ דערזעלביקער צייט דארפ דער קאָמיוג סיסטעמאטיש דערגענצנ די פּעדאגאָגישע קאדרענ, אויסנוצנדיק דערביי די טוער פונ דער פּיאָנער־באוועגונג, קעדיי צו פארפעסטיקנ די מעלוכישע דערציִונג־סיסטעמ.

IX דער צוזאמענפּאָר ווארפט אָפּ די „טעאָריע" פונ אריבערטראָגנ די מאכנעס אינ די שולנ, וואָס איז פאקטיש געווענדעט אפ צו באגרענעצנ די פּאָליטישע ראָל פונ דער פּיאָנערנ־אָרגאניזאציע מיט די ראמענ פונ דער שול־ארבעט. דער צוזאמענפּאָר ווארפט אויכ אָפּ די „טעאָריע" פונ איינשליִנגענ דורכ דער שול דעמ גאנצנ אינהאַלט פונ דער פּיאָנער־ארבעט, פונ צונויפגיסנ זיכ מיט דער שול, אונ האַלט פאר נייטיק, אינ צוזאמענהאַנג מיטנ צופעסטיקנ אַלע שולנ צו די אונטערנעמונגענ, דורכצופירנ אנ אָרגאניזאציאָנעלע איבערקאָמפּלעקטירונג פונ די מאכנעס אינ די שולנ אזוי, אז די פּיאָנערנ פונ איינ שול, זאוואָד, קאָלווירט, ראטווירט זאָלנ זיכ רעכענענ אינ דער מאכנע (באזע) פונ דעמזעלביקנ זאוואָד, קאָלווירט א. א. וו. דערמיט גופע וועלנ ליקווידירט ווערנ אינ די שולנ די פּאָרפּאָסטנ, אונ זייערע פונקציעס וועלנ איבערגעגעבנ ווערנ דער מאכנע (באזע) פונ דער געגעבענער אונטערנעמונג.

X דער צוזאַמענפאָר שטרײַכט אונטער דעם פאַקט, וואָס אין דער פּיאָנער־באַוועגונג שטייט שטאַרק אָפּ די טעאָריע פון דער פּראַקטיק, וואָס עס ווערט ניט גענוג פאַראַלגעמיינערט די גאַנצע דערפאַרונג פון דער פּיאָנערן־אַרבעט. דער צוזאַמענפאָר האַלט, אַז עס האַלט אינגאַנצן ניט קעשורע מיטן צוגרייטן קאַדרען פון וויסנשאַפטלעכע טוער אויפן געביט פון קינדערשער קאָמוניסטישער באַוועגונג סײַ אין צענטער און סײַ אויף די ערטער, און גיט אָן אויפגאַבע דעם צ״ק, אַז ער זאָל אָנעמען אַלע מיטלען, כּדי מאַקסימאַל צו פאַנאַנדערוויקלען די דיאַזיקע אַרבעט דורך דער אַקאַדעמיע פון קאָמוניסטישער דערציִונג אויף דעם נאָמען פון דער כ׳טע קרופּסקאַיאַ, דורך די וויסנשאַפטלעך־אויספאָרשערישע אינסטיטוטן און דורך שאַפן אין 1931־טן יאָר אַ ספּעציעלן אינסטיטוט פאַר קינדערשער קאָמוניסטישער באַוועגונג.

Xו דער צוזאַמענפאָר האַלט פאַר אומבאַדינגט נייטיק אויפמערקזאַם צו מאַכן די מעלוכע־אָרגאַנען אויף:

א) דער וויכטיקייט פון אַרײַנציִען די קינדער אין דער גאַנצער אַפּאַראַטיווער און פּלאַניר־אַרבעט פון דיווירטשאַפטלעכע אָרגאַנען, אַלמעגלעך אַנטוויקלען די פּראַקטיק פון געבן מעלוכע־אויפגאַבעס די קינדער מיצאַד די מעלוכע־אָרגאַניזאַציעס.

ב) זיכערן, אַז די מעלוכישע פּלאַן־אָרגאַנען זאָלן אויסאַרבעטן די פּלענער פון קולטור-שטייגערישן באַדינען די קינדער, אײַנשליסן זיי אין די אַלגעמיינע פּלענער פון דער ווירטשאַפטלעכער און קולטורעלער בויונג.

וו‎X. דער צוזאַמענפאָר מאַכט אויפמערקזאַם אַלע קאָמיוגישע און פּאַרטייִשע אָרגאַניזאַציעס אויף דער וויכטיקער אויפגאַבע פון אַרײַנציִען די קינדער אין דער מאַסנבאַוועגונג פון סאָצגעוועט, וואָס כאַפּט אַרום אַלץ מער און מער די פּיאָנער־מאַכנעס און די גאַנצע נעץ מאַסעווע שולן פון העכערן טיפּ, און אויפן סאַמע ענגסטן אופן צו פאַרבינדן זיי מיט די שלאָג־אויפגאַבעס פונעם אַרבעטער־קלאַס אין פּעריאָד פון פאַנאַנדערגעוויקלטן סאָציאַליסטישן אָנגריף איבערן גאַנצן פראָנט.

דער קאַמף פאַרן ווײַטערדיקן פאַרווירקלעכן די פּרינציפּן פון דער קאָמוניסטישער דערציִונג אין די באַדינגונגען פון פאַנאַנדערגעוויקלטן סאָציאַליסטישן אָנגריף, פאַרן איבערטראָגן די דערפאַרונג פון דער פּיאָנער־באַוועגונג אויף דער גאַנצער מעלוכישער דערציִונג־סיסטעם, פאָדערט, אַז עס זאָל זיך אויפהייבן אַ פּרײַוויליקע באַוועגונג, (דורך די קולטמאַרשן, קולט־עסטאַפעטעס, און דאָס גלײַכן) פון די אַרבעטער און אַרבעטערנס, קאָלווירטלערס, קאָמוניסטן, קאָמיוגיסטן, קולטור־ און טעכנישע טוער פאַר דער קאָמוניסטישער דערציִונג, אויף צו העלפן דער פּיאָנערן־באַוועגונג און דער שול, אויף איבערצוגעבן די קענטעניש און די דערפאַרונג דעם אונטערוואַקסנדיקן דאָר.

די פּיאָנער־אָרגאַניזאַציע, וואָס שטייט אין שפּיץ פון די ברייטע קינדערשע מאַסן פון די אַרבעטנדיקע, אונטער דער אָנפירונג פון דער פּאַרטיי און פונעם קאָמיוג, דאַרף איר גאַנצע ענערגיע, איר גאַנצע אַרבעט אונטערטעניקן דעם זיגרײַכן אָנגריף איבערן גאַנצן פראָנט פון דער סאָציאַליסטישער בויונג, אויף צו אויסוואָרצלען די קאַפּיטאַ־

ליסטישע רעשטלעך, אפ אויסצושמידן אין זייערע רייען אומוואקלדיקע און קלאַ־
סעווע שטאנדהאפטיקע באָלשעוויקעס, אפ ווענס גוירל עס פאלט אויס די אופגאבע
צו פארענדיקן ענדגילטיק דעם סאָציאַליזם, וואָס בויט זיך איצט.

פארוואנדלען די דאָרפהייזער אין באזעס פון מאסעווער פּאָליטישער אגיטאציע.

(באשטימונג פון צ. ק. אל. ק. פּ. (ב.))

דער צ. ק. קאָנסטאטירט, אז די דאָרפהייזער האָבן ניט איבערגעבויט זייער אר־
בעט און זיינען נאָך ניט געוואָרן קיין באזעס פון מאסעווער פּאָליטישער אגיטאציע,
פון קולטור-ארבעט. זיי פירן ניט קיין פּראָדוציר־פּראָפּאגאנדע פאר דער פארפעס־
טיקונג און פארן וווּקס פון די קאָלווירטן. לאכלוטן ניטבאפרידיקנדיק איז אוועקגע־
שטעלט די שטייגער־באדינונג. אין א ריי ערטער האָט מען אויסגענוצט די דאָרפ־
הייזער פאר צוזאמענווינונגען און פאר אנדערע באדערפענישן. עס זיינען פאראן
פאקטן, ווען מע האָט פארוואנדלט די דאָרפהייזער אין קאָמערציעלע אונטערנעמונגען.

דער צ. ק. לייגט פאָר אלע פארטיי־אָרגאניזאציעס און אלע פראקציעס בא די
אויספירקאָמען צו זיכערן, עס זאָל פארבעסערט ווערן דער צושטאנד פון די דאָרפ־
הייזער און מע זאָל זיי פארוואנדלען אין פונקטן פון אגיטיר־מאסעווער קולטור־
ארבעט. מע דארף פאנאנדערוויקלען אין די דאָרפהייזער א פּראָדוציר־פּראָפּאגאנדע
פאר פארפעסטיקן די קאָלווירטן און פאר זייער וווּקס, פאר בעסער אָרגאניזירן די
מאסן צום אומבעראכמאָנעסדיקן קאמפ קעגן דעם באלעגופנטום.

די פראקציעס פון צ. א. ק. און פון די אויספירקאָמען זיינען מעכוייעו:
זיכערן, עס זאָל זיין א שטענדיקע אָנפירונג מיט דער ארבעט פון די דאָרפהייזער
שאפן אין די דאָרפהייזער א ברייטע קאָנסולטאציע וועגן פראגעס פון אָרגאניזירן
די ארבעט און ווירטשאפט אין די קאָלווירטן ווי אויך וועגן סאָוועטישע און קולטור־
בויונג.

אריינציען אין דער טאָגטעגלעכער ארבעט פון די דאָרפהייזער די ערד־אָרגאנען,
די אָפּטיילן פון אויספירקאָמען אין די קאָלווירט־קאָאָפּעראטיווע אָרגאניזאציעס, צו־
פעסטיקן צו די דאָרפהייזער אגראָנאָמען, ספעציאַליסטן און אָרגאניזאציעס פון בא־
זונדערע ווירטשאפט־צווייגן.

קעדיי צו העכערן די פּראָלעטארישע ווירקונג אפ דער ארבעט פון די דאָרפהייזער
און איינצושטעלן א שטענדיקע פארבינדונג צווישן זייערע טוער מיט די שעפן,
וואָס קומען צו פאָרן צו זיי, דארף מען די דערפארונג פון אָרגאניזירן די ארבעט
און די נייע פאָרמען פון סאציאַליסטישן געוועט און שלאָגלעריי אריבערטראָגן פון
דער אונטערנעמונג אין קאָלווירט. צו דערדאָזיקער ארבעט פון די דאָרפהייזער דארף
מען צוציען די שעפטום-געזעלשאפטן.

די פּראַקטיִעס פון די אויספּירקאָמען דארפֿן זיכערן, אז עס זאָל זײַן ווי געהעריק אוועקגעשטעלט אין די דאָרפהײַזער די קולט־שטייגער־באַדינונג (צוזאַמענוווינונגען, קינסטלערישע און געדרוקטע אגיטאציע, דערנערונג־שטאלן פאר פערד).

מע מוז אנטשיידן אָפּשטעלן דאָס אויסנוצן די דאָרפהײַזער פאר אנדערע באַדער־פעגישן.

באַופטראַגן די פראַקציע פונעם אלפאַרבאַנדישן צ. א. ק. אויסצואַרבעטן מיטלען אַפ צו פארפעסטיקן די ווירטשאפטלעכ-אָרגאַניזאַציאָנעלע לאַגע פון די דאָרפהײַזער, פארגרעסערן זייער ארבעט־קוואַליטעט און פאַנאַנדערוויקלען די ווײַטערדיקע בויונג, דערהויפּט אין די נאַציאָנאַלע געגנטן. פארפליכטן דעם ראַדיאָצענטער צו ראַדיאָפיצירן און דעם פארבאַנד־קינאָ צו קינאָפיצירן די דאָרפהײַזער.

פארפליכטן די פראַקציעס פונעם אלפאַרבאַנדישן צ. א. ק., פון די געגנטקאָמען און פון די צ. ק. פון די נאַצרעפּובליקן אויסצוהערן פעריאָדיש אַפ די פּרעזידיום־זיצונגען פאָרטראַגן וועגן דער ארבעט פון די דאָרפהײַזער.

ביבליאָגראַפיע.

ס ו ר אָ ג א ט.

מ. פינטשעווסקי, „פאר קינדער“.

98 זײַטלעך. פרײַז 90 קאָפּ. מעלוכע־פארלאג פון אוקראַיִנע, כארקאָוו, 1930. טיראזש 3000 עקז. *)

„אוורעמל“, א פארוואָרלאָזט יִנגל, ווערט פארוואלגערט קיין מאָסקווע. ס׳האָט געטראָפן, ער האָט געוואָלט ארויסשלעפן דאָס זייגערל בא א צוג־מאשיניסט, וואָס האָט געדרעמלט אין סקווער אפ א באנק, האָט אים דער מאשיניסט געכאפט בא דער האנט און בא דער געלעגנהײַט אים געגעבן אביסל אגיטאציע. אוורעמל קומט אָן אין א פאבשול. איינמאָל פארבענקט ער זיך נאָך זײַנע אמאָליקער כעווריע, זוכט זיי אָפּ, פאברענגט מיט זיי א נאכט. זיי שיקערן אים אָן. מע פירט אים אָפּ א האלבפארסאמטן אין שפיטאָל. שפעטער איז ער אויסגעוואקסן א גוטער מעכאניקער.

איז, דוכט זיך, אלץ אין אָרדענונג — די טעמע, די וואקלעניש, דער אויסלאָז. די זאך איז אָבער אָנגעשריבן גאָר ניט פראָסט, נאָר שרעקלעך בילדעריש. הייסן הייסט עס — באלאדע וועגן די פארוואָרלאָזטע, ווי זיי גאנווענען און פארקויפן שרײַבט זיך: „ווארטן שפינען שפינען זיבן, איז א פליג אין נעץ ארײַן“... וואָס באטײַט די מיסטישע צאָל זיבן און ווער זײַנען די שפינען, און ווער איז די פליג — דאָס בלײַבט ניט קלאָר. דער פארגלײַך איז דעם אווטער אזוי געפעלן, אז ער כאזערט אים איבער פאר דעם פאל, ווען אוורעמל וויל באגאנווענען דעם מאשיניסט. „זיבן שפינען ווארפן נעגל“... באשטייט, הייסט עס, איינע אוורעמל פאר זיבן שפינען. דערצו ווערן מיר געוווּיר, אז שפינען האָבן נעגל... דער מאשיניסט כאפט אוורעמלען בא דער האנט, זינגט אים אוורעמל א ליד וועגן זײַן ביאָגראפיע, און זי הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „זיבן וועגן פון מײַן שטעטל שלענגלען זיך אוועק אין ווײַט. מיט א יעדן וועג א העטמאנ אפ א שווארצן אָגער רײַט“.... און גייט ווײַטער אין דעמזעלבן בוטאפאָרישן סטיל. דער מאשיניסט ענטפערט אים אָפּ ניט ווינציקער פּאָעטיש. אוורעמל שלאָגט זיך מיט דער דייע, ווי א פראָווינציִעלער טראגיקער. דער אווטער פארענדיקט דאָס קאפיטל מיט א הויך סימוואָלישן פאראלעליזם: „יונגער שטערן שווימט אין רוימען, שווימט אָן שרעק אין בלויען יאם“. אין פאבשול נאָך א יאָר ארבעט: „אוורעמל צייכנט פלענער שוין אין לעניןסטיל פאר שטיבער“. הארבסט. אוורעמל פארבענקט זיך נאָך דער גאס. „קאפעט טינט, ווי טישרע־טראָפנס און אין טינטער שנאפס“.

די פּאָזע פון טאלאנט, און דיכטערישקײַט האָט אָפּגעשפּילט מיטן אווטער א ביטער שפיצל. פון דער גאנצער געשיכטע האָט זיך באקומען א טינטער מיט טישרע־טראָפנס...

דעמזעלבן ערנסט-גענומענעם פליאסקאָ־דריגא-סטיל באגעגענען מיר אין דער צווייטער דערציילונג „דער שמייכל פון וואנ־פו“. א מעלאָדראמאטישע געשיכטע וועגן א כינעזישן אָרעם־פויערס א זון, וואָס איז אוועק אין די מאכנעס פון טשאנ־קײַ־שי, געמיינט צו טראָגן דעם פאָלק באפרײַונג. שפעטער איז אים לויט טשאנקײַ־שיס באפעל אויסגעקומען צו שיסן אין אופגעשטאנענע ארבעטער. צווישן אנדערע האָט ער דערשאָסן זײַן אייגענעם טאטן.

וואנ־פו לויפט און שיסט. אינפאָרמירט אונדז דער אווטער, אז ער וויל צו זיך שרײַען, ווי צו א פרעמדן: „פרעמדער דו! וואָס האָסטו זיך ארײַנגעריסן אין מײַן הארצן און פארצויגן א וואָלקן אפ מײַנע גירן“ (אפּאָנעם, באגערן). אז וואנ־פו לויפט, פלאָנטען זיך בא אים די פיס — ״זיג־זאג, זיג־זאג... א פלאם ברענט אין זײַן הארצן. און אין פלאם טראסקען שפענער, ווײַסע טרוקענע שפענער“... ס׳ארא טרעפלעכע דעטאליזירונג! „אין טאָל פון כריזאנטעמען זיצן דרײַ פויערטעס־שוועסטער. זיצן אין שטיל און פארבאָרגן“. זיי וועבן א פאָן. פאלט דער שמייכל פון וואנ־פו „אפ דעם רויטן זײַד, ווי בלאסע זון אפ לויטער פון פראָסטיקן טאָג“.

ווידעראמאָל פסעוודאָ־פּאָעטישע שטיק — כריזאנטעמען.

די דריטע זאך הייסט „דאָס ליד פון פאָלק אויראט וואָס אין שטאָט או־לא־לא, אפ די בערג אלטײַ“. — פארוואָס וועגן אויראט, און ניט וועגן עמעצן אנדערש —

*) מיר געפינען, אז דער רעצענזענט איז צוגעגאנגען אביסל צו ווייך צו דעם ביכל. אזא שעדלעכע ווערק טאָר מען ניט לאָזן אפ דער שוועל פון דער ארבעט-שול. אפ דער שוועל פון דער פּראָלעטארישער ליטעראטור איז דאָס קיינמאָל ניט געשטאנען... רעדאקציע.

איז שווער צו זאָגנ. קיינ טראָפנ שטייגער אָדער געשיכטע. אז אויראט האָט ארויסגעטריבנ די כאנענ, איז עס געוואָרנ פריַ. דאָס גאָר. די גאנצע מיַיסע, אפאָנעמ, איז דערציילט צוליבנ באָמענ — או-לא-לא. אהערצו איז מיטנ געהעריקנ געשמאק אריַינגעפאסט א ייִדיש כיינדל: „ציגעלע-מיגעלע, קאָטעיַנ, פאָמעראנצנ רויטע! אינ די פאלדנ פונ אלטיַ פאלנ כאנענ טויטע”...

וואָס וויַיטער איר לייענט, אלצ קלאָרער ווערט איַיכ דער זשאנר פונ אָט די אויסטערלישע מוסטערנ — סוראָגאט.

אינ דער פערטער דערציילונג — „דאָס לענינ-בלימעלע” דעמאסקירט זיכ אָט דער זשאנר ביזנ גרונט.

„דער גוטינקער זיידע-ווינטער” האָט גענומענ לענינס לעצטנ אָטעמ אונ אימ באהאלטנ אינ א וווּנדערלעכנ פעלד אונטער א בערגעלע שניי, האָט פונ דעמ אָטעמ אויסגעשפראָצט א בלימעלע. פרי-יאָר קומט צומ ווינטער בעטנ, ער זאָל עפענענ די טויערנ. דער זיידע-ווינטער נעמט באמ פרי-יאָר א שוווּע, אז ער וועט אָפהיטנ דאָס לענינ-בלימעלע. פרי-יאָר וועקט דאָס לענינ-בלימעלע פונ שלאָפ מיט א קוש אינ רויטנ קעפעלע. דאָס בלימעלע עפנט די אויגעלעכ מיט די ווערטער: „ווו זיַינענ די קינדערלעכ? איכ וויל צו די קינדערלעכ”... וויַיטער. פרי-יאָר פליט ארומ מיטנ בלימעלע איבער גאָרער וועלט, ביז זיי קומענ צוריק אהיימ צו א שטאָט... איז יאָ, וויאזוי הייסט די שטאָט? דריַיענ שטייענ בנרעג טיַיכ: א שאָפ, א בינ, א זשאבע. דער טיַיכ פרעגט זיי א רעטעניש, וואָס איר באטיַיט איז א שפיגל. שאָפ-בינ-זשאבע קאָנענ די רעטעניש ניט טרעפנ, דאָס בלימעלע אָבער טרעפט יאָ. דענסטמאָל מאכט די שאָפ: „מאָ”.. די בינ: „ס” די זשאבע: „קווא”. ווערט שוינ דאָס בלימעלע געוויר דעמ נאָמענ פונ דער שטאָט, קומט אהינ אריַינ אונ גייט, פארשטייט זיכ, טייקעפ אוועק צו די אָקטיאבערלעכ אונ פיִאָנערנ.

די געשיכטע שלאָגט אזוי צומ הארצנ, אז ס'איז א ־ערטרעגלעכ. די פלאטשיקע פאנטאסטיק, דער כאלאָשעסדיקער סענטימענטאליזמ, די גאנצע אויסטראכטעניש דאָ איז טיפ צעקריגט מיטנ נוסעכ פונ אונזער רעוואָליוציע אונ פונ דער לענינ-געשטאלט. די וואָלוולסטע געננ פונ דער ערגסטער אונ רעאקציִאָנערסטער קינדער-ליטעראטור זיַינענ דאָ צונויפגענומענ, פארזיסט מיט לאקריצ פונ רעוואָליוציִאָנערער דווייקעס אונ ווידער דערלאנגט אפנ טיש. די זאכ איז פאלש אונ פויל פונ עק אינ עק.

אָט דעמ ווידערטאמ פונ סוראָגאט פילט איר מער אָדער ווייניקער אינ אלע דערציילונגענ, וואָס זיַינענ געזאמלט אינ דעמ בוכ.

א ליד זינגט מענ דאָרט: „איז געגאנגענ א באביצע אינ וואלד מיט א קערבל שפענדלעכ קלויבנ, שפענדעלעכ קלויבנ, האָט זי באגעגנט א קליינ פיִאָנערל מיט א קרענצעלע טרויבנ”.. ניט קיינ פיִאָנער נאָר מאמעש אנ אמור.

אנ אייניקל בעט, מע זאָל אימ צולאָזנ צומ טויטנ זיידנ, ער וויל אימ דערציילנ די מיַיסע וועגנ באָטווינענ.

„רויטקעפעלע”. א פייגעלע איז אריַינגעפאלנ אינ געפאנגענשאפט. א לאנגע ציַיט געזעסנ אינ א שטיַיגל. „איז געקומענ א מענטש... מיט א גרויסנ, גרויסנ שטערנ”... ער האָט באפריַיט די ארבעטער אונ די פויערימ אונ אויסער דעמ דאָס פייגעלע רויטקעפעלע. „אינ שטערנדיקע נעכט קאָנ מענ אָפטמאָל הערנ א פייגעלע זינגט... אפנ העכסטנ טרעפעלע פונ לענינמאוזאָליי... דאָס זינגט רויטקעפעלע”...

אפ דער הילע קאָנט איר עס זענ דאָס פייגעלע, דעקאָרירט מיט א פארטיער, געטריַי איבערגעמאָלט פונ א לעשאָנע-טויווע-קארטל, א סימוואָלישער אריַינפיר צומ גאנצנ ביכל.

לענינ-בלימעלע, לענינ-פייגעלע... צי איז נאָכ מעגלעכ ערגער פאלסיפיצירנ די מעכטיקסטע געשטאלטנ פונ דער אָקטיאבער-רעוואָליוציע? —

נ. ל.

די „לעניניאנע” אינ „ביבליִאָלאָגישנ זאמלבוכ”.

די „לעניניאנע” איז זייער א וויכטיקע זאכ אינ דער ייִדישער סאָוועטישער ביבליִאָגראפיע. אינ רוסיש פארנעמט שוינ די „לעניניאנע” 6 בענדער. אינ ייִדיש וואָלט מענ אויכ געקאָנט צונויפנעמענ א גאָר גרויסנ באנד, ווענ דער צונויפשטעלער וואָלט זיכ ערנסט גענומענ צו דערדאָזיקער ארבעט אונ ניט אזוי אייפאכ דערלייזט זי. דער אווטער, י. קוויטני סטראכירט זיכ פאָרויס, אז „די ארבעט איז ניט אינגאנצנ פול”, וויַיל מיר האָבנ ניט געהאט אונטער דער האנט קיינ פולנ קאָמפלעקט „וועקער”, אלע פראָווינצ-אויסגאבעס א.ד.ג.

א פיַינער ביבליִאָגראפ! אפ צו צונויפשטעלנ א „לעניניאנע” נוצט מענ אויס דעמ מאטעריאל, „וואָס

ס׳איז דאָ אונטערן האנט״. בלעטערן מיר דורך די 501 נומערן, געפינען מיר ניט קיין איין ארטיקל פון דער „יונגע גווארדיע״. האָט דען פאר די 5 יאָר ניט געגעבן די „יונגע גווארדיע״ קיין איין ארטיקל לענינס און וועגן אים? נאָר... דער „ביבליִאָגראפקוויטני״ האָט, ווײַזט אויס, ניט געהאט אונטער דער האנט, און עס איז מיסטאמע פאר אים א „פראָווינציִעלע אויסגאבע״!

ס׳איז באארבעט געוואָרן דער קינדער־זשורנאל „פריידי״ פארן 1924 יאָר, — ס׳פעלט אָבער אינגאנצן דער „זײַ גרייט״! דאָס איז ניט אָן א סיסטעם?

ס׳איז דאָ א ליד פון דער כרעסטאָמאטיע „אָקטיאַבער־קינדער״ פארן צווייטן לערניאָר (זע נום. 458 (און דאָס גראד איז גוט),— ס׳איז אָבער ניטאָ קיין ארטיקלען, לידער, דערציילונגען פונעם זשורנאל „שטערן״, „יִדישן פויער״, „דער קוסטאר״ א. א.

דעם כ. קושניראָוו׳ס גוט באוווסטע ליד וועגן לענינען קאָנט איר געפינען נאָכן „ביבליִאָגראפקוויטני״ נאָר אין דער כרעסטאָמאטיע „קאמף און אופבויִנו, ווי געפעלט אײַך אזא ביבליִאָגראפישע באהאוונטקײַט!

מע דארף דאָך פארשטיין, אז דער כ. קושניראָוו, האָט זײַן ליד וועגן לענינען ניט געשריבן לויט דער באשטעלונג פון די כערסטאָמאטיע־צונויפשטעלער. בא אזא ערנסטער ארבעט וואָלט דער ביבליִאָגראף געדארפט אָנווײַזן, ווו ס׳איז צום ערשטן מאָל געדרוקט געוועןן דידאָזיקע ליד און נאָך דעם ערשט כראָנאָלאָגיש אָנווײַזן, ווו זי איז איבערגעדרוקט געוואָרן (דידאָזיקע ליד איז איבערגעדרוקט געוואָרן צענדליקער מאָל).

ווײַטער ווילט זיך אָנווײַזן אפ דער אומגעלומפערטער סיסטעם פון באארבעטן מאטעריאלן: ער ווײַזט אָן „דער פרײַער ארבעטער״— וויטעבסק —1918 דעם „עמעס״ פון 1923. די יאָרן 1920, 1921, 1922 זײַנען דורכגעלאָזן. פארוואָס? די „רויטע וועלט״ נאָר 1924 — און פארוואָס זײַנען די איבעריקע יאָרן אויסגעמעקט פארן ביבליִאָגראף?

דאָסזעלבע מיטן זשורנאל „אפ די וועגן צו דער נײַער שול״. אויסגענוצט נאָר דעם 1924 יאָר — און די איבעריקע פארוואָס זײַנען ניט באארבעט געוואָרן?

אָט איז דאָך אין דעמזעלבן זשורנאל פארן 1928 יאָר נ. 2 פאראן אזא וויכטיקע זאך, וואָס האָט געדארפט אומבאדינגט ארײַן אין דער „לעניניאנע״. דאָס איז די „רעשימע פון די ארטיקלען, רעדעס און בראָשורן, וואָס זײַנען ארײַן אין דער יִדישער אויסגאבע פון וו. א. לענינס „אויסגעווילטע ווערק״ (לעניִן־ביבליִאָטעק) סעריע נום. 1 (צענטרפארלאג).

אפ די איבעריקע וויכטיקע ארטיקלען האָב איך ניט די מעגלעכקײַט אָנצוווײַזן, ווײַל דאָס איז ניט מײַן אופגאבע. אָבער דער זשורנאל „שטערן״, אזא וויכטיקע אויסגאבע, איז אויך ניט באארבעט — איז עס ניט א סקאנדאל?

פון בוך־מאטעריאלן איז דורכגעלאָזן אזא ביכל ווי: „גאָרעוו—פון טאָמאס מאָר ביז לענינען״. דאָרט, איז דאָ א ספעציִעלער קאפיטל וועגן לענינען (עפשער האָט דער אווטער עס דורכגעלאָזן, ווײַל ס׳איז ביז לענינען?..)

אָדער אזא מין אנעקדאָט: קוויטני האָט באארבעט ארויסגענומענע קארטלעך פון 5־קאָפּקענע בראָשורקעס ער האָט אָבער ניט געפונען פאר נייטיק ארויסצושרײַבן קארטלעך פון די געשיכטעס פון אל. ק. פ. (ב)., וואָס זײַנען דאָ אין יִדיש — זינאָוויעווס, פּאָפּאָווס און יאראָסלאווסקיס.

ווי פארשטייט מען דאָס ניט, אז לענינס נאָמען איז „עפעס״ „אויך״ פארבונדן מיט דער געשיכטע פון אל. ק. פ. (ב). און, אז ס׳איז דעריבער נייטיק אויסשרײַבן פון דאָרטן די קאפיטלעך וועגן לענינען?

אָט אזוי זײַנען דורכגעלאָזן זייער אסאך וויכטיקע מאטעריאלן,— טאקע אזעלכע מאטעריאלן, וואָס מ׳קאָן געפינען אפילע אין א קלוב־ביבליִאָטעק.

איך האָב ניט די מעגלעכקײַט צו דורכקאָנטראָלירן דעם צײַטונג־מאטעריאל, נאָר דאָרט איז אויך ניט ווייניק דורכגעלאָזן.

צולעצט אזא מין קוריאָז: אין דער רעשימע פון באארבעטן זאמל־ביכער און כרעסטאָמאטיעס איז אויך ארײַן... אי. פעפערס — „געקליבענע ווערק״: — פעפערס „געקליבענע ווערק״ איז ניט קיין זאמלבוך און... ניט קיין כרעסטאָמאטיע.

ס׳איז א וווּנדער, וויִאזוי אזא פאראנטוואָרטלעכע רעדאקציע האָט דורכגעלאָזן אזא שמאטעדיקע ארבעט אין דער צײַט, ווען דיזעלבע רעדאקציע מיט דער הילף פון אייניקע אווטערס האָט זיך גענומען אראָפּרײַסן אנדערע ארבעטן פון „קנאפער קוואליפיקאציע״. איך מיין מיט דעם די אראָפּרײַסערישע רעצענזיע וועגן דעם ערשטן בא אונדז ביבליִאָגראפישן, עמעס, טיילווײַז פעלערהאפטן, פרווו פון די כ. כ. נאדעל און עליאָוויטש — „דאָס יִדישע בוך״— א רעצענזיע, אין וועלכע, ס׳איז פאראן ניט ווייניק ביבליִאָגראפישע

אמעראצעס, (לעמאָשל, זײ קומענ מיט פאמינס רעצעפּט אונ פאָדערנ, אז די אווטערס זאָלנ זיכ האלטנ בא זײַנ מעטאָד דאנ... ווענ דאָס ביכל איז דערשינענ פאר פאמינס ארבעט; אָדער אזא אָנווײַזונג — פאר־וואָס האָבנ די אווטערס איגנאָרירט מארקישנ, דאנ... ווענ מארקיש האָט פאר די יאָרנ 28—1922 קײנ ביכער ניט ארויסגעגעבנ א. ד. גל.)

אפ ווײַטער דארפנ די ביבליִאָגראפישע זאמל־ביכער פארנעמענ זיכ מיט ערנסטע מעטאָדאָלאָגישע אונ טעאָרעטישע ביבליִאָגראפישע פראגעס, וואָס זאָלנ גרייטנ ערנסטע ביבליִאָגראפישע קאדרענ פונ די כ. כ. נאדעל, קוויטני, עליאָוויטש א. א. וו. אונ די פראקטישע ביבליִאָגראפישע רעשימעס דארפנ זײַנ אסאכ ערנס־טער מיט מער באהאוונטקײַט אונ אויכ מער אקטוע־לער, ווי, אשטייגער „די דרוק־פראָדוקציע פארנ 1917 יאָר"...

ל. גראדענטשיק

„ערשטע טריט" — לערנבוכ פאר ליקפּונקטנ. — פ. בורגאנסקי, א. ליבערמאנ

124 זײַטנ פרײַז 45 ק. 40.000 עקז. כארקאוו 1930.

ניט אָפּשטעלנדיק זיכ אפ דער מעטאָדיק פונ גראמאָטע, ווײַל דאָס איז ניט מײַנ אופגאבע, וויל איכ אָנווײַזנ, אז אינ אלגעמיינ גיט דאָס לערנביכל א ריכטיקע פּאָליטישע אײַנשטעלונג אונ פירט ארײַנ די שילער אינעם רוים פונ וויכטיקע פראָבלעמעס אונ אופגאבעס, וועלכע שטייענ פאר דער פארטײ אונ ראטנמאכט. די פראגעס פונ אינדוסטריִאליזאציע, קאָלעקטיוויזאציע, די נײַע אופגאבעס פונ דער קאָאָפּעראציע, פראגעס פונ קולטור־רעוואָליוציע, ייִדישע ערד־ אײַנאָרדענונג, — באקומענ אנ אָפּשפּיגלונג אינעם לייענ־מאטעריאל.

מע מוז אָבער אָנווײַזנ אפ אייניקע וויכטיקע, ניט דערלאָזבארע פעלערנ, וועלכע די אווטערס האָבנ געמאכט

אפנ זײַטל 30, אינ דער דערציילונג „קאָלעקטיוו־פעלדער" ווערט גערעדט וועגנ קאָלעקטיוו, ווי פונ א מער לוינבארער ווירטשאפט פונ ריינ עקאָנאָמישנ שטאנדפונקט: „וואָס גרעסער דער קאָלעקטיוו, קאָנ ער מער טראקטערס קויפנ, די גערעטעניש איז בעסער, ס'איז דאָ אגראָנאָמישע הילפ" א. א. וו.

די אווטערס פארטונקלענ אזוי ארום דעם עצעם טאָכ פונ א קאָלעקטיוו אלס א נײַעם טיפ פונ א סאָציִאליסטישער ווירטשאפט.

אפנ ז. 33 אינ דער דערציילונג „מיר בויענ קאָל־ווירטנ" איז פאראנ אזא אויסדרוק: „ניט צופרידנ זײַנענ די סאָנים פונ די ארבעטער אונ פונ די האָרע־פאשנע פויערים". דער אויסדרוק זאָגט גאָרניט וועגנ דעם פאראקשנטנ קלאסנ־קאמפ, וועלכנ די סאָנים פירנ קעגנ דער סאָצבויונג סײַ אינ שטאָט, סײַ אינ דאָרפ. עמעס, אינ די ווײַטערדיקע דערציילונגענ זײַנענ פאראנ מאָמענטנ פונ קלאסנקאמפ פונ די באלעגופים, ווי שעכטנ די פי, אגיטירנ צווישנ די פרויענ, נאָר מ'האָט באדארפט בוילעטער אָפּשפּיגלענ אָט די מאָמענטנ, קעדײ ארויסרופנ באם לייענער א שטארקנ האס צו די קלאסנ־סאָנים. דער פעלער פונ דער דערציילונג אפנ ז. 30 ווערט טײלווײַז אויסגעבעסערט אינ דער דער־ציילונג אפ ז. 39.

די אווטערס האָבנ זיכ ניט אָפּגעשטעלט אפ די פארבליבענע עלעמענטנ פונ קאמפ אינ די קאָלעקטיוונ, גופע, צווישנ דער אָרעמקײַט אונ א טײל מיטעלע פויערים, וועלכע האָבנ אנ אייגענע ווירטשאפט אונ טראָגנ צומאָל ארײַנ זייערע אינדיווידואליסטישע שטי־מונגענ אינ די קאָלווירטנ; זײ האָבנ זיכ אויכ ניט אָפּגעשטעלט אפ דער ראָל פונ דער אָרעמקײַט אינ די קאָלעקטיוונ. ס'איז אויכ גאָרניט געזאָגט גע־וואָרנ וועגנ דעם נײַעם אָנשפאר אינ דאָרפ.

ווי אפ א וויכטיקנ פעלער מוז מענ אָנווײַזנ אויכ דאָס, וואָס עס פעלט מאטעריאל וועגנ די טיפנ קאָ־לעקטיווע ווירטשאפטנ, וואָס עס איז ניט פאראנ קײנ אויסצוגנ פונ א מוסטער־סטאטוט פונ אנ ארטעל.

אינ דער דערציילונג „צו וואָס האָט מענ באדארפט בויענ טורקסיב" (ז. 60) — איז פאראנ אזא אויסדרוק: „מיטל־אזיע וועט ווערנ א מעכטיקע רויוואָרג־באזע פאר אונדזער סאָציִאליסטישער אינדוסטריע". דער דאָזיקער געדאנק, אָנשטאָט דעם צו באקאנענ די שילער מיטנ באשלוס צו אינדוסטריִאליזירנ די ווײַטע געגנט אָריענטירט ניט ריכטיק די דערוואקסענע, אז מיטל־אזיע וועט קלוימערשט שטענדיק זײַנ נאָר א רויוואָרג־באזע פאר דער אינדוסטריע, וועלכע איז ביז אהער געווענ קאָנצענטרירט אינ די צענטראלע געגנטנ. דיזאָזיקע באהויפּטונג שטימט ניט מיט אונדזער פינפיאָריקנ פּלאנ פונ גרויסע בויונגענ, מיט אונדזער נאציִאָנאלער פּאָליטיק בנוגע די אָפּגעשטאנענע ראטנ־רעפּובליקנ

דורכ דעמ גאנצנ מאטעריאל וועגנ אינדוסטריאליזאציע אונ קאָלעקטיוויזאציע מוז דורכגיינ, ווי א רויטער פאָדעמ, דער געדאנק, אז מיר דערבויענ דעמ פונדאמענט פונ דער סאָציאַליסטישער עקאָנאָמיק, אז איצט איז די לעצטע שטופע פונ נעפ. דאָס פעלט אינ דעמ גאנצנ מאטעריאל פונ דערמאָנטנ בוכ.

מע מוז אומבאדינגט צוגעבנ אזעלכע מאָמענטנ: צו די פאָליט-טעג—די פאריזשער קאָמונע אונ לענער-צעשיסונג, קינסטלערישנ מאטעריאל וועגנ דער אָקטיאבער-רעוואָליוציע, בירגער-קריג אינ 1905 יאָר, לענינס אונ סטאלינס ביאָגראפיעס — די סאמע וויכטיקע אונ בוילעטע מאָמענטנ כאָטשבע אינקורצנ. דאָס, וואָס ס'פעלנ לענינס אונ סטאלינס ביאָגראפיעס איז א ניט דערלאָזבארער פאָליטישער פעלער.

בענויגייע דעמ גאנצנ לייענ-מאטעריאל קאָנ מענ זאָגנ, אז ער איז אמערסטנטייל אָנגעשריבנ געוואָרנ מיט א צײַטונג-שפראכ. מע מוז אויסנוצנ צומ לייענענ מער קינסטלערישנ מאטעריאל, אריַינשטעלנדיק אויסצוגנ פונ אָריגינעלע קינסטלערישע ווערק.

ק. קרופיצקאיא.

מיט וואָס איז עס אנ ארבעט-בוכ?

ק. בעזנאָסיק, ל. צארט. ארבעט-בוכ אפ ליטעראטור פאר די ערשטע קורסנ פונ ארבפאק אונ אָוונטשולנ פונ העכערנ טיפ. ערשטער טייל. צענטער-פארלאג. מאָסקווע. פרײַז 2 ר. 25 ק.

דער צוועק פונעמ ליטעראטור-לימער מיט דערוואקסענע אינ ארבפאק אונ אינ אָוונט-שול איז אויסלערנענ באנעמענ א ליטעראַרישע דערשײַנונג ניט אלס אנ אָפּגעזונדערטנ אייווער פונעמ גאנצנ ארומ, נאָר אלס אנ אָרגאנישנ טייל פונעמ פילפארביקנ געזעלשאפטלעכנ פראָצעס, פונ דעמ קלאסנקאמפ.

דער דערוואקסענער, וואָס קומט אָנ אינ ארבפאק, צי אינ אָוונט-שול, ברענגט מיט זיכ מערסטנטייל א גרויסע לעבנ-דערפארונג; ער איז אָפט זייער „באלעזנ" אינ ליטעראַטור, ער איז אויסגעקאָכט אינ אסאכ קינסטלערישע ווערק, — ער פארשטייט זיי אָבער גאנצ פרימיטיוו. פאראנ דערוואקסענע מענטשנ, וואָס ביז זיי קומענ זיכ לערנענ אינ דער אָוונטשול, האָבנ זיי קיינ באגריפ ניט פונ קיינ קריטישער באציִונג צו א קינסטלעריש ווערק.

די אָוונט-שול דארפ מיטהעלפנ אירע צוהערער אײַנשטעלנ אנ אָרדענונג אינ דעמ מישמאש, וואָס סע באמערקט זיכ באמ דערוואקסענעמ בענויגייע א ליטעראריש ווערק; מע דארפ אימ, וואָלט איכ געזאָגט, איבערגרייטנ אפ ליטעראטור, אויב ער קומט פונ דערהיימ מיט וואָסערע ס'איז פארפלאָנטערטע שטיקלעכ ידיִעס אינ דעמ געביט. ער דארפ דעריקער קריגנ אינ שול א שטרענג-דיאַלעקטיש מאטעריאליסטישע וועלט-אָנשויונג, וואָס זאָל אימ מיטהעלפנ צו אופנעמענ יעדעס קינסטלעריש ווערק פונעמ מארקסיסטיש-קריטישנ שטאנדפונקט.

אינ אזא ריכטונג דארפ זײַנ געבויט אנ ארבעט-בוכ אפ ליטעראטור, ביכלאל, אונ פאר דערוואקסענע ביפראט.

ווי איז געבויט דאָס בוכ פונ בעזנאָסיק אונ צארט? אויב מיר זאָלנ אָפּוואַרפנ די „פראגעס אונ אופגאבעס", וואָס זײַנענ דערצו געגעבנ אפ א זייער טראפארעטנ אופנ צו דער מערהײַט פראגמענטנ אינ בוכ, וועט פונעמ „ארבעט-בוכ" בלײַבנ א געוויינטלעכע כרעסטאָמאטיע. מיט וואָס אינדערעמעסנ שיידט זיכ דאָסדאָזיקע בוכ אונטער פונ דער כרעסטאָמאטיע "ליטעראטור" (מ. האדער, ע. קאָפּטשיץ, י. ד. קורלאנד), וואָס איז דערשינענ גלײַכצײַטיק מיטנ ארבעט-בוכ אפ ליטעראטור אינ איינ אונ זעלבנ אָרט? דאָרט זײַנענ אויכ פאראנ טעמעס פאר שמועסנ א. ד. גל., פונדעסטוועגנ פרעטענדירנ ניט די אווטערס, אונ מיט רעכט, אפ קיינ ארבעט-בוכ.

שאפנ אנ ארבעט-בוכ, אפ ליטעראטור פאר דערוואָקסענע — הייסט פלאנירנ דעמ מאטעריאל אזוי, אז דער שילער זאָל קענענ זעלבשטענדיק ארבעטנ איבער די טעמעס. דער לערער דארפ געוויינטלעכ געבנ די ציל-אָנשטעלונג, דעמ ארײַנפיר-שמועס, ער קענ בעייס דער שילער אורבעט איבערנ טעקסט, אימ צונויצ קומענ מיט אנ אווטאָריטעטער דערקלערונג בא א פארפלאָנטערטער פראגע, ער דארפ, אזוי צו זאָגנ, פארקיַלעכיקנ אונ סומירנ דעמ שילערס ארבעט, אונטערפירנ אונטער דער ארבעט א שטרענגע סיסטעמ. אָבער אינ אלגעמיינ דארפ דער לערער, וואָס האָט פאר זיכ אנ עמעסנ ארבעט-בוכ נאָר סטימולירנ דעמ שילער צו ארבעט.

ס'איז נאָכ ווייניק צו געבנ „פראגעס", ווי דאָס טוענ די אויטערס פונ ארבעטס-בוכ. אפ א פראגע קענ מע ענטפערנ אָדער יאָ אָדער ניינ, אונ דער טאָכ זאָל בלײַבנ ניט פארענטפערט. מע דארפ די טעמע באאר-בעטנ ברייטער:

א. געבנ א דעטאלנ סאָציאָלאָגישנ אנאליז פונעמ ווערק.

ב. א קורצנ קינסטלערישנ אנאליז (טיפ פונ ווערק, ליטעראַרישער זשאנר, קינסטלערישע מיטלענ א. ד. גל.

ג. די פארגעבונג פאר א שריפטלעכער ארבעט דארפ מענ שטעלנ ניט אינ קיינ אבסטראקטער פאָרמ („אופשטעלונג פונ דער סאָציאליסטישער פאבריק" ז' 53 צו „הערשל שאמײַ"). מע דארפ ווײַזנ דעמ שילער וואָס צו טונ מיט דער פארגעבונג, וויאזוי צו פאנאנדער-ארבעטנ די טעמע. קעדיי דאָס צו דערגרייכנ איז פאראנ אסאכ וועגנ אונ מיטלענ, מע קענ זיי מיט דערפאָלג אָנווענדנ אינ אנ ארבעט-בוכ אפ ליטעראטור.

ווי די פראקטיק מיט דערוואקסענע האָט אונדז אָנגעלערנט, דארפ מענ צו יעדנ ווערק צוגעבנ, כוצ דעמ ליטעראַרישנ טעקסט אינ בוכ, אויכ אזוינע, אינ דער גלײַכער מאָס נייטיקע, מאטעריאלנ.

1. קורצע ארטיקלענ, וואָס העלפנ מיט צו באלײַכטנ די עפּאָכע אונ דעמ קלאסנקאמפ אינ דעמ פעריאָד וואָס האנדלט זיכ אינ דעמ ווערק.

2. קורצע ביאָגראפישע ידיעות וועגנ שרײַבער. דידאָזיקע ביאָגראפישע ידיעות דארפ מענ געבנ אינ די גרענעצנ, וואָס שטימענ מיט די פרינציפנ פונ דער מארקסיסטישער לערע (די אידעאָלאָגיע, סאָציאלע ווירקונגענ, קלאסנאָנגעהעריקײַטנ).

3. א רעשימע אינ כראָנאָלאָגישנ סיידער פונ די וויכטיקסטע ווערק דעמ שרײַבערס — די, וואָס טראָגנ אנ אויסגעהאלטענעמ אידעאָלאָגישנ כאראקטער.

באמערקונג. אויב ס'ווערט געגעבנ א פראגמענט פונ א ווערק (ווי לעמאָשל „ארבעטס-בוכ": „הערשל שאמײַ" (פרײַ געקירצט), דארפ מענ אָנווײַזנ דאָס גאנצע ווערק, אויכ דעמ פארלאג, אונ צווישנ די דורכגעלאָזטע ערטער דארפ דער צונויפשטעלער פונ בוכ איבערגעבנ אינקורצנ, מיט אייגענע ווערטער, דעמ אינהאלט פונ די דורכגעלאָזטע קאפיטלעכ. אנדערש וועט דער שילער גאנצ אָפט ניט פארשטיינ דאָס ווערק אינגאנצנ גענומענ.

4. צו יעדער ווערק מוז אומבאדינגט צוגעגעבנ ווערנ א קריטישע אָפּהאנדלונג, אויסגעהאלטנ פונ מארקסיסטישנ שטאנדפונקט. זאָל דער שילער ניט באגרענעצנ זיכ מיטנ ליטעראַרישנ טעקסט אליינ, אָדער דערמיט, וואָס דער לערער וועט אימ זאָגנ. מע דארפ אויכ ווי ווײַט מעגלעכ אָנווײַזנ אונטערנ טעקסט אפ די געדרוקטע קריטיק-ארטיקלענ אינ אונדזער פעריאָדישער פרעסע.

דאָרט, ווו עס לאָזט זיכ, דארפ מענ בא יעדנ ווערק אָנווײַזנ אפ ענלעכע ווערק, לויט דער טעמע, בא אנדערע שרײַבער. די ליטעראַרישע פאראלעלנ פארגרינגערנ דעמ צוהערער אופנעמענ דעמ קלאסנ-טאָכ פונ א ווערק אונ צו דערקענענ דעמ קלאסנ-פראָצעס פונ א שרײַבער.

6. דער קינסטלערישער אנאליז דארפ גיינ האנט בא האנט מיטנ סאָציאָלאָגישנ. בא יעדנ ווערק קענ דער צוהערער קריגנ א שלאל ידיעות אינ ליטעראטור-קענטעניש. דידאָזיקע ידיעות דארפ ער געפינענ אונטערנ טעקסט גופע אונ ניט אָפּגעזונדערט פונעמ ווערק, ערגעצ צומ סאָפ, ווי סע טוענ די אויטערס פונעמ „ארבעט-בוכ". איידער אָפּשיקנ דעמ שילער צו א באזונדער אָרט („עלעמענטנ פונ דער קינסטלערישער שפראכ"), ווו אלצ איז אָנגעהויפנט צוזאמענ, איז גלײַכער זיכ אָפּשטעלנ אפ א געוויסנ איינס אונ דערנאָכ דאָס פאראלגעמיינערנ — דאָס וועט געבנ מער עפעקט. סיסטעמאטיזירנ די ידיעות איז די אופגאבע פונעמ לערער.

7. די ארבעט אפ צו באנרײַכערנ דעמ שפראכ-אויצער איז פארנ שילער פונ אָוונט-שול איינע פונ די וויכטיקסטע זאכנ. דער שילער טרעפט אינ יעדנ ווערק אסאכ אומפארשטענדלעכע, נײַע ווערטער. די-דאָזיקע ווערטער דארפ ער אָנגעבנ אינ זײַנ ווערטער-לעקסיקאָנ. מע דארפ זענ, אז קיינ איינ וואָרט זאָל ניט בלײַבנ באמ שילער אונטער א סאָפעק. וואָלטנ געווענ יידישע ווערטער-ביכער, וואָלט מענ געדארפט רעקאָמענדירנ צו נוצנ זיכ מיט זיי בא דעמ ליטעראטור-לימעד. דערווײַל דארפ דאָס זײַנ די אופגאבע פונעמ „ארבעט-בוכ אפ ליטעראטור" צו יעדנ ווערק דארפ צוגעגעבנ ווערנ א צעטל פונ די אומפארשטענדלעכע ווערטער אונ די דערקלערונגענ צו זיי, א מינ ווערטער-ביכל.

8. די „געשעפטלעכע" שפראכ איז פאר דעמ דערוואקסענעמ זייער וויכטיק. אינ אָוונט-שול מוז ער קריגנ די נייטיקע שפראכטעכניק, אָבער ווידעראמאָל: מע דארפ די עלעמענטנ פונ דער „געשעפטלעכער" שפראכ דערלאנגענ ניט באזונדער, נאָר אײַנגלידערנ געוויסע מאָמענטנ פונ זיי אינ יעדער ארבעט אפ א

ליטעראַרישער טעמע. אפ די פובליציסטישע אַרטיקלען, וואָס דאַרפן אַרײַנגײן אין „אַרבעט-בוך“ אפ ליטעראַטור, קען זיך דער דערוואַקסענער צונויפשטעלן טע־זיסן, א קאָנספּעקט, א באַריכט א. ד. גל.

מיר רעזיומירן: אן אַרבעט-בוך אפ ליטעראַטור דאַרף געבן דעם דערוואַקסענעם שילער די ברייטסטע איניציאַטיוו פאַר שעפערישער אַרבעט; ער דאַרף צו-ליב דעם האָבן פאַר זיך סײַ די ליים און די ציגל, סײַ די קאָנסטרוקטיוו-עלעמענטן אפ צו באַאַרבעטן א ווערק. מיט טרוקענע „פראַגעס און אופגאַבעס“ וועט דאָס קיין אַרבעט-בוך ניט זײַן ...

ש. קופּערשמיד.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, וואָס דער כ. לעוויטאַן מ. איז איבערגעלאָדן מיט אַרבעט און דער כ. י. קאַנטאָר איז אַריבערגעפאָרן אין מאָסקווע, האָט די רע־דאַקציע, לויט זייער ביטע, זיי באַפרײַט פון די פליכטן אַלס מיטגלידער פון רעד־קאָלעגיע. דער פאָלקאָמבילד האָט באַשטעטיקט פאָלגנדיקן באַשטאַנד פון דער רעדקאָלעגיע פאַרן זשורנאַל „ראַטנבילדונג“: א. מאַקאַגאָן (פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטער,) ש. גולקאָ, ד. מאַץ. ל. מישקאָווסקי, א. ספּיוואַק, יא. רעזניק און ב. באַראַש.

רעדקאָלעגיע: ב. באַראַש, ש .גולקאָ, ל. מישקאָווסקי, ד. מאַץ, א. ספּיוואַק, יא. רעזניק.

פאַראַנטוו. רעדאַקטער — א. מאַקאַגאָן.

לערנביכער

פאַר דער אַרבעטשול אפן לערניאָר 1931—32, וואָס וועלן דערשינען פון דרוק אין צענטרפאַרלאַג, אַלוקראַיִנישע אָפּטיילונג, צום אָנהייב לערנסעזאָן.

I לערניאָר

„זײַ גרייט", אַלעפבייז.

דידאַקטישער מאַטעריאַל צום „זײַ גרייט".

אַרבעטבוך אפ שפּראַך (כרעסטאָמאַטיע־טייל).

„ „ שפּראַך (שרײַבן און אויסלייגן).

„ „ מאַטעמאַטיק.

II לערניאָר

אַרבעטבוך אפ שפּראַך (כרעסטאָמאַטיע־טייל).

„ „ שפּראַך (שרײַבן און אויסלייגן).

„ „ מאַטעמאַטיק.

III לערניאָר

אַרבעטבוך אפ שפּראַך און געזעלשאַפטקענטעניש.

„ „ שפּראַך (אויסלייג און גראַמאַטיק).

„ „ נאַטורוויסנשאַפט.

„ „ מאַטעמאַטיק.

IV לערניאָר

אַרבעטבוך אפ שפּראַך, געזקענטעניש און ליטעראַטור.

„ „ שפּראַך (אויסלייג און גראַמאַטיק).

„ „ נאַטורוויסנשאַפט.

„ „ מאַטעמאַטיק.

לערניאָר V

ארבעטבוך אפ שפּראַך און ליטעראַטור.

„ליטעראַטור" (צום ארבעטבוך אפ שפּראַך און ליטעראַטור).

געזקענטעניש — געשיכטע.

געזקענטעניש — הייַנטצייַטיקייַט.

ארבעטבוך אפ געאָגראַפיע.

„ „ נאַטורוויסנשאַפט.

„ „ מאַטעמאַטיק.

„ „ כעמיע.

„ „ פיזיק.

לערניאָר VI

ארבעטבוך אפ שפּראַך און ליטעראַטור.

„ליטעראַטור" (צום ארבעטבוך אפ שפּראַך און ליטעראַטור).

געזקענטעניש — געשיכטע.

„ — הייַנטצייַטיקייַט.

ארבעטבוך אפ געאָגראַפיע.

„ „ נאַטורוויסנשאַפט.

„ „ מאַטעמאַטיק.

„ „ כעמיע.

„ „ פיזיק.

לערניאָר VII

ארבעטבוך אפ שפּראַך און ליטעראַטור.

„ליטעראַטור (צום ארבעטבוך אפ שפּראַך און ליטעראַטור).

געזקענטעניש — געשיכטע.

„ — הייַנטצייַטיקייַט.

ארבעטבוך אפ געאָגראַפיע.

„ „ נאַטורוויסנשאַפט.

„ „ מאַטעמאַטיק.

„ „ כעמיע.

„ „ פיזיק.

UNIVERSITY OF
ILLINOIS LIBRARY
AT URBANA-CHAMPAIGN
BOOKSTACKS

296.07
R189
no.4

פּרײַז 35 קאָפּ.

ЄВРЕЙСЬКОЮ МОВОЮ

„РАТНБІЛДУНГ“

(„Радянська Освіта“)

ПЕДАГОГІЧНИЙ ЩОМІСЯЧНИК

ОРГАН Н. К. О. УСРР

ВСЕУКРАЇНСЬКА ФІЛІЯ

Центрального Видавництва Народів С.Р.С.Р.

при Президії ВУЦВК'у

ХАРКІВ